STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10312

UNDZERE YONTOYVIM

Meyer Schwartzman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הרב מאיר שווארצמאן

אונדזערע
יום-טובים

ה׳תש״ו :: וויניפעג, קאנאדע :: 1946

Copyright 1946

By Rabbi Meyer Schwartzman

367 Boyd Avenue

Winnipeg - Canada

געדרוקט אין ״דאָס אידישע וואָרט״ וויניפּעג

Printed in Canada

25

אינהאלט

פאָרוואָרט 3
פסח .... 7 — 34
שבועות .... 35 — 64
שבעה עשר בתמוז .... 65 — 69
לאָמיר זיי כאָטש געדענקען .... 70 — 71
יתגדל ויתקדש .... 71 — 74
דאָס אידנטום געהילט אין טיפן טרויער .... 74 — 77
תשעה באָב .... 79 — 97
ראש השנה .... 99 — 119
יום כפור .... 121 — 128
סכות .... 129 — 135
שמחת תורה .... 137 — 143
פאַרוואָס באַהאַלט איר פון אייערע קינדער דעם גאָט פון אייערע עלטערן? .... 143 — 146
חנוכה .... 147 — 165
פורים .... 167 — 188
החודש הזה לכם ראש חדשים .... 188 — 191
איז די מלחמה ווירקלעך פאַרענדיקט? .... 193 — 197

ב"ה

פאָרוואָרט

אידישע יום־טובים זיינען תמיד געפייערט געוואָרן מיט גרויס שמחה. איטלעכער יום־טוב האָט דעם אידן אין אלע דורות דערהויבן פונם טאָג־טעגלעכן, גרוי, וואָכעדיק לעבן, צו א יום שכולו טוב.

סיי דער למדן און סיי דער מקובל, סיי דער מתנגד און סיי דער חסיד, סיי דער אויפגעקלערטער און סיי דער עם־הארץ — אלע האָבן באטראכט דעם יום־טוב פאר א קוואל פון קדושה און טהרה, פון גייסטיקער פעסטקייט און אָפּפרישונג־קראפט.

אידן האָבן אין אלע דורות געשעפּט פון די יום־טובים גייסטיקע כחות, אמונה און בטחון.

זאָל דאָס דאָזיקע ספר דערמאָנען איטלעכן בעסערן אידן אויף אונדזערע יום־טובים. זאָל ער, דער איד, איטלעכן יום־טוב פאַרלייענען קאפּיטלעך פונם דאָזיקן בוך פאר זיך, פאר זיין הויזגעזינט און פאר זיינע נאָענטע.

איך בין מבטיח, אז דער ניצוץ אלקי, דער געט־לעכער פונק, דאָס פּינטעלע איד, וועט זיך אין אים דערוועקן און אים מאָנען צו מער התקרבות און צוגעהעריקייט צו זיין תורה, צו זיין דת, צו זיין פאָלק און צו זיין לאנד.

אינם דאָזיקן בוך קומען אריין אָפּהאנדלונגען איבער יום־טובים, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אין משך פון די בלוטיקע מלחמה־יאָרן פון ת"ש ביז תש"ו (1940—1946).

צום סוף פון איטלעכער אָפּהאנדלונג געפינט דער חשובער לייענער דעם דאטום, וועלכער דארף ניט פארגעסן ווערן בשעתן לייענען, כדי צו פארגלייכן דעם אינהאלט פון איטלעכן מאמר מיטן יאָר ווען ער איז געשריבן געוואָרן.

א הארציקן יישר כח ר' פייוול סימקין, פּערסאָנאל און זעצער פון "דאָס אידישע וואָרט" פאר זייער מיזאמער ארבעט דאָס בוך זאָל ארויסקומען עסטעטיש און שיין.

מאיר שווארצמאַן,
מיטגליד פון ועד הרבנים אין וויניפּעג

אלול ה'תש"ו.
Sept., 1946

הרב מאיר שווארצמאן

פסח

א

פסח דורות

. . . און דערציטערט זיינען געווארן אלע מזרח־פעלקער פון דעם טומל פון די קייטן־קלאנגען וואס כביכול האט פון דער כנסת־ישראל אראפּ־געריסן . . . א שרעק איז געפאלן אויף די איינוואוינער פון כנען, דערשלאגן פון פחד פארן ניי־באפרייטן פאלק.

שמעו עמים ירגזון, חיל אחז יושבי פלשת . . .

דערציטערט זיינען זיי געווארן פון דער אבסאלוטער פרייהייט, וואס די כנסת ישראל האט מיט שטאלץ אין דער פינצטערער מדבר־וועלט פראקלאמירט און דעם באגריף פון חרות הנפש א לבוש פון פראכט און תפארת, הויכקייט און מלכותדיקייט אנגעקליידט.

כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם . . . ולא עבדים לעבדים ! . .

צו מיר, דעם באשעפער פון דער וועלט, זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט. מיינע דינער זיינען זיי, אבער חלילה ניט קנעכט צו אנדערע קנעכט . . .

פון בריאת עולם אן ביזן היינטיקן טאג זיינען פיל פרייהייטן פראקלא־מירט געווארן דורך פארשיידענע פעלקער און נאציאנען; צענדליקער געטא־מויערן, וועלכע האבן די מענטשן־פרייהייט אוועקגערויבט, זיינען צעשמעטערט געווארן און איינגעפאלן, נאר די איינציקע מויער צום חרות הנפש האט קיין פאלק און קיין נאציאן ניט געקאנט איינברעכן.

פארקנעכטעט איז דער מענטש צו די נידעריקסטע אינסטינקטן. ער איז פעסט געבונדן מיט דיקע שטריק צום קלענצטן פארלאנג און תאוה פונם חומר; ער איז אן עבד, א שקלאף צו זיינע קערפערלעכע באדערפענישן, און וויפל ער ראנגלט זיך ניט, כדי צו באפרייען זיך פון דער קנעכטשאפט, איז ער אלץ דער זעלבער עבד צו זיין שטארבנדיקן גוף.

די כנסת ישראל איז געווען די ערשטע, וועלכע האט צעשמעטערט יענע דיקע מויער און באפרט זיך פונם חומר א דאנק דער געטלעכער התגלות אין דער פינצטערער נאכט פון מצרים.

ויהי בחצי הלילה

אט־א דאמאלסט איז עס געשען:

ויוציאני ה׳ ממצרים לא על ידי מלאך, ולא על ידי שליח, אלא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו . . . אני ולא השליח, אני הוא ולא אחר.

און ג׳ האט מיך ארויסגעצויגן פון מצרים ניט דורך קיין מלאך און ניט דורך קיין שליח, נאר הקדוש ברוך הוא אליין — און ניט קיין אנדערער.

דאָס איז געווען אַ יציאה פון וועלכער די מענטשהייט האָט נאָך אפילו היינט צו טאָג קיין אנונג ניט; אַ יציאה פון אַן אמתער פאַרשקלאַפונג צו אַ געטלעכער באַפרייאונג.

און איינגעקריצט איז יענע יציאה געוואָרן אויפן האַרצן פונם געטלעכן פאָלק אויף אייביקע דורות.

ליל שמורים הוא לה׳ להוציאם מארץ מצרים. הוא הלילה הזה לד׳ . . . שמורים לכל בני ישראל לדורותם . . .

דאָס איז אַ וואַכנאַכט צו ג׳, ער האָט אויף איר געוואַרט כדי צו קאָנען אַרויסציען די קינדער פון ישראל פון מצרים; דאָס איז די וואַכנאַכט, וועלכע דאַרף וואַכן איבער ישראל אין אַלע דורות.

דער פסח מצרים איז אין אַ פסח־דורות פאַרוואַנדלט געוואָרן.

אפילו אין די ערגסטע צייטן, ווען דער הימל איבערן אייביקן פאָלק איז פאַרכמאַרעט געווען מיט געדיכטע, שוואַרצע וואָלקנס, האָט עס אויך ביי דער מדרגה פון יציאת־מצרים געהאַלטן.

הנה אנכי בא אליך בעב הענן . . . בעבור ישמע העם בדברי עמך . . .

זעסט, איך באַווייז זיך צו דיר אין דער געדיכטעניש פון וואָלקן, כדי דאָס פאָלק זאָל הערן, אַז איך רייד מיט דיר.

בכל דור ודור חייב אָדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים . . .

אין איטלעכן דור דאַרף זיך דער איד באַטראַכטן ווי ער וואָלט אַליין אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

דאָס פאָלק האָט אַזאַ מדרגה פון חרות־הנפש דערגרייכט, אַז עס ווייסט קיינמאָל ניט פון ריין־גייסטיקער פאַרשקלאַפונג. זיין גוף איז געבונדן און גע־שמידט מיט פאַראָסטעטע גלות־קייטן — דאָך איז פריי די נשמה פונם פאָלק, אפילו אין דער גרויזאַמער מדבר־תקופה.

זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת כלולותיך, לכתך אחרי במדבר . . . בארץ לא זרועה . . .

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן — זאָגט ג׳ — דיין חסד אין דיין סאַמע יוגנט־צייט, ווען דו ביסט מיר נאָכגעגאַנגען אין דער מדבר, אין אַ ניט־פאַרזייט לאַנד . . .

כביכול נעמט זיין פאָלק, וואָס ער האָט אויסדערוויילט, אויף זיינע אָרעמס און זאָגט אים אַז, ווי אַ מוטער איר קינד:

ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי . . . והייתם לי סגולה מכל העמים, ממלכת כהנים וגוי קדוש . . .

און איך האָב אייך געטראָגן אויף אָדלער־פליגלען, און איך האָב אייך געבראַכט צו מיר . . . איר וועט מיר דעריבער זיין א געליבט און אייגנאַרטיק פאָלק, אַנדערש ווי אַנדערע פעלקער — א קעניגרייך פון געטלעכע דינער און א פאַרהייליקט פאָלק . . .

נאָר די אידעאַלן פון דער תורה און פון די נביאים פאַרוואַנדלען דעם אידן אין א דערהויבענעם, אויסדערוויילטן, געטלעכן מענטשן. פאַרגעס ניט איד, דיין דערהויבנקייט, דיין אויסדערוויילטקייט; זיי ניט קיין קנעכט, ווייל צו מיר, ג־ט, ביסטו א דינער און ניט צו קיינעם . . .

(גיסן, תר״צ).

ב

מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים

עס איז זייער מערקווירדיק וואָס גראָד דער נס פון יציאת־מצרים דאַרף דערציילט ווערן מיט א גאַנץ באַזונדערן אינטערעס, און וואָס מער מען דער־ציילט און מען וויקלט אויף יענע אַלטע און אייביק־נייע געשיכטע פאַר זיך, פאַרן הויזגעזינט און פאַר די מיטבאַטייליקטע אין די פייערלעכע סדרים — אַלץ מער ווערט מען געלויבט:

ואפילו כולנו חכמים, כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה, מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים. וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח . . . (הגדה של פסח).

די מצוה באַפרייט ניט אפילו חכמים, אפילו ניט פאַרנונפטיקע פּער־זאָנען, אפילו ניט זקנים און פירנדיקע און לייטנדקע פּערזאָנען, אפילו ניט גוט־געלערנטע און בעלי־תורה, וועלכע ווייסן דאָך די געשיכטע פון די פאַר־גאַנגענע יאָרן. אַלע דאַרפן זיי יאָר־איין, יאָר־אויס, אויפסניי דערציילן, פאַר־טיפן זיך און לערנען פון יענע געשעענישן, באַטראַכטן צי עס זיינען פאַראַן פּעדים, וועלכע פאַרבינדן יענע ווייטע פאַרגאַנגענהייט מיט דער ביטערער, גרויזאַמער קעגנוואַרט, כדי צו קאָנען ציען וועלכע עס איז מסקנה, וועלכע זאָל אונדז מונטערן און דערמוטיקן, קרעפטיקן און שטאַרקן, גלייכשטעלן און פאַרזיסן אונדזער לעבן.

האָבן דאָך אונדזערע עלטערן, אין די ביבלישע צייטן דורכגעלעבט פיל נסים און איבערנאַטירלעכע געשעענישן, פאַרוואָס האָט גראָד יציאת־מצרים זוכה געווען, אַז דאָס דערציילן וועגן דעם זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזא מצוה?

זיינען דאָך די סדרים־נעכט ביים אידישן פאָלק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלעקטיווע פאַמיליע־יום־טובים, קינדער און אייניקלעך קומען זיך צונויף צום טאַטן אָדער צום זיידן און מען פּראַוועט די סדרים מיט א גאַנץ באַזונדערן רייץ און אידישן חן. עס שוועבט א הדרת־קודש ביי איטלעכן אידן פסח ביי־נאַכט אין זיין הויז . . . אָט־די סדרים־נעכט ליפערן גייסטיקע נאַרונג פאַרן אידן אויף לאַנגע חדשים. און די הויפּט־מצוה פון אָט־די סדרים־נעכט איז דאָך ניט קיין אַנדערע ווי טאַקע —

לספר ביציאת מצרים . . .

וואס זיינען אונדזערע חכמים אויסן געווען מיטן אקצענטירן די מצוה פון לספר ביציאת מצרים?

דער הייליקער האר"י ז"ל דערקלערט פארוואס דער יום־טוב הייסט פסח. דעם קרבן פסח האט מען דאך אייגנטלעך מקריב געווען דעם פערצנטן טאג אין ניסן און יום־טוב איז ערשט דעם פופצנטן טאג אין חודש, טאקע ווען אידן זיינען ארויס פון מצרים. פארוואס־זשע רופט מען דעם גאנצן יום־טוב אויפן נאמען פון א קרבן וועלכן מען האט מקריב געווען נאך פאר יום־טוב?

די אידן אין מצרים, זאגט דער זוהר הקדוש, זיינען ניט געווען בלויז קערפערלעך אין גלות, נאר אפילו זייער דיבור איז אויך געווען פארשקלאפט. זיי האבן ניט געטארט ריידן וואס זיי האבן געוואלט. דער בלוטיקער רעזשים האט אויפגעהאנגען אויף זייערע מיילער א שלאס . . . פסח, זאגט דער האר"י ז"ל, באדייט פה־סח, דאס מויל האט אנגעפאנגען ריידן . . . אין גלות מצרים, געפינען מיר טאקע אין דער תורה: אידן האבן געזיפצט, געקרעכצט, געשריען. ויאנחו בני ישראל, ויזעקו בני־ישראל, אבער־ניט ויתפללו . . . קיין ווערטער האבן זיי ניט געטארט באנוצן . . . די צענזור איז געווען שטארק, די געהיים־אגענטן האבן מיט זייערע שפיציקע אויערן אויפגעכאפט יעדער ווארט און באלד איז מען דערקלערט געוואן אלס גרויל־פראפאגאנדיסט, אדער אלס קאנטר־רעוואלוציאנער . . . און דאס לעבן איז געווען איינגעשטעלט אין גרויסער סכנה.

דעריבער האבן אונדזערע חכמים געמאכט אזא געברויד פון דערציילן. וואס מער מען דערציילט — אלץ מער איז מען משובח. כדי צו מאניפעסטירן די פרייהייט פון ווארט, צו דעמאנסטרירן די אבסאלוטע פרייהייט פון דיבור, פה־סח, דאס מויל האט אנגעפאנגען ריידן, די גאולה פון פרייען געדאנק און פון דער אידישער, הייליקער מחשבה.

* * * * *

פאראן הונדערטער געשיכטלעכע און היסטארישע באמערקונגען פון אונדזערע קדמונים, וועלכע זיינען פאר אונדז אומבאגרייפבאר. אזוי לאנג פארשטייען מיר זיי ניט, ביז עס קומט א קעגנווארטיקע תקופה און מאכט עס קלאר און דייטלעך.

דער דיבור איז אויך געווען פארשקלאפט אין מצרים, זאגן אונדזערע הייליקע ספרים, דעריבער זאגט מען הלל אין דער פסח־נאכט ביים דאווענען (נוסח ספרד) און ביים סדר, און עס איז א גרויסע מצוה — לספר ביציאת מצרים . . .

נו, און היינט? צי לעבן מיר ניט ממש אין דער זעלבער תקופה ווי עס איז אפגענומען געווארן דאס לשון פון פיר מיליאן אידן אין רוסלאנד און פון דריי מיליאן אידן אין פוילן; פון א מיליאן אידן אין רומעניע, דייטשלאנד, עסטרייך, האלאנד, בעלגיע, דענמארק, שוועדן, נארוועגיע, בולגאריע, טשעכא־סלאוואקיע, ליטע, לעטלאנד, איטאליע, פראנקרייך. קרוב צו צען מיליאן אידנס

דיבור איז אין גלות. זייער מויל איז פארשלאסן, זיי טארן ניט ריידן. זייערע קערפערס זיינען אין גלות, זייער דיבור איז פארשקלאפט, אפילו זייער מחשבה איז אונטערדריקט. זיי האבן מורא צו דענקען טאמער וועט די מחשבה באקומען הויט און ביינער און זי וועט פארוואנדלט ווערן אין ווערטער — און ווערטער מיינט גרויל־פראפאגאנדע, און גרויל־פראפאגאנדע מיינט מלוכה־פאראט, און פאר מלוכה־פאראט באצאלט מען מיט דער תליה . . .

צען מיליאן אידן, גראד דער קערנדיקסטער טייל פון דער כנסת־ישראל, שרייען פון דער טיפעניש פון זייער נשמה —

ויזעקו בני ישראל, ויאנחו בני ישראל . . .

זיי שרייען און זיפצן אבער אן ווערטער, אן דיבור, ווייל דער דיבור איז אין גלות. פאר ריידן באצאלט מען מיטן לעבן.

הער־זשע צו, הייליקער באשעפער דאס זיפצן פון דיינע קינדער, פונקט ווי דו האסט זיי צוגעהערט אין מצרים:

וישמע אלקים את נאקתם ויזכור אלקים את בריתו את אברהם, את יצחק ואת יעקב . . . (שמות, ב׳ כ״ד).

אונדזערע צען מיליאן אייראפייאישע ברידער און שוועסטער זיינען אין גלות, זיי און זייער דיבור, און זייער מחשבה — אלע זיינען זיי פארשקלאפט. מיר דא, אויפן אמעריקאנער קאנטינענט, זיינען דאך פריי, אונדזערע פיס זיינען ניט געשלאסן אין קייטן, אונדזערע הענט קאנען זיך פריי באוועגן, אויף אונדזער מויל הענגט ניט קיין שלאס —

לפיכך אנחנו חייבים להודות, להלל, לשבח, לפאר, לרומם, לברך, לעלה ולקלס, למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו . . .

לאמיר זיך דעריבער ביי די פייערלעכע סדרים־טישן ערנסט פארטראכטן, לאמיר דערציילן אונדזערע קינדער די בלוטיקע און גרויזאמע קעגנווארט; לאמיר זיי דערציילן ווי אונדזערע ברידער שמאכטן אין פינצטערן גלות, ווי זייער כבוד און ערע ווערן מיט גראבע, יונקערישע שטיוול צעטראטן, ווי זייער האב און גוטס איז צעראבעוועט, זייערע קערפערס איינגעבויגן און זייער מויל איז פארשלאסן; לאמיר פארן יונגן דור אויפוויקלען די אלטע און אייביק־נייע הגדה של פסח; לאמיר זיי דערציילן און דערציילן —

וכל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח . . .

לאמיר ציען פאר זיי א פאראלעל־ליניע: גלות־מצרים — און גלות־אייראפע. לאמיר די קדושה וואס שוועבט אין יעדער אידנס הויז ביי די סדרים־טיש, איינפלאנצן אין די יונגע הערצער פון אונדזערע קינדער; לאמיר זיי דערציילן און דערציילן, אז פונקט ווי היינט היטלער, איז געווען אמאל א פרעה מלך מצרים; לאמיר זיי אויפמערקזאם מאכן, אז גלות מצרים איז אפשר געווען קלענער, ווייל דאן זיינען בלויז אפשר נאר א צוויי־דריי מיליאן אידישע נפשות געווען פארשקלאפט. היינט זיינען איבער צען מיליאן נפשות אונטערדריקט. דאן האבן אידן געהאט א משה מיט א אהרן, היינט וויזן זיך עפעס ניט די אידישע גואלים. אפשר זיינען זיי דא, נאר די פינצטערניש פונם היינטיקן גלות איז אזוי געדיכט, אז מען קאן זיי ניט דערזען.

און ווען אונדזערע קינדער וועלן באגרייפן די טראגעדיע, און ווען טרערן וועלן זיך שטעלן אין זייערע ליכטיקע אייגעלעד — דאן דערמונטערט זיי, שטארקט זיי און דערציילט זיי:

מצה זו שאנו אוכלים על שום מה? על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ, עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וגאלם.

דערציילט אייערע קינדער, אז דער זעלבער גואל לעבט נאך און באַ־לעבט אונדזער גאנצן דאַ זיין, און פונקט ווי ער האָט אונדזערע עלטערן ארויס־גענומען מעבדות לחרות, מיגון לשמחה, ומאבל ליום־טוב, ומאפלה לאור גדול, ומשעבוד לגאולה, — אזוי האָפן מיר, אז אָט־אָט וועלן מיר אלע אויסגעלייזט ווערן און צוריקקומען צו אונדזער הייליק לאנד צוזאמען מיט אונדזערע צען מיליאן אונטערדריקטע, געפייניקטע ברידער און שוועסטער.

דערציילט זיי, אייערע קינדער. קארגט ניט קיין רייד. עס איז מצוה צו דערציילן, ווייל —

כל המרבה לספר ביציאת מצרים, הרי זה משובח...

(ניסן, תש"א).

ג

מרור זה שאנו אוכלים, על שום מה?

ווי איינדרוקספול, ווי צערעמאָניאַל עס קוקן אוים ביי אונדז די סדר־טישן! וויפל אידישער חן מיט שפע איז אויסגעגאָסן אין יעדן ווינקעלע פון דער אידישער היים? אפילו די קארגע קארגן ניט קיין ליכט. א חוץ די עלעק־טרישע לאָמפּן, ברענען אויך חלבנע ליכט אין די פיין־אויסגעפוצטע מנורות. די אידישע פרויען באמיען זיך, אז דער טיש זאָל זיין באדעקט מיט די פיינ־סטע און ריינסטע טישטוכער, די שענסטע כלים, די טייערסטע געפעס און בעסטע זילבערווארג — די וועלכע ווערן א גאנץ יאָר ניט גענוצט, ווערן אין די סדר־נעכט סערווירט; די בעסטע מאכלים, די געשמאקסטע שפייזן, די אָרי־גינעלסטע וויינען אין די זילבערנע בעכערס און פיין־גראווירטע כוסות — אלץ ווערט מיט א געניטער האנט און מיט א פיינעם געשמאק צוגעגרייט...

באלד קומט דער מלך אהיים פון שול; באלד קומען זיך צוזאמען די פרינצן מיט די פרינצעסנס, און די מלכה איז אין דער בעסטער שטימונג זיי אלעמען אויפצונעמען. אלעמענס פנימער שטראלן פון פרייד, די שמחה פילט אָן די אידישע היים...

דער מלך זעצט זיך אויף זיין ספּעציעל צוגערגייטער הסב־בעט. דאָס איז דער טראָן וועלכן זיין מלכה האָט פאר אים צוגעגרייט. ארום סדר־טיש זעצן זיך אוים די פרוי — די מלכה — און די קינדער און פריינט, קרובים און נאָענטע, — אלע זיינען זיי היינט דאָ. "כל דיכפין ייתי ויאכול", ווער עס איז נאָר הונגעריק נאָך אזא טיש, זאָל קומען מיטהאלטן... "כל דצריך ייתי ויפסח", ווער עס גארט נאָך אזא מין גייסטיקער און פסחדיקער סביבה זאָל קומען אנטיילנעמען... אלע זיינען היינט ווילקאָמען...

ווי יום־טובידק, ווי הייליק, ווי דערהויבן און פול מיט שמחה איז אזא אידישע היים! אַט האָבן זיי זיך אַלע ארומגעזעצט ארום דעם סדר־טיש; אַט פאנגט זיך שוין אָן די צערעמאָניע; אַט גרייט זיך דער "בן זקונים", די "בעיבי" צו פרעגן מה נשתנה . . . און דער אַלטער האָט שוין זיין פארטיקן תירוץ "עבדים היינו". . . די אַלטע און אייביק־נייע קשיא: "מה נשתנה?" און דער אַלטער, אייביק־נייער תירוץ "עבדים היינו". . . ווי גליקלעך פילט דאָן די גאַנצע פאמיליע! מיט וואָס פאר א צופרידנהייט און נחת, מיט וואָס פאר א פרייד און גליק . . .

אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך; בניך כשתולי זיתים, סביב לשלחנך; הנה כי כן יבורך גבר ירא ה׳. . .

דיין פרוי ווי א פרוכטבארער וויינשטאָק; און אַלע ווינקעלעך פון דיין הויז, דיינע קינדער ווי איילבירט־פלאנצן, זיצן ארום דיין טיש . . . זע, אַט־אזוי ווערט געבענטשט דער גאָטספארכטיקער מאן . . .

אין סאמע מיטן פונם רייך און פיין סערווירטן טיש, צווישן די גלאַנ־ציקע און פינקלדיקע כוסות און בעכערס, געפינט זיך אויך א קליינינקע כלי מיט מרור . . . דער מרור פארנעמט אייגנטלעך דעם סאמע אויבן־אָן, ער גע־פינט זיך אין דער סדר־קערה. דער מרור איז א זאך וואָס אָן אים זעצט מען זיך ניט צום סדר . . .

מרור זה שאָנו אוכלים על שום מה?

צוליב וואָס אייגנטלעך עסן מיר דעם מרור? מיר עסן דעם מרור, — ענטפערט דער בעל־הגדה, — ווייל די מצריים האָבן פארביטערט דאָס לעבן פון אונדזערע עלטערן אין מצרים . . .

אין דיינע פרייעלעכסטע מאָמענטן, ווען דיין שמחה דערגרייכט דעם העכסטן פונקט; ווען די פרייד פונם יום־טוב צעגיסט זיך אין אַלע ווינקעלעך פון דיין היים; ווען דו ביסט גליקלעך, צופרידן, זעסט דיין פרוי — די מלכה, דיינע זין און טעכטער, דיינע אייניקלעך און קרובים, שכנים און נאָענטע, און דו זיצסט זיך, מעשה מלך, אויף דיין אויסגעבן טראָן — דאַן זייַ־זשע מוחל, נעם און טייל אַלעמען און איטלעכן א כזית מרור . . .

דאָס עסן דעם כזית מרור געהערט אייגנטלעך ניט צום צערעמאָניאַלן טייל פונם סדר, נאָר צו די פליכטן און מצוות, פונקט ווי מצה און ארבע כוסות. עס איז א מצוה צו עסן מרור, מען זאָל זיך דערמאָנען אין ביטערע צייטן, אין צייטן פון קנעכטשאפט; אין צייטן פון פיין און נויט, פון דערנידעריקונגען און ראסן־געזעצן.

מען דאַרף דעם מרור ניט אריינכאַפּן און אומבאמערקט אים אראָפּ־שלינגען; מען דאַרף אים צעקייען און לאַנג פילן זיין ביטערקייט . . . רבי זאָגט: "בלע מרור, לא יצא" (פסחים קט"ו, רמב"ם פ"ו הלכה ב׳ חמץ ומצה). אזוי בלייבט אויך די הלכה — מרור טאָר מען ניט אראָפּשלינגען. מען דאַרף אים פילן . . .

און ווען דו, איד, וועסט זיך היי־יאָר זעצן צום סדר מיט דיינע אַלע ליבע און נאָענטע, מיט די אַלע פּראַכטפולע און גרויסאַרטיק צוגעגרייטע כלים און מאכלים, שפּייזן און געטראַנקען, ממש פון כל־טוב — פאַררוק ניט דעם מרור אַז א זייט . . . באַהאַלט אים ניט אונטער די פיין־אויסגעשטריקטע און קינסטלער־אויסגעהאַפטענע מצה־טאַשן; ווייז אים, דעם מרור, אַלע דיינע מיט־באַטייליקטע; דערקלער זיי קלאָר און דייטלעך, שטאַמל ניט, אייל זיך ניט, האָב קיין מורא ניט, אַז דיינע קנײדלעך וועלן דערווייל קאַלט ווערן. זאָג זיי:

מרור זה שאָנו אוכלים על שום מה ?

צוליב וואָס עסן מיר אייגנטלעך דעם דאָזיקן מרור? דערצייל זיי, ווייל די מצריים האָבן אַמאָל פאַרביטערט אונדזערע עלטערן אין מצרים . . . און ווייל ניט בלויז אונדזערע עלטערן זיינען דורך רשעים פאַרביטערט געוואָרן, נאָר אויך אונדזערע היינטיקע ברידער און שוועסטער ווערן אַזוי פאַרביטערט, זיינען אַזוי פאַרקנעכטעט צו שאַנד און צו שפּאָט, הונגעריק און דאָרשטיק, באָרוועס און נאַקעט, קראַנק און שוואַך, אַז בלוט און אַז מאָרד, אַז א היינט און אַז א נאָענטן מאָרגן, פאַריתומט און פאַראַלמנט, אַז א רעכט צו עקזיס־טירן, פאַרצערט און פאַרשטומט, מיליאָנען אידן אין גאַנץ אייראָפּע געפינען זיך אין אַזא שרעקלעכער, אומגליקלעכער לאַגע . . . מען דאַרף זיי העלפן — מען מוז זיי העלפן! — ראשית־כל טאָר מען אַז זיי ניט פאַרגעסן, ניט מסיח־דעת זיין אפילו אויף איין רגע, אפילו ניט אין די פייערלעכסטע מאָמענטן, ווען אונדזער פרייד דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. זייט ניט יוצא, אידן, מיטן בלויזן דערמאָנען די צרות און דאָס ביטערקייט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער כלאחר יד. שלינגט ניט אַרונטער דעם מרור . . . ווייל בלע מרור, לא יצא — אויב מען שלינגט אַראָפּ דעם מרור איז מען ניט יוצא . . . מען מוז אים צעקייען, פילן זיין ביטערקייט . . .

די הייליקע סדרים־נעכט דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין באַלערנדיקע צוזאַמענקונפטן, אויפצוקלערן אַלע קינדער, סיי די אידיש־ריידנדיקע און סיי די ענגליש־ריידנדיקע. והגדת לבנך, דערצייל דיין קינד! אָט דאָס איז די הויפּט־מצוה פון די סדרים געזעצן. דערצייל זיי:

מרור זה שאָנו אוכלים על שום מה ?

מיר האָבן דאָ בעזרת השם אויך א שאָר ירקות, ניט בלויז מרור אַליין . . . זיי, דאָרט, אויף יענער זייט ים, האָבן אָבער "כולו מרור". . . זיי ווייסן ניט פון אַנדערע נאַרהאַפטע שפּייזן, זיי האָבן ניט קיין גענוגנדיקע מאכלים, א חוץ מרור וואָס זיי באַקומען מיט שפע . . . יאָ, אַלץ ביי זיי איז מרור ! ! !

האָב ניט מורא, איד, צו פאַרשטערן די פרייד פון דיינע נאָענטע, וועלכע האָבן זיך היינט פאַרזאַמלט צו דיינע סדר־טישן. זאָל יעדערער פאַר־גיסן א טרער . . . ווייל הייליק זיינען יענע טרערן. נעם אליהום כוס אין האַנט, דעראַלנג עס איטלעכן און זאָל איטלעכער אַריינגיסן זיין הייליקע טרער . . . זאָל ער פול ווערן ביז צום ראַנד מיט אידישע טרערן . . . און ווען אליהו

הנביא ווע טקומען אייך באזוכן צום סדר, טרינקען זיין בעכער וויין, זאל ער טרעפן זיין בעכער פול מיט טרערן אנשטאט וויין . . . הייליקע, אידישע טרערן.

* * * * *

ד

מזכירין יציאת מצרים בלילות . . . (ברכות, משנה הי).

נאך דער דראמאטישער שעה פון מרור, נאך דער דערקלערונג און דערציילונג פון די פיינלעכע איבערלעבונגען פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין די געטא־מויערן, ווי דאס לעבן זייערס איז פארביטערט, ממש כולו מרור, דארף מען אויך דערציילן פאר די מיטרבאטייליקטע אין די סדר־נעכט, וועגן אונדזער אומבויגזאמען כח און בטחון, אז אפילו אין די סאמע פינצטערע צייטן, ווען ס'איז ממש פינצטער ווי נאכט, אויך דאן דארף מען ניט ארייגפאלן אין יאוש . . . מען דארף דערמאנען אונדזער האפענונג־שטראל אין דער סאמע שוידערלעכסטער תקופה.

מזכירין יציאת מצרים בלילות . . .

עס איז א פליכט, עס איז א מצוה צו דערמאנען אונדזער ארויסגיין פון מצרים, אונדזער ארויסגיין און אונדזער באפרייאונג פון אלע געפאנגענשאפטן, אפילו בלילות, ווע עס איז נאכט, ווען עס איז פינצטער . . .

אונדזער וואפן מעג מען שמידן אפילו אום יום־טוב, אפילו אום שבת, ווייל מיר קעמפן מיט אונדזער ביטערסטן שונא, אונדזער מלחמה איז א מלחמת־מצוה . . . און אונדזער געפערלעכער שונא און דער יאוש־ווארעם, וועלכער פרוואוט ארייגשפריצן אין אונדז טראפנס פון פארצווייפלונג, טראפנס פון שפלות, טראפנס פון אומעט; אונדזערע וואפן זיינען אמונה און בטחון, גלויבן און האפענונג . . .

והיא שעמדה לאבותינו ולנו. שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם . . .

אזוי איז שוין דער אידישער גורל. מיר קאנען ניט אנווייזן און אנדייטן מיטן פינגער: זע, דאס איז אונדזער שונא. בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, אין יעדן דור, אין איטלעכער תקופה זיינען זיי דא און ווילן אונדזן שלעכטס טאן. עס איז אבער ניט געבראכן אונדזער אמונה און אפילו ניט איינגעבויגן אונדזער שטאלענער בטחון אז:

והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם . . .

אימער און אייביק אין אלע דורות . . .

מזכירין יציאת מצרים בלילות . . .

ביטער און פינצטער איז געווען פאר אונדזערע עלטערן אין מצרים.

ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך . . .

די מצרים האבן פארוואנדלט די בני־ישראל אין שקלאפן פונם נידע־ריקסטן סארט, וועמען מען באנוצט צו די שווערסטע און שווארצסטע אר־בעטן... און דאך זיינען זיי פון מצרים, פון יענער ענגשאפט באפרייט געווארן.

אט־די אידישע וואפן, אמונה און בטחון, דארפן ביי די סדר־טישן געשמידט און געשאפן ווערן... די וואפן קאנען אפשלאגן דעם ערגסטן שונא, די וואפן האבן אונדז דערהאלטן אין משך פון אונדזערע פינצטערע גלות־יארן.

די אמונה אז: "הקדוש ברוך הוא מצילנו מידם", דארף אריינגעגאסן ווערן אין אלע אידישע הערצער, סיי יונג און סיי אלט, יעדערן לויט זיין אויפ־נאם־פעיקייט, ווייל זי איז ווי א רעפלעקטאר, וועלכער ווארפט זיינע ליכט־שטראלן צו א בלאנדזשענדיקער שיף אין מיטן פון א שטורמישן ים אין א שטאק פינצטערניש...

געדענקט־זשע, טייערע ברידער! מזכירין יציאת מצרים בלילות... מען דארף דערמאנען, עס איז א מצוה אין סאמע פינצטערניש, צו דערמאנען יציאת מצרים, דעם ארויסגאנג און באפרייאונג פונם ענגשאפט...

(ניסן, תש"ב).

ה

אז רוב נסים הפלאת בלילה!

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?

ווי לאנג וועט אנהאלטן די פינצטערע כמארע וואס האט פארצויגן דעם אידישן הימל? ווי לאנג וועט די מכה פון חושך זיך ניט אפטאן פון דער כנסת ישראל? זיינען מיר ווירקלעך ערגער ווי די מצריים?! פארוואס־זשע האבן זיי פאר זייער פייניקן און פארשקלאפן די אידישע אומה ניט געליטן מער ווי זיבן טעג פינצטערניש? (ר' יהודה, ר' נחמי' זאגט, פיר און צוואנציק טעג). און אצינד, שוין קרוב צו פיר יאר ווי א שרעקלעך חשכות הערשט אין טויזנטער אידישע קהלות אין די אייראפייאישע מדינות. א חשכות וועלכעס האט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־געשיכטע. הונגער און נויט, קראנקהייטן און עפידעמיעס, אויסראטונג און פארניכטונג, קאניבאליזם אין די גרויזאמסטע פארמען — פון די אויסגעדארטע, ממש הויט און ביינער גופים — צאפט דאס גערמאנישע "הערן פאלק" פעטס צו פראדוצירן זייף... און זייף, אויב איר ווייסט, איז דער סימן מובהק פון ציוויליזאציע און פארטשריט. מען מעסט נאך עד היום א פאלק צי עס שטייט אויף דער געהעריקער הויך פון ציוויליזאציע און היגיענע לויט וויפל זייף עס ווערט פון אים פארנוצט...

איז עס ניט א ביטערע איראניע? ווער ווייסט, אפשר וועט זיך אמאל א דייטשער סטאטיסטישער אמט באריכמען, אז אפילו אין דער גרויסער וועלט־מלחמה האט דאס דייטשע פאלק, דאס קולטורעלסטע און ציוויליזירטסטע פון אלע פעלקער, פראדוצירט מער זייף ווי וועלכעס אנדער פאלק?.. זיכער וועלן דארטן פעלן די קוואלן פון וואנען דאס רוי־מאטעריאל איז גענומען געווארן... דארט וועט פעלן די באמערקונג: דאס פעטס איז געצאפט גע־ווארן פון אידישע אויסגעדארטע, אפגעמאגערטע קערפערס, פון אידישע

זקנים און קליינע קינדער, פון מענער און פרויען, וועלכע זיינען דערשטיקט געוואָרן מיט גאַז, דערשאָסן געוואָרן ווי די שרעקלעכסטע פאַרברעכער . . . ווייל . . . זיי זיינען אידן . . .

די ערישע ראַסע איז געווען די דערהאַבנסטע, די הייליקסטע, די ריינסטע. זיינען געקומען אידן און האָבן זי פאַרדאָרבן און פאַרגיפטעט, די אידן האָבן איר געגעבן דעם מאַנאָטעאיזם, די ביבל, קולטורעלע ווערטן, ליטעראַרישע גאונים, דענקער און פילאָזאָפן, מוזיקער און קונסט־מאָלער, פינאַנצירן און טעכניקער . . . די אַלע גליקן פּאַסן זיך אָבער ניט צו דער ערישער מענטאַליטעט . . . עס איז כלאים, מין בשאינו מינו — צוריק צום אורשפּרונג . . . דאָס זיינען די אידעאַלן פונם היינטיקן דייטשטום . . .

טיפּשים זיינען געווען די וואָס האָבן זיך א הייליקן אויסגעזוכט דווקא פון אידן, און הונדערטער מיליאָנען גלויביקע קניען צום בילד פון א אידישער פרוי און איר זון . . .

דאָס האָבן די הונען ניט געקאָנט פאַרדייען . . . האָבן זיי זיך גענומען מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט "אויסצושאַלטן" די אידישע השפעה פון אַלע געביטן פון דייטשן לעבן . . .

דער איד איז טריף אָבער זיין געלט און זיין פעטס איז כשר . . . צען יאָר צייט אַרבעטן די היטלער־לייט אָפּצוּוואַשן און אָפּצומעקן יעדן אידישן רושם. זיי ווילן בלייבן אָריגינאַל . . .

האָט איר געלייענט אַמאָל דעם גרויסן, פראַנצויזישן אַנאַטאָל פראַנס? געדענקט איר וואָס ער שרייבט וועגן אַנטיסעמיטיזם?

"אויב איר האָט פיינט די אידן און זייערע שאַפונגען מיט וואָס זיי האָבן באַרייכערט די וועלט, דאַן קערט אום אַלעס וואָס איר האָט פון זיי גענומען. זייט ניט קיין גזלנים און זייט ניט אומדאַנקבאַר, ווייל דאָס פּאַסט ניט פאַר ציוויליזירטע מענטשן . . . גיט אַלעס צוריק, און דאַן מאַכט א חשבון וואָס עס וועט אייך פאַרבלייבן . . .

"קערט אום די מאָראַל, קערט אום אפילו אייער הייליקן וועלכן איר האָט גענומען פון אידן; קערט אום די ביבל, די וויסנשאַפט, אַלע אנטדעקונגען — אַלץ קערט אום. נו, און וואָס וועט אייך פאַרבלייבן נאָכדעם ווי איר וועט אַלעס אומקערן? עס וועט אייך פאַרבלייבן גזילה, רציחה, ניאוף. ווייל דאָס איז אייער אייגנס" . . .

אזוי וואונדערבאַר האָט דאָס פאָרמולירט דער גרויסער אייראָפּייער, וועלכער האָט ניט געקאָנט פאַרלײדן די אומדאַנקבאַרקייט פון די גזלנים, וועלכע האָבן פון אידן אַלץ גענומען און צאָלן זיי דערפאַר צוריק מיט רשעות און רציחה, מיט פאַרניכטונג דורך אויסראָטונג און אונטערגאַנג.

א געדיכטע פינצטערניש הערשט איז גאַנץ אייראָפּע. נאַכט און טויט, טויט און נאַכט . . .

עס איז א טעות צו גלויבן, אז בלויז אידן האָבן געליטן און ליידן פון אַט־א דעם קאַניבאַליזם; עס איז א טעות צו גלויבן, אז בלויז אידישע לעבנס

ווערן אונטערגעהאקט. די יסודות פון דער גאנצער ציוויליזאציע, די פונדא־מענטן פונם מענטשן, וועלכער איז באשאפן געווארן בצלם אלוקים, זיין מאראל און גלויבן, זיין חומר און זיין צורה — אלץ איז איינגעפאלן, אלץ ליגט אין חורבות.

עס ווילט זיך אויסשרייען צו דער גאנצער וועלט, צו אלע אירע חכמים און געלערנטע, אז דארווין איז געווען בלינד! ער האט געזען, אבער פונקט דאס פארקערטע: דער מענטש קומט ניט ארויס פון דער מאלפע. ניין, ס׳איז א ליגן. פארקערט, די מאלפע, די חי׳, קומט ארויס פונם מענטשן. דער מענטשן מין האלט זיך אין איין אנטוויקלען, ביז ער ווערט א קאניבאל, ביז ער ווערט דאס וואס דאס קולטורעלסטע פאלק אין אייראפע איז געווארן . . .

פארשטייט איר דעם פשוטן פשט פון "ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה?" (ויקרא י״ח, כ״ח). רש״י טייטשט: ארץ־ישראל אינה מקימת עוברי עבירה,, דער מאגן פון ארץ־ישראל קאן ניט פארדייען קיין עוברי עבירה, ברעכט און שפייט אויס, טומאה און אסימילאציע, דאס נאכמאלפעווען אנדע־רע פעלקער. "אל תטמאו בכל אלה, כי בכל אלה נטמאו הגוים אשר אני משלח מפניכם" (דארטן, כ״ד), ווייל ארץ־ישראל איז מקודשת מכל הארצות.

פונקט אזוי קאן דער דייטשער מאגן ניט פארדייען ציוויליזאציע, מאראל, מענטשן־ליבע און קדושה פונם מענטשן.

דורות, דורות־לאנג האבן די הונען זיך געמענטשלט, און אידן האבן פארקאטשעט די ארבל און געהאלפן, געקנעלט מיטן קרעציקן קערפער פון אייראפע הלכות ציוויליזאציע, דערהויבן די טמאים אויף א מדרגה; צעבלאזן די קלענסטע דערפינדונג זייערע און עס פראפאגאנדירט פאר אן עפאכע־מאכנדיקער אנטדעקונג — יא, ס׳איז אמת, אידן האבן דייטשלאנד דער־הויבן — אנגעשטאפט מיט חכמות און מיט מדות־טובות . . . ביז דער מאגן האט אויסגעבראכן. ער קאן עס ניט פארטראגן . . . דער מאגן וועלכער איז געווארן א נעסט פאר א קענסער, קאן קיין נארהאפטיקע שפייזן ניט פארדייען.

פינצטער איז דער טאג און נאך פינצטערער איז די נאכט. ממש — וימש חושך . . .

פסח, ביים סדר, וועט זיך פון פיל אידנס ברוסטן ארויסרייסן א טיפער קרעכץ. עס וועט א צאפל טאן דאס אידישע הארץ, אויסרופנדיק מיט א רירנ־דיקער שטימע:

אז רוב נסים הפלאת בלילה !

גרויסער גאט, שומר ישראל, דעמאלסט, אין יענער נאכט, האסטו נסים באוויזן! און אין דער היינטיקער נאכט? אין דער היינטיקער, פינצטערער ניש? איז אפשר די היינטיקע פארשקלאפונג א גרינגערע ווי יענע אין מצרים? זיינען אפשר די היינטיקע אכזריותן פונם "הערן פאלק" איידעלער און מענטש־לעכער ווי יענע אין מצרים?

אז רוב נסים הפלאת בלילה !

דענסטמאָל, אַלץ דענסטמאָל. מיר גייען דאָך אויס אויך היינט פאַר א טראָפּן גאולה; מיר זיינען דאָך אויך היינט פאַרבענקט נאָך א ליכט־שטראַל. פינצטער איז אָבער דער טאָג און טאָך פינצטערער די נאכט ! . .

— —

די אידישע געשיכטע איז פול מיט פינצטערע נעכט, מיט בלוטיקע תקופות און שרעקלעכע עפּאָכעס. די היינטיקע תקופה איז פיל בלוטיקער און די היינטיקע עפּאָכע — פיל שרעקלעכער . . .

אין היינטיקן יאָר וועלן ניט בלויז קינדער פרעגן די קשיא, נאָר אויך דערוואקסענע און זקנים, פרומע און קלוגע, חכמים און אומוויסנדיקע — אלע וועלן מיר היי־יאָר פרעגן:

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות ? . .

און אלע וועלן מיר בעטן ביי אונדזער ליבן פאָטער, ביים פאָטער אין הימל, הייליקער טאטע, גיב אונדז א תירוץ ! . .

* * * * *

ו

אני ה׳, אני הוא, ולא אחר . . .

קנאת איז א מיאוסע מדה, א פּאסקודנע נאטור. ״ורקב עצמות קנאה״ (משלי, י״ד, ל׳). א פוילונג אין די ביינער איז קנאה. ״הקנאה והתאוה והכבוד — מוציאין את האָדם מן העולם״ (אָבות, ד׳, כ א). קנאה פאַרקירצט דעם מענטשנס יאָרן.

פאַראַנען אָבער אויך א כשרע קנאה, קנאת ה׳ צבאות . . . קנאת סופרים תרבה חכמה . . . איך האָב אָבער אנטדעקט ביי מיר א קנאה צו נאַאיוויטעט, א קנאה צום קורץ זעעוודיקן — און טייל מאָל — זאָלן מיר די נאַראָנים מוחל זיין — א קנאה צו טפּשים . . .

צי איז די קנאה א כשרע אָדער גאָר א פאַרבאָטענע? אפשר יאָ, און אפשר ניט. איך קאָן זיך ניט באהערשן — די קנאה נאָגט מיך . . .

איך בין מקנא די נאאיווע, וועלכע גלויבן, אז אונדזער גאולה וועט קומען — דורך דיפּלאָמאַטישע שליחותן; איך בין מקנא די קורצזיכטיקע, וועלכע גלויבן, אז די פעלקער נעמען זיך שטאַרק צום האַרצן אונדזער טראַ־געדיע; איך בין מקנא די טפּשים, וועלכע זיינען זיכער, אז ביים גרינעם רונדן־טיש, וועט דעצידירט ווערן דער גורל פון דער כנסת ישראל . . .

עס קלינגען נאָך אין מיינע אויערן די רחמנות־רופן פון הונדערטער נע־ונדניקעס, וועלכע האָבן זיך געבעטן ביי די ברעגן פון פלאָרידא, אַנקל סעם זאָל זיי אריינלאָזן; איך הער נאָך די פאַרצווייפלטע רופן פון די אומגליקלעכע ״שטרומא״ פּאסאזשירן, וועלכע האָבן געשריען מיט דער גרעסטער פאַרצוויפּ־לונג: ראַטעוועט ,מיר גייען אונטער! די קולות האָבן דערגרייכט צו אלע עקן פון דער ערד, אָבער ניט צו די טויבע אדמיניסטראַטאָרן פון פּאַלעסטינע . . . פאַר די אויגן פון דער ציוויליזירטער וועלט זיינען זיי דערטרונקען געוואָרן.

אויב מען זאָל גלויבן די אַלע שרעקלעכע ידיעות, וועלכע דערגרייכן אונדז פון יענער זייט ים, ווערן אויסגעשאָכטן טאָג־טעגלעך טויזנטער אידן. אַנדערע קומען אום פון הונגער, פון נויט און פון עפּידעמישע קראַנקהייטן.

נו, און וואָס טוען די גוטע און פרומע פעלקער ? . . צי איז געווען פון־צייט צו־צייט לאָזן הערן א פּראָטעסט וואָרט ? . . ווי שטיל, ווי גלאַסן, ווי געמיטלעך, ווי רואיק מען "נעמט זיך" צום אידישן פּראָבלעם. מען באַרואיקט דעם אידן דאָ, אַז אין א חודש־צוויי וועט מען זיך צוזאַמענקומען אויף אַן אסיפה — און דאַן וועט מען באַהאַנדלען די אידנפראַגע. מען דאַרף ראַטעווען דאָס ביבל־פאָלק פון די באַרבאַרן און קאַניבאַלן . . . ניטאָ קיין צוויי מיינונגען . . . פריי זיך, איד! דו האָסט באַשיצער, פעלקער זאָרגן זיך פאַר דיר!

איטלעכן טאָג קומען אום הונדערטער אידן; איטלעכע שעה קומען אום צענדליקער פרויען און קינדער, יוגנטלעכע און זויגלינגען, און דאָ מאַכט מען אסיפות . . .

ניין, די גאולה וועט ניט קומען אַזוי־אָ־נאַד ! . . אידן וואָלטן חלילה אומגעקומען ביזן לעצטן, אין אייראָפּייאישן גיהנום, ווען זיי זאָלן וואַרטן ביז עס וועט עפּעס ממשותדיקס אַרויסקומען פון אַזאַ שטייגער "רעטונגס־אַקציע". . . די אמתע גאולה פון דער כנסת ישראל וועט ניט קומען דורך קיין שליחים, אפילו ניט דורך מלאכים און שרפים, מעגן די בעלי אסיפות האָבן כשרע כונות און ערלעכע איניציאַטיווע — מיר צווייפלען ניט דערינען — אונדזער עבר ווייזט אונדז קלאָר און דייטלעך, אַז די אידישע גאולה ווערט ניט אָנפאַרטרויט צו קיינעם, נאָר צו הקדוש ברוך הוא אליין. דער שליסל פון דער גאולה ליגט אין גאָטס האַנט:

ועברתי בארץ מצרים, אני ולא מלאך; והכיתי כל בכור, אני ולא שרף . . . ובכל אלוקי מצרים אעשה שפטים, אני, ולא השליח. אני ה'. אני הוא, ולא אחר . . . (הגדה של פסח).

ווען עס האַנדלט זיך אין א ריכטיקער גאולה — ניט אין דיפּלאָמאַטישע הבטחות — געטרויט השם יתברך ניט קיינעם, ניט קיין מלאך, ניט קיין שרף, ניט קיין שליח —

אני ה'. אני הוא, ולא אחר . . .

אין די פייערלעכע סדרים־נעכט, ווען אידן קומען זיך צונויף און זיינען זיך משמח, זאָל די הייליקייט אין דער אידישער שטוב ניט פאַרשוועכט ווערן מיט פאַרוויילונגען, וועלכע האָבן קיין שייכות ניט צו אונדזער יום־טוב. זאָל געשמידט ווערן אונדזער וואָפן — אמונה און בטחון, אַז —

הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל . . .

(ניסן, תש"ג).

ז

דם ואש ותימרות עשן

דער טאָג פון באצאָלונג איז ענדלעך געקומען. די רשעים פון היינטיקן דור שניידן מיט בלוטיקע טרערן דאָס, וואָס זיי האָבן מיט פרייד און שמחה פארזייט. עס הויבן אָן קענטיק צו ווערן די געטלעכע וואונדער. אלע זעען שוין די געטלעכע מופתים, וועלכע כביכול באווייזט.

אידן לאָמיר ניט פארצווייפלען, חלילה ניט מיאש זיין זיך! אָט ווערט מקוים די נבואה פון יואלן:

ונתתי מופתים בשמים ובארץ: דם ואש ותימרות עשן . . . השמש יהפך לחשך והירח לדם, לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא . . .

(יואל, ג׳, ד׳).

״און איך וועל וואונדער באווייזן אויפן הימל און אויף דער ערד: בלוט און פייער, און זיילן רויך; אין פינצטערניש וועט פארקערט ווערן די זון און די לבנה אין בלוט, איידער עס קומט דער טאָג פון גאָט, דער גרויסער און פורכטבארער״.

צי זיינען עס ניט מופתים?

דערמאָנט זיך נאָר, מיט וואָס פאר א חוצפה און טריפהנער גאווה די פרייסישע יונקערים האָבן זיך פארמאָסטן, ניט בלויז אויף די שוצלאָזע אידן און ווייניק באשיצטע פעלקער, נאָר אויך קעגן דעם גאָט פון ישראל און דעם אלמעכטיקן פון יעקב; קעגן זיין תורה און לערע; קעגן זיין מאָראל און חכמה — אלץ אויסצואווארצלען האָבן זיי זיך פארמאָסטן. צו פארנעמען מיט בלוט און שווערד לענדער און מדינות; צו פארשקלאפן פעלקער און נאציעס. און דעם אידן? דעם אייביקן שעיר לעזאזל? אים אויסשאלטן און אויסשפאנען פון דער קעגנווארט — דורך פארניכטונג, דורך אומקום, דורך מיתות משונות, וועלכע דער טייוול אליין האָט אפילו ניט געקענט אויספלאנען.

און אצינד? אצינד טוען אונדזערע בראווע גיבורים דערפילן דאָס געטלעכע שליחות, ווען זיי פארזייען טויט און פארניכטונג אין די דייטשע פראָווינצן און שטעט; אצינד גיסט זיך דאָרט זייער הינטיש בלוט; אצינד צעפלאקערן זיך אלץ מער די גרויסע ״קולטור״ בנינים, און די פייער־צונגען פארצערן די ״טעמפלען״ פון קונסט און די לאבאָראטאָריעס פון פארשיידענע ניי־מאָדערנע דערפינדונגען; אצינד זעצן ארויס אלץ מער זיילן רויך פון די אינדוסטריעלע צענטרען און פון די באַן־סטאנציעס, פון וואנען עס פלעגן אפפאָרן די תליינים פון דריטן רייך אין אלע אָקופירטע לענדער; אצינד דער־פילן די דייטשע באפעלקערונגען אין אלע פראָווינצן דעם טעם פון חורבן, פון דאַכלאָזיקייט, פון אומקום און פארניכטונג; אצינד דערזען זיי, אז דער טאָג פון באצאָלן איז ענדלעך געקומען:

דם ואש ותימרות עשן . . .

בלוט און פייער, און זיילן רויך . . .

אצינד זען זיי, אצינד דערפילן זיי, וואָס עס מיינט מורא און שרעק, אנגסט און בהלה; אצינד, ווען זייערע אייגענע אויגן זען ווי אַלטע און שוואכע ווערן אויף שטיקער צעריסן, און פרויען און קינדער ווערן אין אַש פאַר־וואנדלט; אצינד, ווען מיליאָנען דייטשן מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען און שלעפּן זיך אויף די וועגן און באהאלטן זיך אין די וועלדער, הונגעריקע און דאַרשטיקע; אצינד, אפשר אצינד, הויבן זיי אָן באַגרייפן, וואָס זייערע פירער־פאַרפירער האָבן פון זיי געמאכט . . .

אפשר אצינד דערוועקן זיך אין זיי חרטה־געפילן; אפשר אצינד דער־מאָנען זיי זיך, אז אזוי, אין בהלה און אין שרעק פאַרן טויט, האָבן געלעבט מענטשן אין פוילן, בעלגיע, האָלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך אא"וו, ווען זייערע דייטשע חיילות האָבן געהאַגלט מיט טויט און פאַרניכטונג, און חרוב געמאכט וואונדערבאַרע שטעט, פּראַכטפולע פּאַלאַצן און עסטעטישע וואוין־הייזער; פאַרוואַנדלט אין בערג אַש הונדערטער טויזנטער היימען פון אומשולדיקע מענטשן, וועלכע האָבן קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן.

פילן זיי חרטה? דערוועקן זיך אין זיי געדאַנקען וועגן תשובה?

איך גלויב באמונה שלמה אין די ווערטער פון די הייליקע חכמים, וואָס זאָגן: "רשעים, אפילו ווען זיי שטייען ביים אריינגאַנג פון גיהנום, טוען זיי נאָך אַלץ קיין תשובה ניט". . . (עירובין, י"ט).

איינציקע, זינדיקע, ווערן פון די מלאכי־חבלה אין גיהנום געפירט. אַ גאַנץ פאָלק, ווען עס זינדיקט, פירט מען דעם גאַנצן גיהנום צו זיי, מען "מופּט" אים אין דער דאָזיקער סדום־מדינה.

אין בלוט, אין פייער און אין זיילן רויך ווערן פאַרוואַנדלט די גרעסטע דייטשע ישובים. דער גיהנום האָט אַראָפּגענידערט צו טאָן גערעכטיקייט צו די "האָלסייל" פאַרברעכער, צו משפּטן די רשעים איבער אַלע רשעים . .

אזוי האָט נביאות געזאָגט דער נביא יואל: "און איך וועל וואונדער באַווייזן אויבן הימל און אויף דער ערד: דם ואש ותימרות עשן — בלוט און פייער, און זיילן רויך; אין פינצטערניש וועט פאַרקערט ווערן די זון און די לבנה אין בלוט. לפני בוא יום ה' הגדול והנורא — בעפאָר עס וועט קומען דער טאָג פון גאָט, דער גרויסער און פורכבאַרער". . .

* * * * *

ח

שפוך חמתך . . .

אין די הייליקסטע צוויי סדרים־נעכט, ווען די גליקלעכע, ביים לעבן־געבליבענע אידן, וועלן זיך אין זייערע ליכטיקע און וואַרימע היימען צום סדר זעצן און דערפילן מיט טיפער ערנסטקייט און הייליקן ציטער די אַלע אידישע מנהגים, וועלכע זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אין אַלע דורות פון אונדזערע אָבות־אבותינו; ווען אין סאַמע מיטן פון דער פייערלעכקייט און צעשטראַלטער פרייד ביי די פיין־סערווירטע טישן און יום־טובדיקער שטימונג, וועלן זיי דער־גרייכן די תפלה פון "שפוך חמתך", דאַן וועלן זיכער זייערע הערצער אויף־

צאפּלען און זייערע ליפּן וועלן מיט שטאַרקער באַגייסטערונג און רעליגיעזער התלהבות תפלה טאָן צום גאָט פון ישראל און אַלמעכטיקן פון יעקב:

שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך, ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו . . . (תהלים, ע״ט).

"גיס אויס דיין צאָרן אויף די פעלקער, וואָס ווילן דיך ניט קאָנען, און אויף די קעניגרייכן, וואָס ווילן דיין נאָמען ניט רופן"...

כי אָכל את יעקב ואת נוהו השמו . . .

"ווייל מ'האָט אַ תל געמאַכט פון יעקבן און זיין וואוינונג האָבן זיי פאַרוויסט"...

עס איז, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, אַ גרויסע מצוה אָפּצושטעלן זיך ביי דער דאָזיקער תפלה און דערציילן פאַרן הויז־געזינט אויספירלעך וועגן די גרוילטאַטן וואָס די רשעים זיינען קעגן אידן אין אַלע לענדער באַגאַנגען, מיט וואָס פאַר אַ אכזריות און ווילדקייט זיי האָבן אומגעבראַכט צוויי מיליאָן לעבנס פון פרידלעכע, שוצלאָזע אידן; עס איז אַ גרויסע מצוה אָנצוצינדן די הערצער פון אַלע די, וועלכע באַטייליקן זיך אין די צוויי סדרים־נעכט, דאָן וועלן זיי פון זיך זעלבסט, סטיכיש, אַרויסשעפּטשען דעם שפוך חמתך אל הגוים! דאָן וועלן זיי פילן אַן אינערלעכע צופרידנהייט פון די צעפּולווערטע, דייטשע שטעט און ישובים, צוליב דעם אומקום פון די רשעים . . . ווען רשעים קומען אום, דאַרפן אידן זיך צעזינגען, ווייל —

ובאבוד רשעים — רנה . . . (משלי, י״א, י׳).

"ווען רשעים ווערן פאַרניכטעט איז אַ געזאַנג"...

יאָ, מען דאַרף זינגען, כאָטש דאָס האַרץ איז פאַרביטערט; מען דאַרף זיך משמח זיין, ווייל גאָטס טאָג איז געקומען — זיך נוקם צו זיין אין די אַלע, וועלכע האָבן אַזויפיל צרות און פּיין, טויט און פאַרניכטונג געבראַכט אויף מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות.

אפשר וועלן די באַהאַלטענע, געצוימטע רשעים פון אַנדערע לענדער זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר; אפשר וועלן זיי זיין מער פאָרזיכטיק און מער ניט אַטאַקירן דאָס אייביקע, געטלעכע פאָלק, אפשר ? . .

אפשר וועלן זיי פאָרט איינזען, אַז דער שומר ישראל וועט נקמה נעמען פאַרן אַל־דאָס בייז; אפשר וועלן זיי סוף־כל־סוף זיך דערמאָנען, אַז דער סוף פון אַלעם רשעות איז — נקמה, ביטערע נקמה:

דם ואש ותימרות עשן . . .

בלוט און פייער, און זיילן רויך . . .

ווען עס וועט קומען דער טאָג פון גאָט, דער גרויסער און מעכטיקער! און מיר גלויבן, אַז דער טאָג פון גאָט איז טאַקע געקומען, זיינע שלוחים, די מוטיקע און העלדישע גיבורים אויף אַלע פראָנטן, אויף דער יבשה, אויף דעם וואַסער און אויף די לופט־וועגן פליען זיי אַ תל צו מאַכן פון די ביטערע רודפים, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן ניט בלויז קעגן די שוצלאָזע, אומשול־

דיקע אידן, נאר אויך קעגן דעם גאט פון ישראל און אלמעכטיקן פון יעקב! יא, עס איז זיכער, און עס איז קיין ספק ניט, אז דאס איז דער אנהויב פון יענעם גרויסן טאג:

והיה כל אשר יקרא בשם ה׳ ימלט, כי בהר ציון ובירושלים — תהיה פליטה, כאשר אמר ה׳... ובשרידים אשר ה׳ קורא...

״עס וועט זיין, אז דער וואס וועט רופן גאטס נאמען וועט אנטרונען ווערן, ווייל נאר אויפן בארג־ציון און אין ירושלים וועט זיין אן אנטרינונג. אזוי ווי גאט האט געזאגט, און די פארבליבענע, וועלכע גאט לאדט איין״.

דאס זיינען קלארע ווערטער, וועלכע באצייכענען אונדזער ענד־ציל. נאר אויפן בארג ציון און אין ירושלים וועט זיין אן אנטרינונג, נאר אין ארץ־ישראל וועט דער איד האבן מנוחה; נאר אין ארץ־ישראל וועט די מורא פארן אנטיסעמיטיזם פארשווינדן. ווייל נאר אויפן בארג ציון און אין ירושלים וועט זיין א רעטונג־ארט פאר די וועלכע רופן גאטס נאמען.

אין די הייליקע פסח־טעג, וועלכע דערמאנען אונדז נסים און מופתים, באפרייאונג און אויסלייזונג, דארף דאס גאנצע אידנטום זיך פאראייניקן אין איין תפלה —

צור ישראל, קומה בעזרת ישראל...

מעכטיקער פעלז פון ישראל, נעם זיך שוין צו העלפן דיין פאלק ישראל.

לשנה הבאה בירושלים!..

(ניסן, תשי״ד).

ט

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?..

שוין צוויי טויזנט יאר, ווי אידישע קינדער פרעגן זייערע טאטעס די הארבע קשיא: מה נשתנה? און דאך איז זי קיינמאל ניט פארעלטערט, זי ווערט ניט צוגעגעסן, זי פארלירט ניט איר רייץ און פרישקייט, איר נייגעריקייט און איר גלאנץ. זי איז תמיד אקטועל און צוגעפאסט צו איטלעכן דור און תקופה.

פון איין זייט דערמאנען אונדז די פיר קשיות פרייהייט און שמחה, ליכט און יום־טובדיקייט, און פון דער אנדערער זייט פארשקלאפונג און טרויער, פינצטערקייט און אומגליק. אין דער ״מה נשתנה״ ליגט פארוויקלט א גרויסע מגילה פון אלע פינצטערע תקופות און גלות־צייטן.

אין איטלעכן דור פרעגט מען:

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות?..

מיט וואס איז אנדערש די היינטיקע, פינצטערע, גלות־נאכט פון אלע אנדערע גלותן אין פארשיידענע דורות?

די פראגע איז די זעלבע, דער זעלבער אינהאלט, דער זעלבער נוסח, כאָטש די נעכט זיינען איינע פינצטערער פון דער צווייטער, און איינע ביטע־רער, שרעקלעכער פון דער צווייטער.

עס איז צו באוואונדערן דעם אידישן כח! עס איז ניט צו באגרייפן די אידישע גבורה! שטארקער ווי שטאָל און פעסטער ווי גראניט, הימל־הויך איז זיין שטאָלץ און טיפער ווי דער תהום זיין מאָראל.

אין סאמע מיטן פון דער טראגעדיע, אין דער ביטערער צייט פון חורבן און אומקום, זעצט זיך ווידער דער איד אויף זיין סדר־בעט, ארום דעם פיינעם, יום־טובדיקן טיש, סערווירט כיד המלך, מיט טייערע ווייגען און מאכלים, און ריינע כלים פון אלערליי מינים; אלע צימערן העל באלויכטן, אלע זיינען פול מיט פרייד . . . און תיכף נאָכן קידוש ווערן אלע שא־שטיל, אלע הערן זיך גוט איין ווי דער זון פרעגט דעם טאטן די קשיא:

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות ? . .

טאטע, פארוואָס איז די היינטיקע נאכט אנדערש ווי אלע אנדערע נעכט?

די קשיא, כאָטש זי איז שוין זייער אלט, קלינגט זי אָבער פריש, ניי, אינטערעסאנט. און באלד עפנט זיך דער קוואל פון וואנען עס הויבט אָן שפרודלען אמונה און בטחון, דערמוטיקונג און התחזקות, ניט אריינצופאלן אין יאוש און אין פארצווייפלונג.

דו ביסט נאָך יונג, מיין קינד. די קשיא אָבער איז שוין עלטער פון אונדז אלעמען:

שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם . . .

ניט בלויז איינער אליין — יעדערער אין זיין דור: פרעה, עמלק, המן, טאָרקוועמאדאַ, פעטליורא, היטלער. אין איטלעכן דור באפאלן זיי אונדז, די שונאי־ישראל, און ווילן אונדז פארטיליקן און פארניכטן. והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם — און השם יתברך ראטעוועט אונדז פון זייערע בלו־טיקע הענט . . .

דו ביסט נאָך יונג, מיין קינד. דיינע פיר קשיות זיינען טאקע הארב. אזוי האָב איך, דיין טאטע, געפרעגט מיין פאָטער, און מיין פאָטער האָט זיי געפרעגט זיין פאָטער . . . דור נאָך דור — די זעלבע קשיא, די זעלבע הארבע פראגע:

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות ? . .

יאָר־איין, יאָר־אויס, באפאלט מען דעם אידן; יאָר־איין, יאָר־אויס, רייסט מען פון אים שטיקער, אמאָל אין דעם לאנד און אמאָל אין יענעם לאנד.

רשעים פון פארשידענע פעלקער און ראסן, רשעות אין פארשידענע שפראכן און לשונות — דער איד עקזיסטירט אָבער דאָך, להכעיס די אָפענע און באהאלטענע שונאים, להכעיס די ביטערע, אָפענע קעגנער און פארמאס־

קירטע, כלומרשטע "פריינט". ישראל וועט אייביק עקזיסטירן און קיינמאל ניט אונטערגיין . . .

גערענקט איר גאָטס ווערטער, אין מויל פון זיין נביא ישעיה, אין לעצטן קאפיטל פון זיין ספר?

כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה, עומדים לפני, נאום ה' — כן יעמוד זרעכם ושמכם . . .

"פונקט ווי די אלטע הימלען און אלטע ערד, וואָס קוקן ביי מיר אימער אויס ניי, ווי איך וואָלט זיי ערשט באשאפן, אזוי ליב זייט איר ביי מיר און אזוי אייביק וועט פארבלייבן אייערע זאמען און נאָמען". . .

כל כלי יוצר עליך לא יצלח.

"די אלע וואפן, וועלכע דיין שונא שמידט, כדי מיט זיי דיך צו באזיגן — וועלן ניט ווירקן און ניט געלינגען". . .

וכל לשון תקום אתך למשפט תרשיעי . . .

"און איטלעכע רשעותדיקע צונג און אנטיסעמיטישע שפראך, וואָס וועט דיך וועלן באזיגן, באשמוצן און באפלעקן — וועסטו זיי שולדיק און אומשעדלעך מאכן". . .

זאת נחלת עבדי ה' וצדקתם מאתי, נאום ה'. (ישעיה, נ"ד, י"ז).

"אָט דאָס איז דער לוין און שכר פאר אלע מיינע דינער, זאָגט גאָט".

יאָ, דאָס איז גבורה, דאָס איז אמתער, נאציאנאלער שטאָלץ. טראָץ אלע מוראדיקע פּאסירונגען, טראָץ אלע פארטיליקונג פּלענער, איז ישראל פול מיט האָפענונג און בטחון, פול מיט זיכערקייט און פעסטקייט. ער גלויבט באמונה שלמה אין די ווערטער פון השם יתברך, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן דורך זיין נביא ישעיה:

ברגע קטן עזבתיך, וברחמים גדולים אקבצך.

"אויף א קליינער ווײַלע האָב איך דיך נאָר פארלאָזן, אָבער מיט גרויס רחמים וועל איך דיך צוריק איינזאמלען". . .

בשצף קצף הסתרתי פני רגע ממך, ובחסד עולם רחמתיך, אָמר גואליך ה'. (ישעיה, נ"ד).

"מיט א פארפלייצנדיקן כעס האָב איך נאָר א רגע פון דיר מיין פּנים באהאלטן. אָבער מיט אייביקן חסד און שטענדיקן גנאָד וועל איך דיך דער-בארימען, זאָגט דיין אויסלייזער, גאָט".

כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה וחסדי מאתך לא ימוש וברית שלומי לא תמוט, אָמר מרחמך ה'. (דאָרטן).

"אפילו ווען די בערג וועלן זיך פאנאנדערדרוקן און די הויכן וועלן זיך טרייסלען, וועט אלץ מיין חסד פון דיר זיך ניט אָפּטאָן און מיין פרידנס-בונד וועט זיך ניט אויסלאָזן, זאָגט דיין דערבארימדיקער גאָט". . .

י

והי׳ כי ישאלך בנך . . .

און אז עס וועט זיין, אז דיין זון וועט דיך אזוי פרעגן: וואס איז דאס? זאלסטו אים זאגן: מיט א שטארקער האנט האט אונדז גאט ארויסגעצויגן פון מצרים פון דעם קנעכטשאפט הויז.

אונדזערע חכמים האבן אונדז געלערנט: אומעטום, וואו עס שטייט ויהי, איז עס א סימן פון צער, און דארטן, וואו עס שטייט והיה, איז עס א סימן פון שמחה, פון פרייד.

פארשטייען מיר היינט צו טאג זייער גוט די טיפזיניקע רייד פון אונדזערע הייליקע חכמים. עס איז א שמחה, א פרייד ווען עלטערן זיינען זוכה, אז זייערע קינדער זאלן פרעגן און זיך פאראנטערעסירן מיט אידישע ימים־טובים און זיך פארטיפן אין אידישע פראבלעמען, ווייל טויזנטער זיינען לייד־דער, צו אונדזער חרפה און שאנד, פאראן וואס פרעגן גארניט און פאראינטערעסירן זיך גארניט מיט אידישקייט. א טייל פון זיי זיינען להכעיס, און א טייל פון זיי זיינען ״שאינו יודע לשאולם״ — פארפרעמדט, דערווייטערט, א מהלך רב שוין אוועק פונם אידישן קוואל. זיי פארשטייען שוין מער ניט די שפראך פון זייערע עלטערן. זייער באציאונג צו אידישע שמחות און ימים־טובים זיינען זייער פאסיוו; זיי פילן מער ניט די פרייד פון די פאלקס־פייער־לעכקייטן; זיי ווערן ניט מער באגייסטערט פון אידישע, דערהויבענע טעג — די פרייד פון זייערע עלטערן איז ניט זייער פרייד . . . זיי פרעגן ניט מער, זיי זיינען גארניט פאראינטערעסירט. זיי זיינען שאינו יודע לשאולם . . . אבער ניט פון דעם סארט פון דער הגדה, וועלכע מען קאן העלפן מיטן ״את פתח לו״.

דעריבער, והיה, עס וועט זיין א שמחה, א פרייד; כי ישאלך בנך, אז דיין זון וועט ענדלעך דאך עפעס פרעגן ביי אייך . . .

דעריבער, טאטעס, זייט פארבארייט, לערנט זיך צו קאנען גיבן אייער זון דעם אמתן תירוץ אויף זיין קשיא. ווייל והגדת לבנך, זאלסט דערציילן דיין זון, איז איינע פון די גאר־וויכטיקע מצוות. ניט בלויז אין די סדרים־נעכט, ניט בלויז אין פסח — נאר אויך א גאנץ קיילעכדיק יאר איז דער איך ניט באפרייט פון דער ערשט־ראנגיקער מצוה פון דערציילן זיינע קינדער . . .

צו האבן די זכיה, די פרייד און דאס גליק, אז דאס קינד זאל פרעגן — דארף מען מאכן גרויסע הכנות און זייער פיל צוגרייטונגען, ניט בלויז אין דער פאר־פסח וואך, נאר א גאנץ יאר . . . מען דארף די קינדער לערנען אידישע תורה, אידישע טראדיציעס, אידישע מאראל; עלטערן דארפן עפענען די אויגן פון זייערע זין און טעכטער, מען דארף זיי אריינפירן אינם אידישן לעבן, מען דארף פאר זיי עפענען די אידישע געשיכטע . . . דאן, ערשט דאן איז צו האפן, אז דאס קינד וועט פרעגן; ערשט דאן איז צו דערווארטן די פרייד פון —

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר: מה זאת ? . .

און עס וועט זיין, אז דיין זון וועט דיך פרעגן . . .

ערשט דעמאָלסט וועט אייער קינד פארשטיין אייער תירוץ; ערשט דאַן וועט אייער קינד פארשטיין די אידישע גבורה, דעם אידישן שטאָלץ, דעם אידישן כח; ערשט דעמאָלסט וועט ער פילן זיין צוגעבונדנקייט צו דער אידי־שער משפחה צו דער כנסת ישראל.

ליב וועט אים דאַן זיין צו העלפן טראָגן די לאַסט פונם אידנטום, די לאַסט מיט וועלכער די אומות העולם באַלעסטיקן אונדז אמאָל אויף א מיל־דערן, אמאָל אויף אַן אכזריותדיקן, ברוטאַלן שטייגער . . .

והיה — עס וועט דאַן ווירקלעך זיין א פרייד און שמחה; כי ישאָלך בנך מחר לאמר — ווען דיין זון וועט זיין שטאַרק פאראינטערעסירט צו וויסן אַלע פּרטים און איינצלהייטן פון אַלעם דעם, וואָס ער דערזעט אויף און אַרום אייער הערלעכן, רייך־סערווירטן סדר־טיש . . .

זאָלן געדענקען די טאַטעס און מאַמעס, ניט בלויז אַז די הכנות פון די צימער־ריייניקונגען און קליידער פוצן, ניט בלויז וועגן פסחדיקע, כשרע שפּייזן און וויינען, נאָר אויך אַז די גרויסע הכנות צוצוגרייטן אייערע קינדער זיי זאָלן קאָנען פרעגן, זיי זאָלן האָבן אַן אינטערעס צו פרעגן, זיי זאָלן פילן א טעם אינם יום־טוב, זיי זאָלן פון אים לערנען און שעפן חיות פאַר זייער לעבנס־וועג . . .

פסח איז דער יום־טוב וואָס לייגט אַרויף פאַראַנטוואָרטלעכע פליכטן סיי אויפן טאַטע, סיי אויף דער מאַמען און סיי אויפן קינד:

די מאַמע גרייט צו דעם הערלעכן סדר־טיש: דער טישטוך איז ווייסער ווי שניי, דאָס גלאָזוואַרג זעט אויס ווי קרישטאָל, פון דער קיך דערטראָגן זיך אַנגענעמע ריחות פון עכט־אידישע מאכלים; ווי א אשת־חיל גרייט זי אפילו צו דעם מרור, די חרוסת, זאַלץ־וואַסער און כוסות; וויין — פון בעסטן סאָרט, און פון רויטן קאָליר. אַט קומען זיך צוזאַמען די נאָענטע, אַט הויבט זיך אָן דער סדר, אַט ווען אַלע באַוואונדערן די בריהשאַפט פון דער בעל־הביתטע, וועלכע האָט מיט שוויים און ענערגיע אַלץ פאַרזאָרגט; אַט ווען אַלע ווי איינער ווינטשן איר — דערלעבט איבעראַיאָר . . .

אויך דער טאַטע האָט פסחדיקע פליכטן: ער דאַרף צוגרייטן אַן ענט־פער אויף די פיר קשיות. אַט וועט אים באַלד א פרעג טאָן זיין משהלע: טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיר קשיות —

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות ? . .

מיט וואָס איז אַנדערש די היינטיקע נאַכט פון אַלע אַנדערע נעכט?

דאָס איז דאָך די אַלטע, טויזנט־יאָריקע קשיא, וואָס קינדער פרעגן זייערע פאָטערס; דאָס איז דאָך די קשיא אויף וועלכער קינדער דערוואַרטן א פאַרשטענדלעכן ענטפער, וואָס זאָל אַריינגיסן אינם קינדס האַרץ אמונה און בטחון, ליבע צו דער אידישער תורה און טראַדיציע, צו זיין פאָלק און לאַנד, צו זיין שפּראַך און קולטור.

טאַטע, ביסטו צוגעגרייט צו אַזא שטייגער ענטפער?

אויב ניט, ארבעט איבער איר כאָטש אזויפיל ווי דיין פרוי איבער די קליינדלעך, וועסטו דעם ריכטיקן ענטפער געפינען. עפן די אויגן פון דיינע קינדער. זאָלן זיי זען אונדזער אומגליק און אונדזערע האָפענונגען. דערמאָן זיי, אז:

שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם...

"אין איטלעכן דור נעמען זיי זיך אונדז צו פארטיליקן און השם יתברך ראטעוועט אונדז פון זייערע בלוטיקע הענט"...

פיר זיי, טאטע, דיינע קינדער אין דעם אידישן תחום אריין... וועסטו עס טאָן — וועסטו האָבן די גרויסע זכיה, דאָס גוואלדיקע פארגעניגן און די אמתע שמחה.

והיה, — עס וועט באמת א פרייד זיין; כי ישאלך בנך לאמר — ווען דיין זון וועט דיך פרעגן און זיך פאראינטערעסירן אין דער אידישער טראדי־ציע און אין אלע אידישע פראָבלעמען...

— —

אלע נעמען זיי אנטייל אינם הייליקן יום־טוב — פסח: דער טאטע, די מאמע און דאָס קינד.

(הי ניסן תש״ה).

יא

בצאת ישראל ממצרים

ווען מען באטראכט די אידישע ימים־טובים און תפילות, זעט מען, אז יציאת מצרים איז די אקס ארום וועלכער עס דרייען זיך אלע אידישע מצוות און טראדיציעס. אלע, כמעט אלע מנהגים האָבן אין זיך עטוואָס פון יענער געשעעניש, וואָס האָט ארויפגעלייגט אן אייביקן חותם אויפן גאנצן טראדיציאָנעלן לעבן פונם אידנטום.

נעמט, למשל, דעם אידישן לוח. ביי איטלעכער אומה ולשון, פאָלק און נאציע, איז ניי־יאָר דער ערשטער חודש פונם יאָר. ביי אידן איז ניי־יאָר, ראש־השנה, דער זיבעטער חודש. בחודש השביעי, באחד לחודש יהיה לכם שבתון זכרון תרועה (ויקרא, כ ג, כ״ד). אונדזער ערשטער חודש פון יאָר איז דוקא ניסן — החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם וחדשי השנה (שמות, י״ב, ב׳). דאָס איז דערפאר, ווייל אין חודש ניסן זיינען אידן באפרייט געוואָרן פון מצרים, האָט די תורה די געשעעניש פאראייביקט אינם לויפנ־דיקן לוח.

דער ערשטער טאָג אין ניסן איז אויך ראש־השנה פאר אידישע מלכים, — זאָגט אונדז די ערשטע משנה אין מסכתא ראש־השנה, אז א אידישער מלך האָט אָנגעהויבן קעניגן אין חודש אדר און אז עס קומט ניסן, הייסט עס אז דער מלך האָט שוין געקיניגט א יאָר, און ניסן ווערט שוין באשטימט אלס דער צווייטער יאָר פון יענעם אידישן מלך.

מען דערמאָנט יציאת מצרים אין דער "קריאת־שמע", סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. מזכירין יציאת מצרים בלילות (משנה ברכות). ווען א איד מאַכט קידוש שבת, זאָגט ער זכר ליציאת מצרים, און יום־טוב זאָגט ער, מקרא קודש זכר ליציאת מצרים.

ניט נאָר פסח, וואָס איז דאָך איינגעטלעד דער יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט אלס זכר ליציאת מצרים, וואו סיי די מצה, סיי דער מרור און חרוסת, און סיי די ארבע כוסות זיינען אלע א זכר, א סימבאָל פון יציאת מצרים, נאָר אפילו שבועות און סוכות זיינען אלע א זכר פון יציאת מצרים.

ווען גאָט האָט געגעבן די תורה צו די אידן, אין שבועות, הויבט ער אָן דעם ערשטן פון די צען געבאָט:

אָנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים . . .

"איך בין ה', דיין שטאַרקער גאָט, וואָס האָט דיך ארויסגעצויגן פון לאַנד מצרים".

אלזאָ, דער אָנהויב פון די עשרת הדברות — וואָס זיינען פאַרהייליקט ניט בלויז ביי אידן, נאָר אויך ביים בעסערן טייל פון דער מענטשהייט — דערמאָנט אלעמען אין יציאת מצרים.

אין חומש דברים, פ' ראה, דאָרט וואו עס רעדט זיך וועגן יום־טוב שבועות, זאָגט די תורה: "וזכרת כי עבד היית במצריים, ושמרת ועשית את החקים האלה (ט"ז, י"ב) — זאָלסט געדענקען, אז דו ביסט געווען א קנעכט אין מצרים, דעריבער זאָלסטו היטן און פּראַקטיצירן די דאָזיקע געזעצן".

סוכות איז דאָך דער גרויסער סימבאָל פון יציאת מצרים: זיבן טעג זאָלט איר זיצן אין סוכות, יעדער איינגעבוירענער אין ישראל זאָל זיצן אין סוכה —

למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים. אני ה' אלקיכם . . .

כדי אין אלע דורות זאָל מען וויסן, אז איך האָב אין סוכות געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי פון לאַנד מצרים ארויסגעצויגן. איך ה' בין אייער שטאַרקער גאָט".

ווי א גאָלדענער פאָדים איז דער יציאת מצרים אקט דורכגעוועבט אין אלע אידישע טעג און נעכט, חדשים און יאָרן, שבתים און ימים־טובים, אין אלע מצוות און מנהגים.

אויב די געבראַכטע ציטאַטן זיינען פאַר אימעצן נאָך וויניק, זאָגט די תורה: למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך (דברים ט"ז). "כדי דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין ארויסגיין פון מצרים — דיין גאַנץ לעבן".

סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, זאָלסטו גוט געדענקען יציאת מצרים. די חכמים זאָגן, אין ברכות, אז אפילו אין משיחס צייטן, ווען די גאולה וועט קומען, און עס וועט מער ניט זיין קיין עול און קיין יאָך פון גלות, זאָל מען אויך געדענקען יציאת מצרים . . .

כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות . . . יראו גוים ויבושו מכל גבורתם, ישימו יד על פה, אזניהם תחרשנה. (מיכה, ז׳, ט״ו־ט״ז).

"אזוי ווי דו ביסט ארויס פון מצרים, וועל איך וואונדער באוויזן . . . פעלקער וועלן עס זען און וועלן זיך שעמען מיט זייער גבורה, זיי וועלן זייער מויל מיט דער האנט פארדעקן, זייערע אויער וועלן פארטויבט ווערן". . .

די וואונדער פון יציאת מצרים וועלן אפילו געגומען ווערן אלס מוס־טער פאר דער קונפטיקער גאולה, פעלקער וועלן עס באמערקן און וועלן זיך שעמען מיט זייער פיזישער גבורה. זיי וועלן זייער מויל, וואס האט "געלערנט" די וועלט, מיט דער האנט פארדעקן און זייערע מגושמדיקע אויערן וועלן פאר־טויבט ווערן, ניט קאנענדיק אויפכאפן די געטלעכע ווערטער פון דער אמתער גאולה און באפרייאונג פון דער וועלט . . .

מיט וואס דערקלערט זיך דער אויפפאלנדיקער פאקט, אז יציאת מצרים איז געווארן, אזוי צו זאגן, די אקס ארום וועלכער עס דרייען זיך אלע וויכטיקע פאסירונגען אין אידישן לעבן אין דער טיפער פארגאנגענהייט, אין דער גרוי־זאמער קעגנווארט און אין דער ווייטער צוקונפט — אזש ביז משיחס צייטן?

איך ווייס ניט ווי אזוי איר דענקט וועגן דעם דאזיקן ענין. איך בין אבער איבערצייגט אין דעם וואס איך וועל דא ווייטער זאגן:

יציאת מצרים איז ניט געווען בלויז דער טאג, ווען א פארשקלאפט פאלק איז מיטאמאל באפרייט געווארן. קארג פעלקער ווערן פארשקלאפט, אקופירט, בארויבט און דאן ווייטער פארשקלאפט און ווייטער באפרייט?

האבן מיר דען ניט געזען מיט אונדזערע אייגענע אויגן ווי אין די לעצטע דריי צענדליק יארן זיינען פעלקער אקופירט און באפרייט גע־ווארן, און אצינד זיינען זיי ווידער פארשקלאפט מיט קלינגענדיקע פראזן און צוזאגעכצן פון גאלדענע גליקן, אבער סוף־כל־סוף פארשקלאפט איבער די אויערן . . . אויפן פאפיר באפרייט און אין דער ווירקלעכקייט פארשקלאפט.

יציאת מצרים איז געווען דער ערשטער געטלעכער אנזאג פון אבסא־לוטער פרייהייט, פון פרייהייט אויף אן אמת. יציאת מצרים איז געווען אן עפאכע־מאכנדיקע רעוואלוציע, א קעגן־שקלאפעריי פונם גוף, פונם געדאנק, פונם ווארט און פון אלץ וואס איז מענטשלעך.

יציאת מצרים איז געווען דער ערשטער פאקט אין דער וועלט־געשיכטע, אז דער שטארקער קאן דעם שוואכן ניט אימער האלטן אין געשפאן.

יציאת מצרים האט געוויזן, אז ניט מיט פיזישער גבורה קאן מען הערשן און געוועלטיקן איבער א פאלק, וואס בענקט צו גאולה.

ניט מיט קיין וואפן און כלי זיין זיינען אידן באפרייט געווארן, נאר מיט דעם געטלעכן כח וואס האט זיך באוויזן אויסצולייזן אונדזערע אבות פון מצרים, נאך דערהערן זייער אמתן, טיפן געשריי . . .

ויאמר ה׳ ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים, ועת צעקתם שמעתי מפני נוגשיו, כי ידעתי את מכאוביו. וארד להצילו מיד מצרים, ולעלותו מן הארץ ההיא אל ארץ טובה ורחבה, אל ארץ זבת חלב ודבש . . . (שמות, ג׳ ז־ח).

"און גאָט האָט געזאָגט, איך האָב געזען ווי מיין פאָלק ווערט געפּייניקט אין מצרים, און דאָס געשריי פון די אידן האָב איך דערהערט צוליב זיינע דערדריקער, ווייל איך ווייס זיין ווייטיק. האָב איך זיך אראָפּגעלאָזט אים מציל צו זיין פון מצרים, און אים דערהויבן פון דעם דאָזיקן לאַנד, און אים אריינברענגען אין א לאַנד א גוטעס און א ברייטעס, אין א לאַנד וואָס עס פליסט דאָרטן מילך און האָניק". .

פעלקער האָבן דערהערט און זיינען דערציטערט געוואָרן פון דעם דאָזיקן איבערנאַטירלעכן פאַקט, אז א שוואַך, אומבאַוואָפנט פאָלק האָט זיך מיטן כח פון אמונה — ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו — געקאָנט באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט פונם דעמאָלסטדיקן שטאַרקן, פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטן, מצרים.

יציאת מצרים איז א טיפע, געטלעכע לערע, קודם־כל פאַר אידן, אז די באַגריפן פון פרייהייט, אויב זיי זיינען ניט קיין געטלעכע, האָבן זיי אַזוי א פּנים ווי די "באַפרייטע" לענדער אין אייראָפּע.

דער געטלעכער אַקט פון יציאת מצרים איז ווי א גאָלדענער פאָדים איינגעוועבט געוואָרן אינם גאַנצן אידישן וועזן. דאָס אָריגינעלע אידנטום, דאָס ריינע און הייליקע, וואָס ווערט זיך און וויל בשום אופן אויף זיך ניט ארויפציען דעם קרעציקן מאַנטל פון דער פאַרפוילטער, אייראָפּייאישער קולטור — אָט־דאָס אידנטום לעבט און אָטעמט מיט די אידעאַלן פון יציאת מצרים סיי ביים טאָג און סיי ביינאַכט, סיי שבת און סיי יום־טוב, ממש "כל ימי חייך". זיין גאַנץ לעבן שטייט פאַר זיינע אויגן יענער געטלעכער אַקט פון יציאת מצרים.

באַפרייאונג אויף אַן אמת, באַפרייאונג פונם גוף און נשמה, פונם הארץ און מח, פון וואָרט און שריפט; באַפרייאונג אַן קלינגענדיקע פראַזן, וואָס זיינען אויסן צו א נייער פאַרשקלאַפונג.

נאָך אַזא געטלעכער באַפרייאונג וועט זיך ערשט משה און ישראל צעזינגען —

אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה׳ לאמר . . .

דער אַקט פון יציאת מצרים טאָר ניט פאַרגעסן ווערן פונם אידן זיין גאַנץ לעבן, כדי . . . ווען ער וועט לעבן אין א תקופה, ווען פאַלשע נביאים וועלן פרייזיקן כלומרשטע פרייהייט, זאָל דער איד די געפּריידיקטע פרייהייט פון מגושמדיקע הערשער פאַרגלייכן מיט דער יציאת מצרים פרייהייט און זיי ביידן גוט באַטראַכטן, און דאַן וועט ער זען צי די פרייהייט איז געמיינט אויף אַן אמת, צי זי איז נאָר א שיינער מאַנטל צו פאַרדעקן א נייע פאַרשקלאַפונג.

וויפל די בעסערע פעלקער האָבן זיך ניט דערקלערט אין ליבע צום תנ"ך און וויפל זיי מורמלען ניט די פסוקים פון דער תורה און פון די נביאים, שטייען זיי נאָך אַלץ ווייט, זייער ווייט, פון די אידעאַלן, וואָס זיינען אין שרייענדיקע פּראָטעסטן געשליידערט געוואָרן צו די פעלקער דורך די געטלעכע, אמתע נביאים.

כל־זמן פיזישע גבורה ווערט פאַרגעטערט און העלדן, וואָס האָבן געקאָנט חרוב מאַכן בליענדיקע ישובים און טויטן טויזנטער שונאים, ווערן באַלוינט מיט גאָלדענע מעדאַלן . . . האַלט עס נאָך דערווייל ניט ביי דער אמתער גאולה.

כל־זמן פיזישע קראַפט און דערפינדונגען פון טויטלעכע כלי־זין זיינען דער בייזער וואונדער פון די פעלקער, האַלט עס נאָך ניט אפילו ביים אלף־בית פון ישעיה הנביאס פרידן־פּראָקלאַמאַציע פאַר דער מענטשהייט; כל־זמן פעלקער שעמען זיך ניט מיט זייער גבורה און מיט זייערע פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטע אַרמייען, און מיט רויב אַפּעטיטן, וועלכע ווערן כלומרשט באַרעכטיקט מיט זיכערהייט צוועקן, זיינען נאָך ווייט, זייער ווייט יענע טעג אין וועלכע —

יראו גוים ויבושו מכל גבורתם . . . (מיכה, ז׳ ט״ז).

"פעלקער וועלן זיך באַטראַכטן און זיך שעמען מיט זייער פיזישער גבורה".

יציאת מצרים איז געווען דער גרויסער נס און וואונדער, וואָס א באַפרייאונג איז געקומען ניט דורך קראַפט און מענטשלעכן כח.

שמעו שמים ירגזון, חיל אחז יושבי פלשת . . .

"פעלקער האָבן דערפון געהערט און זיך צעקאָכט, און א ציטער האָט אַרומגעכאַפּט די איינוואוינער פון פלשת".

יציאת מצרים איז די אַקס אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע אידישע האָפענונגען; יציאת מצרים איז דער מוסטער פון אַן אמתער באַפרייאונג; יציאת מצרים איז אַריינגעפלאָכטן אין אַלץ וואָס איז אידיש. כדי דער איד זאָל וויסן און זיין זיכער איבער די סמנים פון דער אמתער גאולה, ער זאָל חלילה ניט פאַרוועקסלען א דעקלאַראַציע אָדער א גוט וואָרט פון א "פּאָליטישן" אין א גלויבן אויף וועלכן מען קאָן פיל בויען.

די אידישע טראַגעדיע אין אונדזער צייט האָט עס בולט באַוויזן, וויפל דער איד קאָן אויסשטעלן אויף די באַפרייאונג באַוועגונגען פון פעלקער; די אידישע טראַגעדיע האָט אונדז קלאָר איבערצייגט דעם יושר פון די דעמאָקראַטישע באַזיגער — הן לגבי ארץ־ישראל און הן לגבי דעם אידישן פאַרמעגן פון די פאַרטיליקטע אידן אין אייראָפּע.

אמת, אין אייראָפּע האָבן געלעבט פיל אָרימע אידן, אָבער וויפל באַטרעפט דאָס אידישע האָב און גוטס וואָס איז דאָרט פאַרבליבן? ביליאָנען דאָלאַרן זיינען ווערט געווען די אידישע הייזער פון פוילן, דייטשלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, האָלאַנד, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע אונגאַרן, עסטרייך, ליטע, לעטלאַנד, פינלאַנד אא"וו . . .

פארוואס זאָלן די אידישע קאָנגרעסן ניט ארויסשטעלן א פאָדערונג צו די "יונייטעד ניישאַנס", אז די פעלקער, די אצינד "באפרייטע" פעלקער, זאָלן אומקערן דאָס אידישע פארמעגן? פארוואָס זאָלן יענע אוצרות ניט אי־בערגיין צום אייגנטום פונם אידישן פאָלק פונם שארית הפליטה, און עס אינוועסטירן אין ארץ־ישראל?

דאָס זיינען אייגנטלעך די הויפּט־קשיות פונם היינטיקן פסח ביי אידן.

אָבער שא־שטיל, ווי קען מען אצינד ריידן וועגן אידישע פארמעגנס, אז דער איד אליין איז נאָך אין גרויס סכנה אין די לאַגערן אין די "באפרייטע" אייראָפּיאישער לענדער ? . . אומגליקלעכע יתומים זיינען נאָך אלץ באַהאלטן אין קלויסטערס און אין גויישע היימען, וואָס האָבן נאָך אלץ קיין חשק ניט זיי צוריקצוגעבן צום אידישן פאָלק ! . .

די אידישע סדרים, וואָס ווערן נאָך געפּראוועט מיט טראדיציע און ווארימקייט, דארפן דאָס יאָר זיין א גוטע געלעגנהייט פאר עלטערן צו דער־ציילן זייערע קינדער וועגן יציאת מצרים, וועגן געטלעכער באפרייאונג און, להבדיל אלף הבדלות — "מענטשלעכער".

יציאת מצרים דארף אריינגיסן אמונה, גלויבן און בטחון אין די אידישע הערצער, אז סוף־כל־סוף וועט די אידישע, אמתע גאולה קומען.

עס דארף ארויסשטראָמען פון אידישן קוואל פון גלויבן א הייסער, אינערלעכער געבעט:

לשנה הבאה בירושלים ! . .

(ניסן תש"ו).



שבועות

א

תורה — דער ווינקלשטיין פון דער וועלט ציוויליזאציע

אָנכי ה׳ אלקיך . . .

. . . און געברענט האָט דער מדבר סיני ווי א קאַלך־אויוון; די זאמד אונטער די פיס פונם באפרייטן פאָלק — האָט געבריט; די פלאַם־פייערדיקע זון איז פון צייט־צו־צייט פארדעקט געוואָרן פון די זאמד־כוואַליעס, וועלכע דערהויבן זיך פון די הייסע מדבר־ווינטן, און אויסגעקוקט האָט זי ווי א רויטער, פארבלוטיקטער באַל . . .

כביכול האָט אָט־די מדבר פאר א שמעלץ־אויוון באשטימט, אויסצו־לייטערן די כנסת ישראל פון איר טומאה און שמוץ, פון וועלכער זי איז שטארק באאיינפלוסט געוואָרן פון דער מצרישער עבודה זרה קולטור.

אזוי האָט זיך דאָס שקלאַפן־פאָלק געטראָגן אלץ טיפער און טיפער אין דער מדבר אריין. זיין הארץ האָט געצויגן דאָרט ווייט־ווייט, צו יענעם בארג, וואו די שכינה האָט געדארפט נתגלה ווערן; זיינע אויגן זיינען געווען געווענדעט צום בארג חורב, דאָרט וואו א פאָלק פון עבדים האָט געדארפט ווערן א — ממלכת כהנים וגוי קדוש . . .

דאָס הארץ פון די בני ישראל האָט געציטערט און געפלאַטערט, לאַ־גערנדיק ביים פלאַמענדיקן בארג. די קולות און ברקים האָבן אויפגעציטערט דעם גאנצן מדבר־האָריזאָנט און דער קול־שופר האָט באגלייט די דונערן און בליצן, און דערשראָקן האָט זיך די מדבר פונם אלמעכטיקנס שטימע, וועלכע האָט פאראליזירט די גאנצע נאַטור־באוועגונג אלס צייכן פון אנער־קענטער אונטערטעניקייט צו איר באשעפער און שטענדיקער טרייב־קראַפט, וועלכע באַלעבט זיין שאפונג און איז כסדר מחיה אלע יסודות פון דער נאַטור.

און ווען די גאנצע בריאה האָט זיך אויף א ווײַלע אָפּגעשטעלט און אלץ איז פארבליבן אין א פארגליווערטן צושטאנד, האָט כביכול געלאָזט הערן זיין שטימע:

אָנכי ה׳ אלקיך . . .

"איך ה׳ בין דיין גאָט" ! . .

זיין מעכטיקע שטימע האָט אָפּגעקלונגען אין יעדער אידנס הארץ. יעדער איינער האָט געהערט קלאָר און דייטלעך, אז מען רעדט צו אים, כמעט ווי נאָר צו אים אליין. אלקיך — און ניט אלקיכם, ווייל ניט איטלעכנס השגה אין געטלעכקייט איז גלייך; יעדערער לויט זיין מדרגה, יעדערער לויט זיין השגה, סיי גרויס — סיי קליין, סיי הימל־הויך — סיי נידעריק ביז צו דער ערד איז אָנכי ה׳ אלקיך.

וואו דו ביסט, וואו דו געפינסט זיך, סיי אין דער מחיצה פון קדושה וטהרה, און סיי אין שאול תחתיה, וואו עס הערשט טומאה און שמוץ, סיי דו ביסט נאָענט, סיי דו ביסט ווייט איז אָנכי ה׳ אלקיך . . .

סיי איך באקום פון דיר, יחיד, פולע אנערקענונג, און סיי דיין באַציאונג צו מיר איז אַ קאַלטע, אַ שוואכע איז אָנכי ה׳ אלקיך . . .

סיי דו ווילסט עס און סיי דו ווערסט זיך — בין איך אַלץ דיין גאָט.

ב

עס איז מערקווירדיק און ס׳איז כדאי צו פאַרטראַכטן זיך, פאַרוואָס יעדער יום־טוב האָט באַשטימטע, פון דער תורה־אָנגעצייכנטע מצוות, וועלכע איטלעכער איד איז זיי מחויב צו טאָן. למשל, אום פסח — אַ פאַרבאָט צו עסן און האַנהאָבן פון חמץ, אַ געבאָט צו עסן מצה, מרור, ארבע כוסות; ראש־השנה — בלאָזן שופר, זאָגן מלכיות, זכרונות, שופרות; יום־כפור — פאַסטן, מתודה זיין און תשובה־טאָן; סוכות — סוכה, לולב; חנוכה — צינדן ליכט־לעך; פורים — מקרא מגילה; און גראָד שבועות, דער יום־טוב פון מתן־תורה, האָט ניט קיין איינציקע מצוה, וועלכע זאָל באַצייכענען און אונטערשיידן דעם יום־טוב פון אַ צווייטן? מקרא־קודש און איסור מלאכה זיינען דאָך אויך די מצוות פון אַנדערע ימים־טובים!

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? עס איז דאָך זיכער ניט קיין צופעליקייט, וואָס גראָד שבועות, דער יום־טוב פון מתן תורה, דער טאָג אין וועלכן אידן האָבן באַקומען זייער געטלעכע קאָנסטיטוציע און אַלע תרי״ג מצוות, און זיינען דערקלערט געוואָרן פונם וועלט־באַשאַפער אַלס ממלכת כהנים וגוי קדוש — אַלס געטלעכע רעפובליק און הייליקע נאַציע, — גראָד דער היס־טאָרישער טאָג זאָל ניט האָבן וועלכע עס איז ספּעציעלע מצוה, ווי אַלע אַנ־דערע יום־טובים? . .

פאַרטיפט מען זיך אָבער אין די באַגריפן פון תורה ומצוות, קומט מען צו דעם באַשלוס: יעדער יום־טוב טראָגט אַ צייטווייליקן כאַראַקטער. וועל־כער איין טאָג, און וועלכער זיבן טעג. עס האָט ניט קיין זין ניט צו עסן חמץ אַ גאַנץ יאָר, פּונקט ווי עס איז ניט קיין מצוה צו עסן מצה אום ראש־השנה; עס האָט קיין באַדייטונג ניט צו בלאָזן שופר נאָך ראש־השנה, אָדער צו זיצן אין דער סוכה אום יום־כפור, אָדער אום שבועות. יעדער יום־טוב האָט זיך זיין צייט און זיינע באַשטימטע מצוות.

שבועות איז אָבער אַן אויסנאַם. זיין באַדייטונג איז ניט פון אַ באַ־גרעניצטן זמן, נאָר אויף אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. די תורה איז ניט קיין איינ־צעלנע מצוה, ווי מצה, מרור, שופר, ענוי נפש, סוכה, לולב אד״ג. די תורה דאַרף אַרומנעמען דעם אידן פון אַנהויב יאָר ביז זיין ענדע, פון זיין געבורט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג; די תורה פאַרפליכטעט דעם אידן אַ גאַנץ יאָר, זי באַפרייט אים ניט קיין איינציקן טאָג אין זיין לעבנס־צייט. סיי זיין באַציאונג צו גאָט — בין אָדם למקום, סיי זיין באַציאונג צו זיינע מיט־מענטשן — בין אָדם לחברו — אַלץ ווערט רעגולירט לויט די געזעצן פון דער תורה. די תורה

איז ניט קיין רעליגיע און ניט ווי די רעפארמער און ערב־משומדים ווילן איינ־רײדן, אז דער באגריף תורה איז טעאָלאָגיע. ד"ה, רעדוצירט איר מהות צו א מיניםום און איר באדייטונג צו נול.

דער חילוק איז גרויס און דער אונטערשייד איז גוואלדיק: טעאָלאָ־גיע איז די מענטשן־לערע איבער געטלעכע ענינים. ד"ה, מענטשלעכע בא־האנדלונג פון געטלעכע באגריפן. תורה איז אָבער פונקט דער היפוך — געטלעכע באהאנדלונג פונט מענטשן. און ווער עם פרואווט עס פארוועקסלען, דער פארשטייט ניט זייער באגריף, ניט הייליקייט פון דער תורה און ניט די וואכעדיקייט פון טעאָלאָגיע...

דער מענטש לערנט טעאָלאָגיע און די תורה לערנט דעם מענטשן. דער פשוטער טייטש פונם וואָרט תורה איז ניט אנדערש ווי — זי לערנט...

א יונגערמאן, א למדן, איז אמאָל אריינגעקומען צום אלטן קאָצקער רבין זצ"ל. ער האָט געהאט בדעה זיך צו בארימען, אז ער האָט אויסגעלערנט גאנץ ש"ס. פרעגט אים דער רבי: — יונגערמאן, קאָנסט עפּעס לערנען? ענטפערט אים דער יונגערמאן: — רבי, איך האָב אויסגעלערנט גאנץ ש"ס! באמערקט אים דער רבי: — דו האָסט טאקע אויסגעלערנט גאנץ ש"ס, אָבער וואָס האָט ש"ס דיך אויסגעלערנט?

דער יום־טוב שבועות דאַרף ניט קיין באזונדערע מצוה צו באצייכענען זיין וויכטיקייט. שבועות איז "זמן מתן תורתנו", דער טאָג, וועלכער מאָנט ביים אידן זיך אונטערצוגעבן די געבאָטן פון דער תורה און לעבן לויט אירע פארשריפטן. די מצוה וואָס שבועות דאַרף באצייכענען איז ניט קיין באגרעניצטע דוקא אויף דעם טאָג; די מצוה מאָנט ביים אידן יעדער טאָג און יעדע נאכט "והגית בו יומם ולילה, סיי אין פריוואטן לעבן און סיי אין געזעלשאפטלעכן לעבן, סיי אין שול און סיי אין פעלד, סיי זיין ווארשטאט און סיי זיין סטאָר — אלץ דאַרף רעגולירט ווערן לויט די געזעצן פון דער תורה, ווייל די תורה רופט זיך "תורת חיים" און זי איז ניט קיין רעליגיע, זי נעמט ארום דאָס גאנצע לעבן פונם אידן. נאָך איידער דאָס אידישע קינד ווערט געבוירן, פארפליכטעט שוין די תורה, מיט ספּעציעלע געזעצן פאר טאטע־מאמע, ווי אזוי דאָס קינד זאָל געבוירן ווערן, עס זאָל ראוי זיין צו זיין א גוטער בירגער אין דער ממלכת כהנים וגוי קדוש!..

אלע צווייגן פונם מענטשלעכן לעבן, סיי די סאָציאלע און סיי די ווירטשאפטלעכע, סיי די פינאנציעלע און סיי די קאָמערציעלע אונטערנעמונ־גען — פאר אלע האָט די תורה באשטימט גוט־צוגעפּאסטע געזעצן וועלכע דאַרפן זיך ניט שעמען אפילו פאר דער געזעצגעבונג פונם צוואנציקסטן יאָר־הונדערט...

ג

פיל מער ווי די אידן האָבן געהיט די תורה, האָט די תורה געהיט די אידן. זי האָט זיי צעמענטירט, פאראייניקט אין אלע נויטן און זיי פארוואנדלט אין אן אייגנארטיקער אומה, אין אן עם־הספר. ווען אלע אומות העולם האָבן נאָך געלעבט אין פינצטערניש, האָט שוין ביי אונדז עקזיסטירט דער הייל־קער דעוויז פון וכל בניך למודי ה׳...

די מצוה פון ושננתם לבניך, איז שוין אזוי אלט, ווי די תורה אליין. פיל מער ווי אידן האָבן געלערנט די תורה, האָט די תורה געלערנט די אידן. וואו אידן זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן איז די תורה מיט זיי. אויף אַלע קאָנטי־נענטן, אין אַלע לענדער, צווישן הונדערטער אומות, וועלכע האָבן דעם אידן געברענט און געבראָטן, זיינען אידן תמיד מיט דער גרעסטער מסירת־נפש געשפּרונגען אין פייער און אין וואסער ניט ווילנדיק מוותר זיין אויף די מצוות פון דער תורה.

די תורה איז אָבער ניט געגעבן געוואָרן זי זאָל בלייבן פאַרשלאָסן אין ארון־קודש, אין די שולן און בתי־מדרשים. די תורה איז געגעבן געוואָרן מען זאָל זי לערנען און אָנווייזן דעם דרך החיים.

יעדער אָפּנויג פון דער תורה הייסט עבודה־זרה. אזוי האָט געטייטשט דער הייליקער בעל שם טוב זצ״ל: וסרתם — מיטן בלויזן אָפּקער פון דער תורה איז שוין ועבדתם אלהים אחרים.

אידן האָבן באקומען די תורה זיי זאָלן גיין מיט איר איבער ימים און מדבריות, איבער לענדער און פעלקער; זיי זאָלן אָנצינדן דאָס גרויסע, געט־לעכע ליכט פון צדק און יושר, פון חסד און רחמים, כדי אַלע פעלקער זאָלן אנערקענען — כי לך ה׳ המלוכה . . .

אַלע גרעסטע וועלט־רעליגיעס זיינען גענומען פון דער תורה און פון אידנטום. אַלע הייליקסטע פּרינציפּן און יושרדיקע געזעצן האָבן זייער וואָרצל אין תורת משה. אידן האָבן דער וועלט דאָס גרויסע ליכט פון מאָנאָ־טעאיזם געגעבן. וויפל הונדערטער מיליאָנען ניט־אידן זיינען באַגייסטערט פון אונדזער תנ״ך?

די פינצטערע מאסן פון אַלע פעלקער האָבן דאַך דעם אלף־בית פון געטלעכקייט געלערנט ביי אידן. און ווען זיי האָבן א מענטשן פאַר גאָטס זון דערקלערט, האָבן זיי דעם יעניקן מענטשן דוקא גענומען ביי אידן.

האָבן זיי אונדז דערפאַר מיט עפּעס באַלוינט? יאָ, זיי האָבן אונדז באַלוינט. ווייסט איר מיט וואָס? מיט שטיינער און מיט שווערדן, מיט פּאָג־ראָמען און מיט תליות, מיט אַלע מיני צרות און ליידן, מיט פּיין און מיט שרעק, מיט טויט און מיט פאַרניכטונג, מיט ספּעציעלע אידישע געטאָס און מיט ספּעציעלע אידישע געזעצן.

די תורה איז דער פונדאַמענט פון דער וועלט־קולטור און דאָס וויגעלע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.

ביי וועמען זאָלן מיר אייגנטלעך מאָנען צו רעספּעקטירן דעם דאָזיקן ווינקלשטיין פון דער וועלט, ביי די אומות העולם צי ביי אונדז אידן אליין?

שבועות איז דער טאָג פון מתן־תורה. נו, דאַרף זיך יעדער איד אָפּ־געבן דין וחשבון, ער דאַרף זיך דערמאָנען אז ער איז א קינד פון יענע עלטערן, וועלכע זיינען געשטאַנען צופוסנס פונם באַרג סיני און געהערט דעם —

אָנכי ה׳ אלקיך . . .

אין יעדן אידנס הארץ דארף זיך דערהערן יענער עכא און אפקלאנג פון יענער געטלעכער שטימע.

און דערמאנען דארפן זיך ניט בלויז יחידים, נאר אויך די גרופן און ריכטונגען אין אידנטום, וועלכע האבן געפרואווט צענדליקער יארן צו פירן א קאמף מיט דער תורה און אפציען פון איר די יוגנט. זיי האבן זי אריבער־געפירט אויף יענער זייט פונם דניעפר און באפוילן זיי זיך צו בוקן אנשטאט צום באשאפער פון דער וועלט — צום רוסישן מושל, און אנשטאט צו קושן די תורה האט מען זיי באפוילן צו קושן די ווערק פון מארקס, לענין און סטאלין.

די אידישע תורה און דער אידישער קלער פארשקלאפט די מאסן, דער אידישער גאט פארקנעכט די מענטשהייט — אזוי האבן די רויטע אידעלעך, די "סטאלינער" חסידים, געטענהט. נו, האבן זיי איצטער טאקע א גן־עדן" התחתון אין סאוועטן־לאנד . . . וואו קנאפע צוויי הונדערט מיליאן מענטשן בוקן זיך ניט צו גאט — נאר צו א שטערבלעכן מענטשן . . .

ווי אזוי קאנען מיר פאדערן ביי פרעמדע, ווען מיר אליין שטייען נאך היינט הינטערשטעליק.

דער אידישער גאט, אין טאג פון זיין קאראנאציע, האט זיך טאקע פראקלאמירט אלס מלך, אבער —

אנכי ה׳ אלקיך אשר הוציאך מארץ מצרים . . .

"איך בין דער גאט, וואס האט דיך באפרייט פון לאנד מצרים".

דא וואו גאט איז פאראנען, דא איז פרייהייט, און וואו עס הערשט גאטלאזיקייט, דארט איז פארקנעכטשאפט און אונטערדריקונג, אפנארעריי און באטרוג, רציחה און גזלה.

נפש כי תחטא, ומעלה מעל בה׳ וכחש בעמיתו . . .

"אויב א פערזאן פארזינדיקט זיך און פעלשט זיין באציאונג צו גאט — דאן איז זיכער אז וכחש בעמיתו — וועט ער אפנארן און באשווינדלען זיין פריינד".

אפילו די מצוות שבין אדם לחברו, אויב זיי זיינען באזירט און דיקטירט פון דער געטלעכער תורה, האבן זיי חן און זיי זיינען ווירקזאם; קומען זיי אבער פונם מענטשלעכן שכל אליין, זיינען זיי וואכעדיק און זיינען ניט ווירקזאם גענוג.

היום הזה נהית לעם . . .

דעם טאג שבועות, ווען אידן האבן באקומען די תורה, זיינען זיי גע־ווארן א פאלק. יעדער אפנויג פון דער תורה, הייסט גלייכצייטיק אן אפנויג און אפקער פון דער פאלקסטימלעכקייט, פון דער אידישער נאציע.

פארשידענע ריכטונגען אין אידנטום האבן געפרואווט, אין פארשי־דענע תקופות, אוועקשטעלן נייע פונדאמענטן פאר דער כנסת ישראל. קיינעם איז עס אבער נאך עד היום ניט געלונגען.

דאָס אידישע פאָלק איז אן עם הספר, א תורה פאָלק — א ממלכת כהנים וגוי קדוש.

(סיון, תש״א).

ד

וקדשתם היום ומחר

ביים פייערלעכן אקט פון מתן־תורה, ווען השם יתברך האָט אראָפּגע־נידערט אויפן בארג סיני צו געבן די הייליקע געזעצן צום ממלכת כהנים וגוי קדוש, בשעת משה האָט צוגעגרייט דאָס פאָלק עס זאָל ראוי זיין מקבל צו זיין די תורה מן השמים, האָט הקדוש ברוך הוא אים באַפוילן:

לך אל העם, וקדשתם היום ומחר, וכבסו שמלותם . . .

״גיי צום פאָלק, ברייט זיי פאָר, פאַר היינט און פאַר מאָרגן. זאָלן זיי אויך זייערע קליידער וואשן״.

אָט אזוי איז מעגלעך געווען א פאָלק, וואָס האָט ארויפגעצויגן אויף זיך א שפּאָר ביסל עגיפּטישע קולטור אין משך פון זיין גלות תקופה, אָפּצור־ריינִיקן און עס ראוי צו מאכן צו קבלת־התורה; אָט־אזוי און מיט אזעלכע מעטאָדן . . . ברייט פאַר די קינדער פון ישראל, אָבער ניט בלויז פאַר דעם היינט! ניט בלויז דאָן, ווען איר שטייט צופוסנס פונם בארג סיני; ניט בלויז היינט, ווען איר זעט התגלות אלקות; ניט בלויז דאָן, ווען איר זייט פאַר־זאמלט אין שול זאָלט איר זיין פאַרגעברייט און צוגעגרייט צו קבלת־התורה — נאָר היום ומחר, פאַרן היינט און פאַר מאָרגן . . . די קדושה זאָל בלייבן אויך אויף מאָרגן (יש מחר לאחר זמן), אויף שפּעטערע יאָרן, פאַר די ווייטע מאָרגנס . . .

גם כי יזקין לא יסור ממנה . . . (משלי, כ״ב, ו׳).

״אפילו ווען ער וועט אלט ווערן, זאָל ער ניט אָפּקערן פון אָט יענער קדושה״ . . .

אָט דאָס איז דער חינוך פּראָגראַם, דאָס איז די דערציאונג מעטאָדע וועלכע האָט איר יניקה און איז פאַרוואָרצלט אזש ביז צום בארג סיני.

וקדשתם היום . . .

איר זאָלט היינט פאַרברייטן, היינט צוגרייטן, היינט הייליקן, היינט איינוואָרצלען, היינט לערנען, היינט דערציען, אז עס זאָל בלייבן אויך פאַרן מחר . . . און יעדער דערציאונג מעטאָד, וועלכער גיט נאָר אויפן שפּיץ־לעפל, קוים־קוים, פאַר היינט; וועלכער פאַרבלייבט ממילא ניט, און לאָזט גאָרניט איבער קיין שפּור פאַרן מאָרגן. ס׳איז בלויז (אין בעסטן פאַל) ״וקדשתם היום״, אָבער קיין זכר ניט פאַרן ״מחר״, דאָס פּראָגראַם, דער מעטאָד, שטאַמט פון דער סטרא אחרא, וועלכע מאכט נאָר א טומל, פאַרנעפּלט די מחות, סיי פון די עלטערן און סיי פון די קינדער, סיי פון די דערציער און סיי פון די עסקנים. דער וקדשתם היום סיסטעם, האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט און ער

וועט אויך ווייטער ניט מצליח זיין, ווייל איטלעכע אידישע דערציאונג סיסטעם, וואָס שטאמט ניט פון סיני — איז ניט תורהדיק, און במילא ניט אידישלעך. די שפּראַך שפּילט דאָ א צווייטע ראָל, עס העלפט דאָ ניט דאָס פאַרדעקן דעם ניט־אידישלעכן סיסטעם מיט העברייאיש, אָדער פאָלקסטימלעכן אידישן לשון . . . וועלכער חנוך־מעטאָד עס קאָן באַווייזן דעם "וקדשתם היום ומחר" — עס זאָל פאַרבלייבן פאַרן קינד אויך עפּעס פאַרן מחר, דער איז דער אמתער אידיש־סינידיקער מעטאָד, דער וועט מצליח זיין, ווייל דער איז דער עכטער.

די פּלפּולים ארום דער ברענענדיקער פראגע, וועלכע האָבן אגב איין ציל — אָפּצומעקן די גרעניץ בין קודש לחול, ובין אור לחושך און במילא אויך בין ישראל לעמים . . . די אלע שטרייטן און פּלוגתות (איך באַנוץ בכונה צוויי־שפּראַכיקע טערמינען), וועלן די פראגע ניט לייזן.

וקדשתם היום ומחר . . .

לערנט, דערציט, זייט מחנך, ניט בלויז פאַרן היינט. האָט אינזינען אויך דעם "מחר". . . כל־זמן דאָס קינד איז אין שול איז עס גוט און וואויל, א ברכה אויף זיין קעפּעלע. דער עיקר איז:

לכו בנים, שמעו לי . . . (תהלים, ל"ד, י"ב).

ווען איר וועט ארוים פון דערציאונג און לערן־אנשטאַלט, אויך דאַן: שמעו לי . . .

אזוי האָט געטייטשט דער הייליקער קאָצקער, זכרונו לברכה:

לך, אמר להם: שובו לכם לאהליכם . . . (דברים, ה', כ"ז).

השם יתברך האָט געזאָגט צו משהן: דאָ, ביים בארג סיני זיינען זיי אלע קדושים, בעלי־מדרגה. זאָג זיי, זאָלן זיי זיך אומקערן אין זייערע היימען, לאָמיר זען ווי זיי וועלן דאָרטן אויסזען . . . לאָמיר זען וואָס פאַר א פּנים זיי וועלן האָבן אין דער היים . . .

יאָ, ס'איז גאָר ניט קיין ספק, אז "וקדשתם היום ומחר" איז א הייליקער סיסטעם, וועלכן אונדזערע אָבות אבותינו האָבן באַנוצט אין אלע דורות און אין איטלעכער תקופה. זיי האָבן געשאַפן אידיש לעבן, אידישע טראַדיציעס, אידישע גבורה, אידישע מסירת־נפש; זיי האָבן מיטן שווייס און מיט בלוט, מיט הארץ און מיט נשמה, ריזיקע דאַמבעס אויפגעבויט די שטורמישע צייט־כוואַליעס זאָלן ניט פאַרפלייצן און אָפּשווענקען די אידישע צורה; זיי האָבן אויפגעהאַלטן דעם עכטן, אידישן, פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, ניט צוגעלאָזן קיין אויסערלעכע השפּעה, קיין צומיש פון פרעמדע עלעמענטן, — אפילו די אויסערלעכע פאָרמען האָבן געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָל . . .

וכבסו שמלותם . . .

וואַשט אייערע קליידער, וועלכע דערמאָנען נאָך א רושם פון מצרי־שער קולטור. סיי דער אינהאַלט, דער אידישלעכער תוכן, און סיי דער אויסערלעכער צוגאַנג — אלץ דאַרף זיין לויטן סיני־פּראָגראַם — אידישלעך. יעדער צומיש איז עבודה זרה.

לא תעשון אתי אלהי כסף ואלהי זהב . . . (שמות, כ׳, כ׳).

השי״ת בעט זיך ביי אידן, מאכט ניט קיין צוזאמענמיש פון מיר מיט עבודה־זרה . . . עבודה־זרה אליין איז מיאוס און עקלהאפט. ס׳איז אָבער נאָך מיאוסער, נאָך עקלהאפטער, ווען מען מישט צוזאמען געטלעכקייט, קדושה, יהדות, מיט להבדיל עבודה־זרה, טומאה און גויישקייט, און מען פרואווט אויסקאָמבינירן אזא געמיש פון קודש און חול, פון טומאה און טהרה, פון ישראל און עמים . . .

* * * * *

ה

בשלשה דברים נתנה תורה: באש, במים ובמדבר . . .

(מדרש רבה).

א גאנץ באזונדערע סגולה און אויסערגעוויינלעכע אייגנשאפט באזיצט אָט יענע תורה מן השמים. די חז״ל האָבן אָט די סגולה אין קורצע ווערטער קלאָר אָנגעדייט. די תורה איז געגעבן געוואָרן אין אזא פאָרם, מיט אזא כח און פארנעם, אז זי זאָל קאָנען דעם אידן (דער שומר תורה), פירן דורך פייער, דורך וואסער און אפילו דורך דער מדבר . . . און דאָך זאָל דאָס פייער ניט פארצערן און דאָס וואסער ניט אָפּשווענקען, און די מדבר זאָל ניט, מיט אירע זאמד־כוואליעס, פארניכטן דעם תורה רושם פונם אידן . . .

בהתהלכך תנחה אותך, בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך . . . (משלי, ו׳, כ״ב).

וואו דו וועסט נאָר שטעלן דיין פוס־טריט וועט זי דיך פירן, בשכבך — ווען דו וועסט זיין צוגעלייגט, געפאלן אָן מוט און אָן כח, דערדריקט, דערנידעריקט און איינגעלייגט — תשמור עליך, וועט זי וואכן איבער דיר. זי וועט דיך מונטערן, קרעפטיקן, שטארקן, דערהויבן און דערפרישן. והקיצות — און ווען דו וועסט דערגרייכן דיין באלוינונג־פעריאָד, דיין אויפוואכונג־תקופה, דיין אויפשטייג אין לעבן, סיי אלס יחיד און סיי אלס פאָלק — היא תשיחך, וועט אלץ די תורה זיין דיין דערמוטיקונג־געשפרעך . . . זיי, און נאָר זי, וועט זיין די סיבה פון דיין אויפוואכונג און ווידעראויפלעב, ווייל זי האָט אין זיך אזא סגולה, אזא אייגנשאפט, אזא געהיימע קראפט צו באלעבן, צו קרעפטיקן דעם אידן אין אלע זיינע גלות־עטאפּן, סיי אין די פעריאָדן פון אש, ווען מען האָט דעם אידן געברענט און געבראָטן אויף אויטאָ־דא־פעס און שייטער־הויפנס, און סיי במים, ווען מען האָט דעם אידן געוואָלט מיט ״הייליקער״ וואסער באשפריצן און אזוי אים ״גליקלעך״ מאכן . . . און סיי במדבר — ווען אידן באזעצן זיך אין לענדער, וואו עס וואקסט גאָרניט — אָדער זייער זעלטן — אמת־אידישעשפראָצונגען; סיי אידן וואוינען אין געגנטן וואו עס בלאָזט א וויסטקייט, אן עם הארצות, ממש מדבר, אויך דאָרט קאָן די תורה פארלייכטערן, ווען מען באנוצט זיך נאָר מיט איר . . .

בשלשה דברים נתנה תורה: באש, במים ובמדבר . . .

דער חפץ־חיים זצ״ל, פלעגט זאָגן: פינצטערקייט קאָן מען מיט די גרעסטע שטעקנס ניט פאַרטרייבן. וואָס מען דאַרף טאָן איז — אָנצינדן א ליכטל, א נר מצוה ותורה אור. דאָס קלענסטע ליכטל קאָן די גרעסטע פינצ־טערניש פאַרטרייבן . . .

דער יום־טוב שבועות, דער זמן־תורתנו, דאַרף באַוועגן איטלעכן אידן צו תורה, ממש לערנען אליין אָדער ביי א רבין. פאַראַנען גענוג שולן, וואו מען לערנט שבת, זונטיק און בין מנחה למעריב; איטלעכער לויט זיין מדרגה: מקרא, משנה, גמרא, שולחן ערוך, אגדה — איטלעכער איד האָט זיין חלק אין דער תורה און איטלעכער איד האָט זיין אָרט אין דער תורה. קיינער איז ניט באַפרייט, קיינער האָט קיין תירוץ ניט. עס פעלט ניט קיין צייט אפילו אין מלחמה־צייט. מען דאַרף נאָר אָנצינדן א קליינינקע ליכטעלע, און אָט דער באַשיידענער פלאַם וועט אויפטאָן איבערראַשנדיקע מעשים. ער וועט קודם־כל פאַרטרייבן פינצטערניש, אוועקיאָגן עם־הארצות און אָפּטויטן די אסימילאַ־ציע־באַצילן, וועלכע מאַכן אָן א חורבן אין די אידישע רייען. ניטאָ אזא אויפגעפּרואווט מיטל, צו יענע גיפטיקע מיקראָבן, ווי אידיש־ליכט, אידישע־מצוות און אידישע תורה . . .

תורה איז ניט קיין ענין בלויז פאַר קינדער אין שול־עלטער. תורה איז אויך ניט קיין ענין בלויז פאַר בטלנים און ליידיק־גייער — איטלעכער איד דאַרף האָבן זיין פעסט באַשטימטע צייט אפילו פאַר א מינימום תורה־למוד. סיי אָרעם און סיי רייך, סיי אַלט און סיי יונג. אזוי פּסקנט אויך דער רמב״ם:

כל איש מישראל חייב בתלמוד תורה, בין עני, בין עשיר; בין שלום בגופו, בין בעל יסורין; בין בחור, בין שהי׳ זקן גדול שתשש כחו; אפילו עני המתפרנס מן הצדקה ומחזיר על הפתחים, ואפילו בעל אשה ובנים, חייב לקבוע לו זמן לתלמוד תורה ביום ובלילה שנאמר: והגית בו יומם ולילה . . . (הלכות תלמוד תורה, פרק אי, הלכה חי).

״איטלעכער איד איז פאַרפליכטעט צו לערנען תורה, סיי ער איז אָרים און סיי ער איז רייך, סיי ער איז פולקאָם געזונט און סיי ער איז א בעל־יסורים, סיי ער איז יונג און סיי ער האָט שוין דערגרייכט א טיפע עלטער און איז זייער שוואַך, אפילו אן אָרימען, וועלכער דערנערט זיך פון צדקה און ער גייט פון טיר צו טיר, אפילו א פאַמיליע מאַן איז מחוייב צו באַשטימען פאַר זיך א זמן צו לערנען תורה, סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט, ווייל עס שטייט אין פסוק: זאָלסט ריידן און טראַכטן אין דעם דאָזיקן ספר טאָג און נאַכט (יהושע, יי, חי).

לאָמיר פאַרזעצן אונדזער יחוס־קייט, לאָמיר זי חלילה ניט איבעררייסן. מיר זיינען טיטולירט געוואָרן שוין פון דור־דורות, אלס ״עם הספר״, לאָמיר ווירדיק טראָגן דעם דאָזיקן נאָבעלן נאָמען! לאָמיר זיך פאַראינטערעסירן מיט תורה, מיט לעבעדיקער, שפּרודלדיקער, אָריגינעלער תורה . . .

שבועות איז דער זמן וועלכער דאַרף מעורר זיין צו חשבון־הנפש. איך מיין עס גאַנץ פּשוט — מען דאַרף זיך חשבונען און קאָנטראָלירן דאָס נפש, און זען ווי עס האַלט אין דער וועלט, צי עס האָט נאָך א אידישלעכן אויסזען, פאַרריכטן די פּגימות, אָפּרייניקן דעם זשאַוור, אויספּוצן, אויסוואַשן און צוריקשטעלן עס אויף א אידישלעכן באַזיס.

טרעט מען צו ערנסט צו דער דאָזיקער זאַך, דאַן איז מען מצליח, מען הויבט אָן ממש ביים אלף (אלף איז דער טייטש אין לשון־קודש — לערנען). ווער עס לערנט דער האָט אָן אָנריר און א שייכות צום תורה־פאָלק, צום "עם־הספר", דער איז פאַרבונדן און פאַרקנופּט מיט טויזנטער פעדים צו דער ריי־נער און איידעלער פאָלקס־נשמה, וועלכע האָט תמיד, אין אַלע תקופות, זיך דערנערט, זיך געשפּייזט און געזויגן פון יענע צינורות (פּייפּס), וועלכע דער־גרייכן און שעפּן פון אורשפּרונג — פון באַרג סיני . . .

(סיון, תש"ב).

ו

ויראו העם וינועו ויעמדו מרחוק

אם יאמר לך אָדם, יש תורה בגוים — אל תאמין. (מדרש איכה).

"ווען אימעצער וועט דיר זאָגן: פאַראַן תורה ביי גויים — גלויב ניט".

גויים האָבן חכמה, רעליגיע, טעאָלאָגיע, אויך פאַרשיידענע וויסנ־שאַפטן — אָבער קיין תורה האָבן זיי ניט; גויים האָבן די ביבל, זיי האָבן אויך הייליקע און הייליקטימער — אָבער ניט קיין תורה . . .

"גאָט איז פון סיני געקומען, פון שעיר האָט ער אויפגעשיינט, פון דעם באַרג פּאַרן האָט ער אויפגעשטראַלט" (וזאת הברכה).

"דאָס לערנט אונדז, אז הקדוש ברוך הוא האָט ארומגעפירט די תורה צו אַלע אומות העולם און נאַציעס, און קיינער האָט זי ניט געוואָלט מקבל זיין". . . (מדרש תנחומא).

קיין אומה ולשון האָט זיך ניט געוואָלט מכניע זיין פאַר די געט־לעכע געזעצן . . . פאַר זיי איז די תורה געווען צו האַרב, צו שטרענג. האָבן זיי ניט געוואָלט גיין אין געשפּאַן . . .

רעליגיעזע צערעמאָניעס, טעאָלאָגישע לעקציעס — דאָס יאָ, ווייל זיי זיינען צו גאָרנישט ניט מחייב, זיי פאַרפליכטן ניט, זיי רעגולירן ניט דאָס לעבן. דער מענטש איז זיך פריי, ער טוט וואָס ער וויל, ער ווערט פון קיינעם ניט געשטערט. פון צייט צו צייט א קאַפּיטל פון דער ביבל דאָס איז זייער אנגענעם; א רעליגיעזע צערעמאָניע, א רעוורענד איז זייער פיין . . . פון יוצא וועגן, צו וואָס זיך איינרייסן מיטן קלער? מאַכט מען מיט, פון צייט צו צייט, רעליגיע־זע פּאַראַדן, צערעמאָניעס, גאָטעס־דינסטן . . . און מען באַלאַנגט טאָקע צו דער אָדער יענער קאָנגרעגיישאָן אויך.

רעליגיע ביי די אומות העולם ווייסט ניט פון קיין גדרים און סייגים, ניטאָ דאָרטן קיין צוים און קיין גרעניץ. מען קאָן זיך ליב האָבן די בייבל מיטן גאַנצן הארצן און אפילו פארן שלאָפן גיין לייענען צו עטלעכע קאפיטלען, און דאָך ניט דערפילן קיין איין געבאָט פון יענע געזעצן . . . ווייל בייבל מיינט נאָך ניט תורה.

* * * * *

ז

עס ווערן שוין געפּראוועט פסחדיקע סדרים אין טשווירטשעס, און רע־בנים זיינען דאָרטן גאַנצע מחותנים . . . ניט בלויז אין מאָדערנע אידישע טעמפּלען — וועלכע זיינען לכתחילה מיט דער דאָזיקער "קדושה" געבויט געוואָרן, — נאָר אפילו הייליקע שולן, בתי־כנסיות, וואו אידן פלעגן אין פארגאנגענעם דור אויסגיסן זייערע הערצער צום אָב־הרחמים, זיינען אויך שוין אויף דעם אמעריקאנער קאָנטינענט געעפנט געוואָרן פאר גלחים און פריסטער . . .

פון צייט צו צייט הערן מיר און לייענען אין דער אידישער פּרעסע וועגן דעם ווי אייניקע אזעלכע מקדשי מעט זיינען דורך די אייניקלעך פון אָרטאָדאָקסישע אידן פארוואנדלט געוואָרן אין אזא "גייסטיקער בערזע און וועקסל קאנטאָר", וואו מען וועקסלט אָנשטאָט מטבעות און געלט־באַנקנאָטן — תפלות און דרשות. דער גלח רעדט וועגן נוצרי און דער ראביי — וועגן גאָט פון ישראל.

דער רעזולטאט איז א זיכערער: דעם גלח געלינגט תמיד צו באַ־גייסטערן יאהודימלעך. דאקעגן האָט דער ראביי, נעבעך, א שווער שטיקל ארבעט . . . ווייל ס'איז שווער א גוי זאָל ווערן א איד, אפילו א יהודי פון רעפאָרמירטן חדר . . .

אזא הפקרות קאָן געמאָלט זיין נאָר דאָרטן, וואו אָנשטאָט תורה לערנט מען די בייבל; אָנשטאָט אידישקייט — רעליגיע, און אָנשטאָט תפלה בצבור — גויישעוואטע צערעמאָניעס . . .

דאָרט וואו תורה איז אן אבסאָלוט דאָמינירנדיקע וועג־ווייזערן, דאָרט האָט אסימילאַציע קיין דריסת הרגל ניט . . . און דאָרטן וואו עס לעבט אידיש־קייט אויף א נאטירלעכן אופן—דאָרט לערנט מען ניט די בייבל. דאָרט לערנט מען חומש מיט רש"י, נביאים און כתובים, משנה און גמרא, דינים און מוסר.

אויב דער למוד פון דער בייבל איז צו גאָרניט מחייב, איז אָבער דער למוד התורה מחייב צו לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי התורה באהבה; תורה וואָס פירט ניט צו מעשים איז קיין תורה ניט . . . און אידישקייט וואָס פורעמט ניט אויס דעם אידישן מענטשן און גיט אים ניט א ספּעציעלן אידישן לעבנס־אנשויאונג — איז קיין אידישקייט ניט . . .

תורה איז א ספּעציפישער אידישער לעבנס־שטייגער, תורה פאָרפּליכ־טעט, תורה מאָנט און רופט צו טאָג־טעגלעכע מצוות און מעשים; זי רופט דעם

אידן פון זיין פריסטער לעבנס־צייט, ביז זיין לעצטן אטעם־צוג; זי באפרייט אים ניט אפילו אויף קיין איין איינציקן טאג. די תורה פאדערט פונם אידן צו לערנען אויך מיט זיינע קינדער. דער זיידע און דער אייניקעל — אלע דארפן לערנען תורה.

ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך, ובשכבך, ובקומך . . .

דער איד טאר אפילו קיין שפאן ניט מאכן אן תורה — ובלכתך בדרך — אט אזא מין תורה האבן ניט די גויים.

"ווען עמיצער וועט דיר זאגן: פאראן ביי גויים תורה — גלויב ניט".

(מדרש תנחומא).

ניט בלויז גויים האבן ניט אזא שטייגער תורה, נאר אפילו אידן וועלכע מאלפעווען נאך די גויים, ניט אליין אין זייער פריוואטן לעבן, נאר זיי ארבעטן מעשים (ניט קיין מעשים טובים), אפילו דאס רעליגיעזע אידישע לעבן צו פארגוויישן. זיי האבן אויך שוין לאנג פארגעסן וואס עס באדייט — תורה . . .

ס'טוט דעריבער וויי דאס הארץ צוזעענדיק ווי פארשיידענע ריכטונגען אינם אידישן לעבן טומלען וועגן דערציאונגס־פראגראמען, וועגן פראגראמען און שיטות ווי אזוי צו דערציען דאס אידישע קינד, אפנים ווי די כנסת־ישראל וואלט ערשט היינט אנגעהויבן דעם אלף פון איר אנטשטייאונג; אפנים ווי דאס עם־הספר וואלט ערשט היינט אנגעהויבן צו טראכטן וואס פאר א שיטה מען דארף אנווענדן כדי צו דערציען א אידן . . .

און ווען קולטור עסקנים בארימען זיך מיט זייערע אותות ומופתים, וואסערע כחות זיי האבן אריינגעלייגט אין זייערע דערציאונג־מעטאדן, און דער עיקר זייערע רעזולטאטן, דערמאנט עס מיך אן א שארפזיניק ווארט פונם אלטן קאצקער רבין זצ"ל:

איינמאל — דערציילן חסידים — איז געקומען צום קאצקער רבין א איד פון א שטאט אין פוילן, וואו עס האט אויך געוואוינט א גוטער איד. פרעגט אים דער קאצקער: זאג נאר, וואס מאכט דער רבי פון דיין שטאט? ער באווייזט גרויסע מופתים, — ענטפערט דער איד תמימותדיק. פאר אהיים און פרעג דיין רבין, צי קאן ער אויך באווייזן א מופת צו מאכן א חסיד, — האט אים דער קאצקער סארקאסטיש געזאגט.

עס ווילט זיך טאקע פרעגן די אלע וועלכע פארען זיך ארום דער דער־ציונג־פראגע, מיט די נייע מעטאדן און פראגראמען, וואו אנשטאט חומש מיט רש"י לערנט מען דערציילונגען פון חומש (קיין חלוק ניט אין וועלכער שפראך), עס ווילט זיך פרעגן די מאדערנע בעלי־מופת: איר באווייזט מופתים, ממש וואונדער. אבער צי קאנט איר באווייזן אויך א מופת צו דערציען א אידן?

און א איד מיין איך גאנץ פשוט, א פשוטן אידן פון א גאנץ יאר; א איד וועלכער זאל זיין צוגעבונדן בלב ונפש צו זיין תורה, צו זיין פאלק, צו זיין שפראך, צו זייערע ליידן און פריידן, צו זייערע נצחונות און חלילה צו זייערע מפלות; א איד, א תמימותדיקן, אן קונצן און אן חכמות; א איד, אין

וועלכן עס זאָל ברענען דער נר תמיד פון זיין אומה, און וועלכער זאָל האָבן איין באַגער אין זיין לעבן, ניט בלויז צו שטאַרבן אַלס איד — נאָר אויך צו לעבן אַלס איד . . .

אָט אַזעלכע מופתים האָבן אידן באַוויזן בכל תפוצות ישראל, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען געווען תורה־אידן, און זייער לעבן איז געווען אַ תורהדיק לעבן, און די דערציאונג פון זייערע קינדער איז געווען אַ תורהדיקע, אַן עכט־אידישע . . .

* * * * *

ח

אַז אמת־תורהדיקע דערציאונג און לעבנס־שטייגער, איז אַבסאָלוט ניט אין סתירה מיט אַנדערע וויסנשאַפטן און אַ פּשיטא שוין איז אַן עכט־אידישע דערציאונג, מיט אַ פולער מאָס ריינע, אידישע ידיעות וועגן יהדות איז גאָר ניט אין קענגזאַץ מיט אַנדערע שפּראַכן . . .

מיר ווייסן אַז עס איז אַנדערש ניט מעגלעך, אַז אידישע קינדער מוזן באַקומען אַנדערע, וועלטלעכע למודים אין די רעגירונגס אָדער אין די טאָג־שולן, און יענע למודים שטויסן ממש אַרויס, אָדער רעדוצירן צו אַ מינימום די אידישע למודים. וואָלט דאָך דער שכל־הישר געדאַרפט מחייב זיין, אַז דאָס ביסעלע אידישע למודים וואָס מען גיט אונדזערע קינדער, זאָל כאָטש זיין ריין פון פסולת, עכט־אידישלעך, אָריגינעל פאָלקסטימלעך, תורהדיק און יהדותדיק . . .

קוקט מען זיך צו נעענטער צו די "דערציאונג־פאַקטאָרים", ווערט מען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. די פאַבריקאַטן ווייסן גענוי: די שטוב איז ניט אידיש, די גאַס איז ניט אידיש, די געזעלשאַפט איז מלא אַסימילאַציע און די אַלגעמיינע למודים רויבן צו דעם גרעסטן טייל פון'ם קינדס אַרבעט־צייט — וועגן דעם אַלאַרמירט מען אין אַלע שול־קרייזן פון רעכטס ביז לינקס, — און ואחרי ככלות הכל, גיט מען דעם קינד, אין דער מצומצמדיקער שעה, אַלץ — נאָר ניט עכט־אידישעס . . .

מען טומלט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, וועגן דעם חורבן פון אידישער דערציאונג און סוף־כל־סוף סערווירט מען פאַרן אידישן שול־קינד אין אונדזערע שולן, ניט קיין עכט־אידישע דערציאונג . . . און עס ווילט זיך, בדרך הלצה, טייטשן דעם מתן־תורה פסוק: וירא העם וינעו — דאָס פאָלק האָט געזען און זיך געשאָקלט, אָבער ויעמדו מרחוק — זיי זיינען פאָרט געשטאַנען פון דער ווייטנס . . .

דאָס זעלבע האָב איך געזען אויפן צוזאַמענפאָר פון'ם קאַנאַדער אידישן קאָנגרעס, דאַן ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דערציאונג־פראַגע, אַלע האָבן זיך געשאָקלט איבער דער פראַגע פון חנוך. אויסערלעך האָט עס געגעבן דעם איינדרוק ווי דאָס אייז רירט זיך. אָבער . . . ויעמדו מרחוק . . . ווייט־ווייט פון סיני, ווייט־ווייט פון יענעם באַרג סיני, וואָס גאָט האָט אויף

אים גערוט . . . ווייל, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, האט דער קאנגרעס, אלס אפיציעלער פארשטייער פון קאנאדער אידנטום, דאך געדארפט לאזן הערן זיין קול. ד"ה, דאס קול פון אידנטום, און רופן די אידישע מאסן צו אן עכט־אידישער רעליגיעזער דערציאונג . . .

מעג זיך איטלעכער יחיד האבן זיין פראגראם און זיין סימפאטיע צו וועלכן שול־סיסטעם זיין הארץ באגערט — די פאלקס־פארטרעטער דארפן אבער האבן א פאלקס־סיסטעם און א פאלקס־פראגראם, וואו דער פונדאמענט דארף זיין פאלקסטימלעכע אידישע דערציאונג, אלטער וויין אין מאדערנע כלים . . . איטלעכער פארבט זיינע כלים לויט זיין געשמאק, אבער דער וויין דארף זיין אריגינעל — פונם אידישן וויינגארטן . . . פונם וויינגארטן, וועל־כער ציט זיין יניקה פונם בארג סיני, אויב ניט, איז דער וויין נסך . . . א געמיש פון עבודה־זרה מיט אידישקייט.

ווען דער שרייבער פון די דאזיקע שורות האט פארגעשלאגן, אז דער קאנגרעס, אלס פארשטייער ניט פון קיין פארטיי אדער ריכטונג, נאר אלס שליח־צבור פונם גאנצן אידנטום, זאל רופן די אידישע מאסן אין קאנאדע צו א טראדיציאנעלער דערציאונג, כדי צו פארקניפן דאס אידישע קינד צו אונדזערע דריי־און־א־האלב טויזנט יאריקע קולטור אוצרות, האט מען בלויז למען הכבוד, פארגעלייענט די החלטה, אבער זי ניט געשטעלט צו קיין אפ־שטימונג.

פארוואס? גאנץ פשוט, ווייל מען קאן זיך דאך ניט איינרייסן מיט אנדערע שולן . . . מען דארף דאך האבן די אנערקענונג פון איטלעכן . . . מען דארף דאך האלטן די שיטה ווי ר' יוסף לאקש בשעת עס זיינען אריינגעקומען צוויי בעלי דינים ער זאל אויסגלייכן א סכסוך. דער בטלנישער רב, הערנדיק איין צד זאגט: איר זייט גערעכט, ר' קאפל־עקיבא. הערט ער דעם צווייטן צד, זאגט ער: איר זייט אויך גערעכט, ר' ראובן־בער. לויפט אריין די רביצין און שרייט: בטלנישער רב, מאכסט ביידע גערעכט, וועסטו דאך ניט באקומען קיין פסק־געלט! ענטפערט דער אומבאהאלפענער רבי, יוסף לאקש: רביצין, דו ביסט אויך גערעכט . . .

ווי עס זאל ניט זיין, זיינען שוין קענטיק די שפורן פון משיח, סמנים זיינען דא קלארע. די משנה, סוף סוטה, זאגט: "אין משיחס צייטן וועט זיין — ותהי האמת נעדרת (ישעי', נ"ט) "דער אמת וועט פעלן". דערקלערט עס די גמרא (סנהדרין, צ"ז): נעדרת, מיינט ניט פעלן (דאס וואלט נאך אזא צרה ניט געווען), נאר שנעשית עדרים, עדרים — גאנצע סטאדעס מיט אמתן . . . די צרה ווייזט אויס איז פיל מוראדיקער, ווען איטלעכער קומט מיט אן אנדער אמת אין זיין פאקעט . . . אלע ארבעטן פארן אמת, גאנצע מחנות מיטן אמתן . . . דאס זיינען סמנים פון חבלי משיח . . .

* * * * *

ט

שבועות איז א גרויסער יום־טוב — דער יאר־טאג ווען א פארשקלאפט פאלק איז געווארן פריי און האט באקומען די געטלעכע קאנסטיטוציע, די עלטסטע און דאך די מאדערנסטע און ליבעראלסטע פון אלע געזעצגעבונגען.

אירע סאָציאַלע געזעצן וואָלטן נאָך אפילו היינט געדאַרפט זיין א מוסטער פאַר די סאָציאַלע רעפּובליקן און דעמאָקראַטישע רעגירונג־סיסטעמען . . .

שבועות, דער יום־טוב פון אמתער תורה מן השמים, פון תורה וואָס רופט צו מעשים און מצוות, לאָמיר זיך קלאָמערן אַרום איר, לאָמיר ניט פאַר־פירט ווערן פון אַנדערע ערזאַצן, ווייל נאָר תורה האָט אונדז פאַר א פאָלק געמאַכט און נאָר תורה האָט אונדז געשטאַרקט און צעמענטירט אלס עם קשה עורף, אויסצוהאַלטן אַזעלכע ליידן, וועלכע קיין אומה ולשון האָט ניט דורכ־געלעבט.

כי הם חיינו ואורך ימינו . . .

לאָמיר דערציען יונג און אַלט מיט די אמתע אידעאַלן פון תורה . . .
לאָמיר אנהויבן לערנען מיט זיי —

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ און אָנכי ה׳ אלקיך אשר הוציאך מארץ מצרים לא יהיה לך אלהים אחרים על פני . . .

(סיון, תשי״ג).

ו

די צוויי צעבראָכענע לוחות

גאָט האָט זיך געווענדעט צו פעלקער און נאַציאָנען, זיי זאָלן מקבל זיין די תורה, האָבן זיי זי ניט געוואָלט אַננעמען . . .

מה כתיב בה ? . .

וואָס שטייט דאָרט געשריבן אין דער תורה?—האָבן זיי געוואָלט וויסן. לא תרצח! — איז געווען דער געטלעכער ענטפער.

ווי אַזוי קאָן מען לעבן אָן רציחה? ווי אַזוי דען קאָן דער שטאַרקער באַזיגן דעם שוואַכן? די שווערד איז דאָך געווען — און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג — דער איינציקער אויסגעפּרואוווטער מיטל צו קומען צו מאַכט ? . . — האָבן זיך די פעלקער געוואונדערט, — א תורה, וועלכע דערלויבט ניט קיין רציחה, — האָבן די פעלקער געזאָגט, — איז קיין תורה ניט . . .

די שווערד איז דער סימבאָל פון מאַכט און קאַמף, פון מלחמה און נצחון — די אייגנטלעכע אידעאַלסטע באַגריפן ביי די אומות העולם. לעבן אָן א שווערד, מיינט א לעבן אָן אינטערעס, אָן חשק, אָן ציל, אָן זיסקייט און אָן אַנגענעמע חלומות . . .

א לעבן אָן שווערד, איז א לעבן פון בטלנות, פון אַלטקייט און אָפּגע־שטאַנענקייט — עס איז בכלל קיין לעבן ניט . . . א תורה וואָס פאַרבאָט צו מאָרדן, א תורה וואָס שטאַלצירט מיט דעם לא תרצח — וואָס פאַר א תורה איז דאָס ? . .

אזוי אומגעפער האָבן געטענהט די אור־אַלטע פעלקער, וואָס האָבן געלעבט ביי די ברעגן פון די אזיאַטישע מדבריות . . .

זיי זיינען געווען פּרימיטיוו, ניט קולטורעל באוואוסטזיניק. זיי האָבן אָבער געזאָגט וואָס זיי דענקען און פילן . . . זיי זיינען געווען אין א געוויסן גראַד אויפריכטיק און ערלעך . . .

די שפּעטערדיקע פעלקער האָבן אויך איבערגענומען די עשרת הדברות אלס יסוד פון זייער ציוויליזאַציע און קולטור; די שפּעטערדיקע אומות העולם, באזונדערס די אייראָפּייאישע ציוויליזירטע פעלקער, האָבן זיך אָפּן דערקלערט אַז ליבע דעם תנ״ך. זיי האָבן נאָר צום אַלטן טעסטאַמענט צוגעגעבן דעם נייעם, אָבער די יסודות זיינען געבליבן די אַלטע פיר און צוואַנציק ספרים.

אין אַלע שולן ווערט דער תנ״ך געלערנט און די עשרת־הדברות זיי־נען דער אלף־בית פון איטלעכער רעליגיע, פון די מייסטע פעלקער, אויף אַלע קאָנטינענטן.

די קאַפּיטלעך תהלים פון דוד מלך ישראל, ווערן געזונגען מיט רעלי־גיעזן ציטער און הייליקער התלהבות פון הונדערטער מיליאָנען רעליגיעזע און רעליגיעז־געשטימטע מענטשן.

אויב אזוי, וואָלט דאָך די וועלט געדאַרפט האָבן אַן אַנדער פּנים. פון וואַנעט נעמט זיך עס וואָס די מערב אייראָפּייאישע קולטור, וועלכע איז אַגב היינט צו טאָג די קולטור פונם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט, זאָל אזוי שטאַרק זינקען און ליגן צען קלאַפטער אין דער ערד ? . .

עס זעט אויס, אַז די מערב אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע האָט בלויז די עשרת הדברות, די לוחות הברית, גענומען אלס פייגן־בלאַט, צו פאַרדעקן איר נאַקעטקייט . . . מען זאָל ניט ארויסזען דעם קרעציקן קערפּער פון דער פאַרפוילטער אייראָפּייאישער קולטור . . .

און אין נאָמען פון ״הייליקייט״ האָט מען דורות־לאַנג געברענט און געבראָטן אידן, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין־איינציקע זינד, ווייל זיי האָבן געזאָגט ״נעשה ונשמע״ און האָבן די עשרת הדברות אויף אַן אמת, ניט אויף קאַטאָוועס, אָנגענומען . . .

היטלער איז שוין א פאַרוואונדעטער, זיינע כחות האַלטן אים שוין ביים פאַרלאָזן, סמנים פון גסיסה באווייזן זיך שוין. נו, קאָן מען אים שוין פאַרגינען א קאָמפּלימענט אויך. און כאָטש ״אין טוענין למסית״ — אזא איינרעדער און באאיינפלוסער אויף שלעכטס, טאָר מען ניט מלמד זכות זיין, וויל איך זיך אָבער פאַרט דערלויבן צו זאָגן אויף דעם דאָזיקן רשע א ״גוט־וואָרט״, אַז איין זכות וועט ער יאָ האָבן.

דהיינו?

ער איז געווען דער דרייסטסטער און מוטיקסטער מאַן, וואָס האָט אראָפּגעצויגן דעם פּורפּור־מאַנטל פונם קרעציקן אייראָפּייאישן קערפּער . . . היטלער האָט באוויזן די אייראָפּייאישע ציוויליזאַציע אין איר נאַקעטקייט . . .

מיר זיינען געוואוינט געווען צו הערן וועגן מערדער, באנדיטן, קאני־באלן און פינצטערע סאדיסטן, וואס האבן געלעבט אין די מדבריות' אין די דזשאנגלס, אין די אור־אלטע וועלדער, פרימיטיוו, ניט געלערנט, ניט ציוויליזירט, צוריקגעשטאנען קולטורעל אויף טויזנטער יארן.

אבער קאניבאלן און מענטשן פרעסער, וואס זיינען געלערנטע, געביל־דעטע, אקאדעמיש־אויסגעשולטע פראפעסארן, דאקטוירים, אדוואקאטן, אינ־זשענערן, דיכטער, פאעטן, צייטונגסלייט, מוזיקער און מאלער, גענעראלן און אפיצערן, און סתם באוואוסטזיניקע ציוויליזירטע מענטשן — פון דעם האבן מיר ניט געהערט . . . דאס האבן מיר זיך ניט געקענט פארשטעלן ! . .

דאס איז דער רעזולטאט פון די אויבנאויף אנגענומענע עשרת הדברות און אנדערע אידעאלן פון דער הייליקער שריפט; דאס איז דער רעזולטאט פון געצנדינעריי און קללה, פארגיפטקייט און פארפוילטקייט פון דער אייראפיי־אישער ציוויליזאציע פון וועלכער עס האט ארויסגעשלאגן ווילדע רציחה און סאדיסטישע תאוה.

קרוב צו צוויי הונדערט יאר האט דאס גערמאנישע פאלק געטראגן א מאסקע פון ציוויליזאציע, איז געקומען אדאלף היטלער און האט די מאסקע ארונטערגעריסן. אצינד שטייט זי פאר דער וועלט אין איר נאקעטקייט; אצינד זעט די וועלט ווער עס האט געוואלט זיין די פירערין פון דער מענטשהייט . . .

פאר דינט ניט היטלער א קאמפלימענט ? . .

אין קיין דור זיינען די לוחות הברית ניט געווען אזוי געשענדעט און צעבראכן, ווי אין דעם פינצטערן דור אין וועלכן מיר לעבן; אין קיין דור איז גאטלאזיקייט ניט געווען אין אזא מאס פארשפרייט ווי היינט.

ציוויליזירטע פעלקער האבן מיט אייגענע אויגן צוגעזען ווי א שוצלאז פאלק — טאקע דאס פאלק, וואס איז געשטאנען צופוסנס פון בארג סיני און מקבל געווען די עשרת הדברות פון הקדוש ברוך הוא, דורך זיין קנעכט משה — ווערט אויסגעשאכטן ווי שאף, און זיי האבן געשוויגן; פעלקער האבן געזען און זען נאך איצט ווי די כנסת ישראל ווערט צום טויט פארפייניקט, און זיי האבן יוצא געווען מיט מיטגעפיל אויסדרוקן ! . .

עס שיינט, אז דער לא תרצח האט זיך טיף אין זייער הארצן אויך נאך ניט איינגעקריצט . . .

פארן משפט פון גאט און פאר דעם משפט פון דער געשיכטע וועלן ניט בלויז היטלער און זיינע מיטהעלפער געשטעלט ווערן, נאר אויך די יעניקע, וואס האבן געקאנט העלפן און העלפן ניט ! . .

צעבראכן זיינען די לוחות־הברית. די פעלקער וואס האבן יארהונדער־טער געפרעדיקט ליבע און רחמנות און אין די סאמע פריסטע יארן פון זייערע קינדער זיי געלערנט די הייליקע שריפטן און מיט גאנץ באזונדערן רייץ און כונה איינגעפלאנצט די עשרת הדברות — זיי אליין האבן אזוי בפרהסיה אפגעבראכן דעם לא תרצח פון די לוחות־הברית . . .

צי איז דען בלויז דער מערדער ברוטאל, וואס רוקט אריין א מעסער אין זיין קרבנס הארץ, און די וואס קאנען אים ראטעווען און טוען עס ניט זיינען אומשולדיק?

גאט און די געשיכטע — זיי וועלן דעם אורטייל ארויסגעבן ! . .

די אומות העולם האבן ניט ערנסט גענומען די עשרת הדברות. פאר זיי זיינען די הייליקע ווערטער געווען בלויז א דאקומענט צו פארדעקן זייער נאקעטקייט . . .

מיר, אידן, האבן אבער די לוחות הברית אויף אן אמת גענומען. פאר אונדז זיינען די לוחות הברית חלילה וחס ניט צעבראכן; פאר אונדז איז הייליק און טייער איטלעכער געבאט, און ניט בלויז די עשרת הדברות) — נאר אלע תרי״ג מצוות זיינען פון אידן אפגעהיט געווארן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אין אלע דורות, דורך מדבריות, דורך בלוט און פלאם פייערן זיינען אידן אין משך פון זייער געשיכטע מיט דער תורה אין הארצן געגאנגען.

אידן זיינען געווארן א תורה־פאלק, אן עם הספר. דער איד און דער תורה איז — ווי א גוף און א נשמה. די תורה איז אן עץ חיים היא למחזיקים בה — א בוים וואס שפראצט מיט לעבן. אן תורה איז דער איד אן עץ־יבש, א פארטריקנטער, אפגעדארטער צווייג, וואס האלט זיך נאך קוים־קוים, און ביים קלענסטן ווינט ווערט ער אינגאנצן אוועקגעשליידערט פונם שטאם . . .

פיל מער ווי אידן האבן געהאלטן די תורה — האט די תורה גע־האלטן די אידן . . . די תורה איז אבער ניט געגעבן געווארן זי זאל שטיין אין ארון־קודש, די תורה איז געגעבן געווארן מען זאל זי לערנען יומם ולילה, לערנען אליין און לערנען מיט די קינדער — ללמוד וללמד, לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תורתך . . .

די אידישע תורה איז אבער ניט בלויז א ספר צום לערנען, נאר א לעבנס־שיטה, א ספר המצוות, וואס ווייזט דעם אידן — דעם אידישן אידן —

את הדרך אשר ילכו בה . . .

פאר אונדז, אידן, זיינען די לוחות הברית ניט צעבראכן, ווייל מיר האבן זיי מקבל געווען אויף אן אמת . . .

אינם הייליקן יום־טוב, שבועות, איז דעם זמן מתן תורתנו — לאמיר זיך פארטיפן אינם תורה־קוואל; לאמיר שעפן פרישע קוואל־וואסער — געבן אונדזערע קינדער צו טרינקען פונם ריינעם, שפרודלדיקן, קיינמאל ניט אויס־געטריקנטן, הייליקן מים־חיים —

כי הם חיינו ואורך ימינו . . .

(סיון תשי״ד).

יא

וכל העם רואים את הקולות

און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געזען די קולות ביי מתן־תורה . . .

קאָן מען דען קולות זען? קולות הערט מען דאָך און ניט מען זעט זיי! — אַזוי פרעגן טאַקע כמעט אַלע מפרשים. איטלעכער אויסטייטשער פון דער הייליקער תורה, באַמערקט דעם חידוש אינם פּסוק: וכל העם רואים את הקולות ? . .

אין דער אמתן איז אָבער גאָר קיין קשיא ניט, ווייל יענע גענטלעכע קולות, וואָס זיינען געהערט געוואָרן ביים באַרג סיני בשעת מתן־תורה, האָבן אַזויפיל געווירקט אויף אידן, אַז זיי זיינען אַנדערש געוואָרן, סיי אין זייער חיצוניות און סיי אין זייער פּנימיות, סיי אין זייער אויסערלעכן אויסזען און סיי אין זייער כאַראַקטער און זייער באַנעמונג. אַלע זיינען זיי נשתנה געוואָרן דורך יענע געטלעכע קולות . . . דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געזען וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג יענע קולות האָבן געמאַכט.

פון עבדים — קנעכט, שקלאַפן און פאַרפאַלגטע איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ ממלכת כהכנים וגוי קדוש — אַ פֿאָלק מיט דערהויבענע געזעצן, אַ פֿאָלק מיט דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־הומאַניטאַרישע חוקים ומשפּטים, אַ פֿאָלק וואָס האָט ערשט מיט אַ יאָר צוריק שווער געאַרבעט אין מצרים עבודת־פּרך, איז מיטאַמאָל געוואָרן דער טרעגער פון די געטלעכע אידעאַלן, דער ליכט־פאַרשפּרייטער אין דער גרויסער מדבר־וועלט.

יענע קולות וואָס זיינען פון סיני געהערט געוואָרן, האָבן געהאַט יענעם כח, אַז מען זאָל זיי זען, ממש זען, און באַלד דערקענען די ווירקונג זייערע.

דאָס איז דער אייביקער סוד פון אמתדיקער אידישער דערציאונג. אויב אַ איד פאַרטראַכט זיך איבער דער טרויעריקער פראַגע פון אידישער דערציאונג פאַר זיינע קינדער, און ער פרעגט זיך אַליין די האַרבע פראַגע: פאַרוואָס האָב איך אין דער אַלטער היים געלערנט ביי אַ מלמד, אַ פאַרצייטיקן, אָן "בילדונג", אָן "וויסן", אָן "פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן", און אין וועלכע באַדינגונגען? אין אַן ענגן חדר, ניט גענוג זויבער, ניט גענוג לופט — און דאָך האָט יענער מלמד אויסגעלערנט קודם־כל צו זיין אַ איד, און טאַקע דאַווענען אויך, און לערנען אַ פּרשה חומש אויך, און אַ שטיקל משניות, און אַ בלעטל גמרא, און איינגעזאַפּט אַלע אידישע טראַדיציעס און מנהגים, פאַרוואָס זשע האָבן יענע קולות אַזוי געווירקט, אַז מען האָט זיי טאַקע געזען . . . ממש געזען מיט די אויגן . . . עלטערן האָבן געזען די ווירקונג פונם דערציערס קולות . . . זיי האָבן געזען ווי זייער קינד ווערט נשתנה צורה פון טאָג צו טאָג; זיי האָבן געזען דאָס אידישע פּנים פון זייער קינד און האָבן דערפילט פרייד און שמחה . . . קולות פון סיני־כאַראַקטער באַזיצן אַזאַ כח . . . ניט בלויז מען הערט זיי, נאָר מען קאָן זיי אויך זען . . .

— וכל העם רואים את הקולות ? . .

זייט די אידישע דערציער און לערער האבן איבערגעריסן מיטן סיני־פראגראם, ביי א טייל איז דער חומש לגמרי "שעדלעך" און "אפגעלעבט", און ער איז אסור לבוא בקהל . . . און ביי א טייל איז די שפראך פונם חומש ניט גענוג פארשטענדלעך פארן היינטיקן קינד, און ביי א טייל איז דער חומש ניט גענוג "פעדאגאגיש" מען זאל מיט אים זיך קאנען באנוצן מיט היינטיקע קינדער — האט מען אים פארוועקסלט אויף מאדערנע קיצורים, מיט סיפורים און מעשהלעך פון חומש . . .

די אלע ניט סינידיקע מעטאדן זיינען עס די סיבות וואס מען הערט נאר די קולות פון די לערער, אבער מען זעט זיי ניט. מען זעט ניט זייער ווירקונג אויפן אידישן קינדס פנים; מען זעט ניט זייער ווירקונג אויפן אידישן קינדס נשמה און לעבנס־וועג . .

עטלעכע יאר נאך דער שול, און — אלץ איז אויסגעוועפט . . . פארגעסן . . . אפילו קיין זכר ניט פארבליבן . . .

דער טאג פון מתן־תורה דארף באוועגן די בעסערע און ערלעכע פון אונדז זיך צו באדענקען און אויף אן אמת זיך אומקערן צו יענעם פראגראם און דערציאונג־סיסטעם, וועמעס יניקה עס קומט פון סיני . . .

דאס איז די איינציקע גאראנטיע, אז די קולות פון די דערציער זאלן ניט בלויז געהערט ווערן, נאר אויך געזען ווערן . . . מען זאל זיי אנזען אויפן קינד, וואס וועט זיך מיט יענע קולות באנוצן אויף זיין וויטן, לאנגן לעבנס־וועג

כי הם חיינו ואורך ימינו . . .

ווייל נאר יענע סיני־קולות זיינען אונדזערע לעבנס־נערוון, וואס זיינען בכח צו פארלענגערן אונדזער לעבן און עקזיסטענץ.

יב

שבועות

פארוואס רופט מען דעם יום־טוב פון מתן־תורה — שבועות?

צוליב די זיבן וואכן פון ספירה? שבעה שבועות תספר לך? קומט דאך אבער שבועות נאך די ספירה־טעג, נאך די זיבן וואכן?

דער "שפת אמת" זאגט: דעריבער רופט מען דעם יום־טוב שבועות, ווייל מיר האבן געשוואוירן צו האלטן די תורה, מיר זיינען:

נשבעין ועומדין מהר סיני . . .

שבועות איז דער טייטש שווערן . . .

אידן האלטן די תורה ניט בלויז אלס ספר פון דינים, אוודאי ניט בלויז אלס געשיכטע ספר. די תורה ביי אידן — וואס ווייסן וואס תורה איז — איז א העכערער באגריף:

כה אמר ה': אם לא בריתי, יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי . . . (ירמיה, ל"ג, כ"ה).

ווען ניט דער בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אידן, וואָלט דער וועלט־באַשאַף ניט פאָרגעקומען. פונקט ווי דער ארכיטעקט ארבעט פריער אוים זיין פּלאַן און די אויספירער בויען לויטן ארכיטעקטס פּלאַן, אזוי — זאָגט דער מדרש אין אָנהויב בראשית, — האָט הקדוש ברוך הוא געשאַפן די וועלט לויט די באגריפן פון דער תורה:

כך היה הקדוש ברוך הוא: מביט בתורה ובורא את העולם...

דער זוהר הקדוש זאָגט:

באורייתא ברא קודשא בריך הוא עלמא...

"מיט דער תורה האָט גאָט ברוך־הוא די וועלט באשאפן"...

ריש לקיש זאָגט (שבת, פ״ז): "גאָט האָט אויסגערעדט א תנאי — וועלן די אידן מקבל זיין די תורה, איז גוט. ווען ניט וועט ער צוריקקערן די וועלט צו תוהו ובוהו".

דאָס זיינען גאַנץ קלאָרע, פארשטענדלעכע רייד. די תורה איז דער לעבנס־וועגווייזער פון אלע מענטשן. אלע אידעאלן וואָס דער מענטש האָט ביז איצט פּראָדוצירט, שטאמען פון דער תורה; אלע ריכטונגען אין דער מענטשהייט, וואָס באזירן זייערע מיינונגען אויף יושר און צדק, אויף אמת און שלום, שטראָמען אלע פונם געטלעכן קוואל וואָס אידן רופן — תורה.

די וועלט איז דער גוף, די תורה — די נשמה. אָן תורה, — זאָגט ריש לקיש, — איז די וועלט תוהו ובוהו.

ווייל די תורה האָט דער מענטשהייט געגעבן א סיסטעם פון צוזאמענ־לעבן בשלום מיט גערעכטיקייט... אין אלע סאָציאלע פאָרמען פון דער מאָ־דערנער מענטשהייט זיינען פשוטע מצוות אין דער תורה, ווי ציצית און תפי־לין, ווי חמץ און מצה.

מיט דער תורה, — זאָגט דער זוהר הקדוש, — ברא קודשא בריך הוא עלמא. נאָר מיט דער תורה האָט די וועלט א זין, א בארעכטיקונג אויף עק־זיסטענץ.

אלע געזעצגעבער און שאפער פון באוועגונגען האָבן די קערנער פון זייערע אידעאלן און געזעצן דורכוים גענומען פון דער תורה. די תורה האָט אריינגעבלאָזן איר אָטעם אינם גאנצן באשאף פון דער וועלט... דעריבער זיינען פאר אונדז אזוי קלאָר די ווערטער פונם אויבנדערמאָנטן מדרש.

חביבין ישראל שניתן להם כל חמדה... (אבות).

געאכטעט און רעספּעקטירט זיינען דעריבער אידן, ווייל זיי האָט מען איבערגעגעבן דעם טייערן אוצר פון תורה, וואָס איז פריי פאר אלעמען ניט בלויז פאר אידן... אפילו ווען א געצנדינער לערנט תורה, איז ער אזוי חשוב ווי א כהן־גדול אָן עם־הארץ, — זאָגן די חז״ל.

תורה איז א ברייט אומפאסנדיקער באגריף. תורה איז דער ענד־ציל פון אחרית הימים, ווען דער וואלף וועט הויזן צוזאמען מיטן שעפסעלע און א קו מיט א בער וועלן זיך רואיק פאשען אויף דער לאנקע . . .

די וועלט איז תורה מוז חרוב ווערן, ווייל די תורה פארלאנגט: לא תרצח, לא תגנוב, און ווען די געבאטן ווערן ניט רעספעקטירט, דאן קומען היטלערס אויף דער וועלט־ארענע און זיי ברענגען שוין חורבן אויף דער וועלט, חורבן אין פולן זין פוןווארט . . . ווי מיר אלע, אינם היינטיקן דור, זיינען לעבעדיקע עדות.

איך ווייס ניט וועמעס שולד עס איז, וואס דער באגריף פון תורה איז געווארן אזוי איינגעשרומפן און רעדוצירט ביז צום סאמע מינימום, אזוי, אז ווען איר זאלט פרעגן סתם א אידן: וואס איז תורה? וועט ער אויסרעכענען א פאר טוצן מצוות, וואס אידן פון אלטן דור (די אלד פעשאנד) פראקטיצירן זיי פון צייט צו צייט. דאס איז, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, די גרעסטע זינד.

אוי להם לבריות מעלבונה של תורה . . .

"ווייי צו די מענטשן וואס פארשמעלערן אזוי די געטלעכע באדייטונג פון דער תורה" . . .

די אור־פעלקער האבן די תורה ניט געוואלט מקבל זיין . . . זיי גלייכן בעסער דעם תוהו ובוהו. אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע — אין באדינגונגען ווייל זיי האבן יא געוואוסט, אז אן תורה מעגן צוויי ברידער האבן די גאנצע וועלט אין זייער באזיץ — שטייט אויף קין און הרגעט הבלן . . .

אט דאס איז די באדייטונג פון שבועות. מיר האבן געשוואוירן צו טראגן די תורה דורך פייער און וואסער, דורך אלע וועלט־מדבריות, דורך אלע מסוכנדיקע וועגן . . .

מיר זיינען געווארן פריווילעגירט צו רעגולירן דעם ליכט־טורעם און ווארפן פאסמעס ליכט־שטראלן אויף אלע פינצטערע ווינקעלעך פון דער ערד.

(ערב שבועות, תש"ה).

יג

תורה — די נשמה פון ישראל און דאס ליכט פון דער מענטשהייט

ויתיצבו בתחתית ההר, אמר ר' אבדימי בר' חמא בר חסא, מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית, ואמר להם: אם אתם מקבלים התורה מוטב, ואם לא, שם תהא קבורתכם

(שבת, פ"ח).

כי הם חיינו

אזוי האָבן אונדז געלערנט אונדזער חכמים: איטלעכער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן צו טאָן זיין אַרבעט, זיין שליחות, און איינער קען ניט טאָן דעם צווייטנס אויפגאַבע.

אם אין אני לי, מי ? . .

„אויב איך וועל ניט טאָן מיין אַרבעט, ווער־זשע וועט די זאַך טאָן פאַר מיר"? . .

דאָס איז אַ טיפע לערע, אין די עיקרים פון אמונה. איטלעכער יחיד איז אַ שליח־מצוה, און אויב ער טוט ניט זיין שליחות אָדער ער טוט עס יאָ, נאָר ער ענדערט זיין אויפגאַבע או ער טוט אַ צווייטנס פליכטן — דאַן ווערט ער באַטראַכט אלם מועיל בשליחות, ווי אַ דעזערטיר, וועלכער אַנטלויפט פון זיינע פליכטן אָן דער צושטימונג פון זיין עלטסטן . . .

זיי פלעגן עס מסביר זיין און געבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל: אַ רבי האָט געזען ווי זיינער אַ חסיד, אַ גרויסער נגיד, אַ מטופל מיט אַ גרויס עשירות, איז געזעסן לאַנגע שעהן אין קלויז און געלערנט, און געזאָגט בכונה תהלים. דער נגיד האָט געגלויבט אַז ער טוט דעם רבונו של עולם אַ גרויסע טובה. רופט זיך אָפּ צו אים דער רבי, אַז זיין אויפגאַבע אויף דער וועלט איז ניט אַריינצוליגן זיינע כוחות אין לערנען און אין תהלים זאָגן. זיין עובדא און אויפגאַבע איז צו געבן צדקה און העלפן נויטבאַדערפטיקטע, ווייל דערפאַר האָט גאָט אים באַלאָדן מיט עשירות . . . כאָטש ביידע זאַכן, סיי לערנען און סיי צדקה געבן, זיינען הייליקע מצוות ,פון דער תורה, טאָר אָבער קיינער ניט פאַרבייטן זיינע פליכטן . . . ווען אַ זעלנער וועט אַליין טוישן זיין רעגימענט וועט ער אויך באַטראַכט ווערן אלם דעזערטיר . . .

איטלעכער מענטש איז געשיקט געוואָרן אויף דער וועלט צו טאָן זיין, דוקא זיין פליכט, און ניט יענעמס . . .פון דער דאָזיקער לערע שפּרודלט אַ קוואַל פון אמונה און טיפער גלויבן, וועלכן אונדזערע אָבות אבותינו האָבן אונדז געלערנט און אין אונדז פאַרפלאַנצט.

דאָס אויבן דערמאָנטע איז ניט געזאָגט געוואָרן דוקא פאַרן יחיד, נאָר אויך פאַרן כלל, פאַרן גאַנצן פאָלק.

צו פוסנס פונם באַרג סיני, זיינען די בני ישראל געקרוינט געוואָרן פאַר אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש, פאַר אַ גייסטיקער רעפּובליק, וועלכע פּראָקלאַמירט הייליקע פּרינציפּן ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער מענטשהייט . . .

הקדוש ברוך הוא האָט דעם אידן דעם עמוד האש אין זיין האַנט געגעבן, און מיט אָט דעם פייער־פאַקל אים איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט, און אזוי האָט כביכול צום אויסדערוויילטן פאָלק געזאָגט: איך האָב פאַר דער תוהו ובוהו וועלט אַ נשמה באַשאַפן. נעם, ישראל, די דאָזיקע נשמה, בלאָז אַריין אין איטלעכן ווינקל פון אַרבע כנפות הארץ, צינד אָן דאָס געטלעכע ליכט אין איטלעכן הארצן, ווייל איך האָב דיך אויסדערוויילט פון אַלע פעל־

קער אויף דער ערד, דו זאָלסט דאָס דאָזיקע שליחות ריכטיק דערפילן. דעזער־טיר ניט, ישראל, פארוועקסל ניט דיין אויפגאבע. גיי און צינד אָן, גיי און זיי מחיה די שטארבנדיקע וועלט, ווייל דיר, און נאָר דיר, האָב איך אָנפאר־טרויט די הייליקע שליחות . . .

און אידישע נביאים האָבן זייערע שניידנדיקע ווערטער געשליידערט אין פנים אריין ניט בלויז דעם פאָלק ישראל, נאָר אלע פעלקער ארום און ארום.

בשלשה דברים נתנה תורה: באש, במים ובמדבר . . .

(מדרש רבה).

מיט דריי באדינגונגען איז די תורה געגעבן געוואָרן: אפילו ווען מען זאָל מיט איר דארפן דורכגיין אלע פארפלייצונגען, אין אויטאָ דא פעען און מדבריותן.

אידן האָבן מיט אלע כחות די תורה געטראָגן דורך אלע געפאַרן. פארשיידענע אסימילאציע־שטראָמען האָבן דעם אידן מיט זיין תורה געוואָלט פארשלינגען און אָבשווענקען פון דער אויבערפלאַד פון דער ערד . . . פאר־שיידענע פייערן און פלאַמען האָבן דעם אידן מיט זיין תורה געוואָלט פאר־צערן . . . פארשידענע מדבריות, וואו אידן זיינען פארטריבן געוואָרן — מדבריות, ווייל דאָרטן איז פאראן א הונגער פון גאָטס וואָרט און א דורשט צו די רייד פון דער תורה — א מדבר, וואו עס קען ניט וואקסן אן עכט־אידיש קינד, נאָר עס ווערט פארקריפּלט פון די אומשטענדן; די אסימילאציע איז ווי א קענסער וועלכער צעוואקסט זיך אינם אָרגאניזם פונם פאָלק און ער מאכט אָן חורבנות, כאָטש דער חורבן ווערט ניט דערזען פונם דורכשניטלעכן מענטשן.

אידן, עקשנים, האָבן אָבער אלץ אויסגעהאלטן — דורך וואסער, דורך פייער און דורך מדבר טראָגן זיי די תורה פון דור צו דור. אָט־די זעלבע תורה, וואָס משה האָט געלערנט די בני ישראל מיט דריי און א האלב טויזנט יאָר צוריק.

אמת, אז יחידים פאלן אָפּ, ווי פארדארטע צווייגן פונם שטאם, קעלטן און היצן, ווינטן און שטורעמס רייסן שטיקער פונם שטאם . . . אויסערלעכע און אינערלעכע שונאים פון דער תורה מאכן אָן חורבנות. דער שטאם איז אָבער פעסט און אומצעברעכבאר, ווייל טיף אין דער פאָלקס נשמה איז דער שטאם פארפלאנצט און קיין שטורעם־ווינט וועט אים שוין ניט אויסרייסן, אזוי גלויבן מיר ,אזוי זיינען מיר טיף איבערצייגט.

אודאי זיינען די דורות ניט גלייך. געוועזן דורות ווען אלע זיינען געווען בני תורה, פון דן ביז באר שבע האָט מען ניט געפונען אפילו איין מאן וואָס זאָל ניט זיין קלאָר אין די געזעצן פון דער תורה; אמת, אז עס בייטן זיך דורות, די שומרי החומות פארלאָזן אָבער ניט זייערע פּאָסטנס. זיי וואכן איבער דעם "עמוד האש" און לאָזן אים ניט פארלעשן.

דער מאטעריאליזם האָט פיל אָפּגעשוואכט דעם חשק פון צו לערנען תורה. א ווילדער געיעג נאָכן דאָלאר זעט זיך אפילו אויף דער אידישער גאס.

עלטערן האבן ניט קיין שום אינטערעס אין לערנען תורה און ממילא זען זיי ניט קיין נויטווענדיקייט די תורה צו פארפלאנצן אין די הערצער פון זייערע קינדער.

צו פרי שיקט מען קינדער פארדינען. אפילו רייכע עלטערן זיינען אויך צופרידן ווען זייערע קינדער גייען מאכן א דאלאר און לערנען זיך צו "מאכן א לעבן"...

אידן האבן פארלאזן די הייליקע טראדיציעס פון זייערע עלטערן, וועלכע האבן אפילו אין ארימקייט געלאזט זייערע קינדער לערנען תורה.

תורה איז דער העכסטער אויסדרוק פון דער אידישער פאלקס־נשמה. אז תורה זיינען אידן פארלארן, פארלאזן און זיינען אויסגעשטעלט צו געפארן, וועלכע קאנען ברענגען א פארניכטונג.

כי הם חיינו ואורך ימינו...

די ווערטער פון דער תורה זיינען אונדזערע לעבנס נערוון און נאר זיי קאנען אונדזער עקזיסטענץ פארזיכערן אויף לאנגע יארן.

דער יום־טוב שבועות, ווען גאט האט זיין פאלק דורך משהן זיין תורה געגעבן, דארף פארוואנדלט ווערן אין א דעמאנסטראציע פאר תורה און טראדיציע, אלט און יונג דארף זיך נעמען צום לערנען תורה, אפילו ארבעטנדיקע מענטשן קאנען ווידמענען צו ביסלעך צייט אויף לערנען תורה — אין די שולן ווערט געלערנט איטלעכן בין מנחה למעריב און איטלעכן שבת.

פארוואס זאלן זיך ניט אפזוכן בעלי בתים און גרינדן חברות צו לערנען תנ"ך, משנה, מדרש, גמרא און שלחן ערוך?

וואלט דער יונגער דור געזען ווי דער עלטערער איז מחבב און פארליבט אין תורה, וואלט ער זיך אויך ארויסגעריסן פון די גיפטיקע נעגל פון עמי־הארצות און אומוויסנדיקייט. ער וואלט וואס ווייניקער זיך אפגעגעבן מיט "גיימס" און אנדערע שפילערייען און געמבלערייען, וועלכע ווארפן די יוגנט אין פרעמדע סביבות און פארפלאכן די באגריפן פון אידנטום, זייענדיק יוצא מיטן איבערלייענען א וואסערדיק בוך אין א ניט־אידישער אדער לשון הקודשדיקער שפראך פון א "געלערנטן", וועלכער ווייסט אליין ניט פון הענט און פיס, וואס עס טוט זיך אין דער תורה און איז זיך אליין איטלעכן טאג טובל זיבן מאל אין דער גוישער וועלט... די יוגנט וועלכע איז פארבונדן מיט אידנטום נאר דורך זיין א "מעמבער" אין דער אדער יענער ארגאניזאציע, און א גאנצן טאג, א גאנצע וואך, לעבט מען אין ניט־אידישע סביבות און אין א ניט־אידישער וועלט — די יוגנט איז א קראנקע יוגנט, וועלכע ווערט פון טאג צו טאג אפגעשוואכט און בלוט־ארעמער, פארוועלקט און פארטריקנט, און וועט פארלוירן גיין פארן אידנטום.

תורה דארף באלעבן די הערצער פון יונג און אלט. תורה — דורך לערנען און דורך פראקטיצירן אירע מצוות — תורה אין די שולן און תורה אין די אידישע היימען... אין די שולן און אז די בתי־מדרשים דארף תורה

געלערנט ווערן, און אין די היימען דארף זי פּראקטיצירט ווערן — ווייל תורה איז די נשמה פונם אידישן פאָלק . . .

יד

ויתיצבו בתחתית ההר

הקדוש ברוך הוא האָט מיט א כונה געגעבן די תורה צו זיין אויסדער־ווײלט פאָלק דוקא אין דער מדבר. צו ווייזן פאר אלעמען, אז די תורה איז ניט פארבונדן דירעקט מיט קיין לאנד . . . כאָטש פיל מצוות זיינען דוקא באַ־שטימט פאר ארץ־ישראל, נאָר דאָרטן זיינען מיר זיי מחויב צו טאָן, און ניט אין חוץ לארץ, איז אָבער די תורה אלס גאנצע באשטימט פאר דער גאנצער וועלט. אירע פּרינציפּן און אידייען אנערקענען ניט קיין גרעניץ. צדק און יושר, רחמנות און מיטלייד זיינען די מצוות פאר איטלעכן באשעפעניש, רציחה און גזלה, גניבה און אָפּנארעריי, זיינען פארבאָטן געוואָרן ניט בלויז פאר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, נאָר אויך פאר די בני נח, פאר דער גאנצער מענטשהייט.

ווען א תלמיד פארשטייט ניט די ערשטע פּרשה, לערנט מען מיט אים ניט די צווייטע.

די בני נח האָבן באקומען נאָר זיבן מצוות, די שבע מצוות בני נח זיינען: 1) דינים; 2) ברכת השם; 3) עבודה זרה; 4) שפיכות דמים; 5) גלוי עריות; 6) גזל; 7) אבר מן החי — אָט־די זיבן מצוות האָבן זיי ניט געקאָנט מקיים זיין, וואָס־זשע פאר א זינען האָט עס געהאט צו צווינגען זיי מקבל צו זיין די תורה מיט אירע תרי"ג (613) מצוות?

די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב האָבן אָבער יאָ גענוי און פּינקטלעך געהאלטן יענע זיבן מצוות, האָט הקדוש ברוך הוא דוקא געוואָלט אז אידן זאָלן מקבל זיין די תורה.

ויתיצבו בתחתית ההר . . .

און די אידן האָבן זיך געשטעלט צופוסנס פונם בארג. דרשנט די גמרא אין שבת, אז דאָס לערנט אונדז, אז גאָט האָט איבערן גאנצן פאָלק פארצויגן דעם בארג און ווי מיט א פאס אים פארדעקט, און אזוי האָט ער צום פאָלק געזאָגט: וועט איר מקבל זיין די תורה איז גוט, ווילט איר זיך אָבער ארויסדרייען פון איר, וועט דאָרטן וואו איר וועט זיך פון איר וועלן באפרייען, אין וועלכער תקופה און אין וועלכן לאנד דאָס זאָל ניט זיין, דאָרט וועט זיין אייערע קבורה, אייער טויט, אייער אומקום און אייער פארניכטונג.

דאָס אידישע פאָלק — זאָגן אונדזערע חכמים — איז באשאפן גע־וואָרן צוליב דער תורה און די תורה איז געגעבן געוואָרן צוליב דעם אידן. די תורה איז דאָס ליכט און דער איד דער ליכט־טרעגער, וועלכער דארף צע־טראָגן דאָס געטלעכע ליכט אויף מזרח און מערב, אויף צפון און דרום, אויף אלע קאָנטינענטן פונם גאנצן ערד־קוגל . . .

די חכמים זאגן: פארוואס־זשע הייסט דער בארג סיני, ווייל פון דארטן איז אראפגעקומען שנאה אויף דער וועלט. די וועלט האט אנגעהויבן פיינט באקומען דעם אידן. דערוויסנדיק זיך אז דער איד וועט עס פון אצינד אן דארפן זיין דער הויפט משגיח איבער דער מאראלישער אויפפירונג פון אלע פעלקער . . . עס איז די פעלקער ניט אנגעשטאנען צו לאזן זיך לערנען פונם אידן . . . זיי "גלייכן" ניט די תורה, וועלכע פארעקלט רציחה און עבודה־זרה, ניאוף און גזלה, גנבה און אומרעכט . . .

צוליב קנאה האט אן עם־הארץ פיינט דעם תלמיד חכם, אן ארעמאן דעם נגיד, א פארדארבענער מענטש דעם איידעלן, און פארגרעבטע פעלקער דעם עם הנבחר, דאס פון גאט אויסדערוויילטע פאלק . . .

עס איז דאריבער גאנץ נאטירלעך און אויך פארשטענדלעך די רייד פון אונדזערע חכמים: דעריבער רופט מען דעם בארג — אויף וועלכן גאט האט געגעבן די תורה — סיני, ווייל פון דארטן האט אראפגענידערט שנאה אויף דער וועלט . . .

* * * * *

טו

פארדריסט עס מיך שטארק און עס קרענקט מיך ביז צום ביין, עס רויבט מיר צו מיין מנוחה און עס לאזט מיך ניט רוען דער טרויעריקער סך־הכל: פארוואס די שנאה איז יא אזוי בולט, יא אזוי גרויזאם, יא אזוי ברוטאל, און דער איד איז גארניט אזוי פארקאכט אן זיין תורה ! . . ער אז גארניט אזוי מדקדק אין די תרי"ג מצוות . . . ער האט צייט פאר אלעמען און פאר אלע, פאר אלערליי "געמבלעריייען" און שפילערייען, נאר ניט פאר א פרשה חומש מיט רש"י, אדער א פרק משניות . . .

לויט דער שנאה מיט וועלכער דאס אידישע פאלק איז ארומגענומען, האבן כאטש לכל הפחות געדארפט אלע בתי־מדרשים פול זיין מיט תורה־לערנענדיקע אידן פון אלע שיכטן פונם פאלק, און אלע אידישע הייזער פול מיט מצוות . . . די שנאה האט זיך אויף אן אמת צעוואקסן, אבער לײדער ניט דער דראנג נאך תורה . . .

די שנאה, וועלכע איז אראפגעקומען פון סיני לעבט און ווירקט, פארטיליקט און מאכט אן חורבנות . . . וואו ווירקט אבער אין אזא קראפט די תורה? וואו זיינען די תורה־וואפן אנטקעגן יענער שנאה ? . .

פעלקער האבן אין אונדז, ווייזט אויס, א גרויסן טעות. זיי ריידן כסדר וועגן א געהיימער קראפט, וועלכע פאראייניקט אלע אידן. עס איז אמת, עס האט אזא געהיימע קראפט געדארפט זיין. הקדוש ברוך הוא האט טאקע אזוי געזאגט צום אידן, בתחתית ההר, ווען זיי זיינען געווען צופוסנס פונם בארג: וועט איר מקבל זיין די תורה, איז גוט. טאמער ניט, וועט איר דארטן האבן אייער קבורה . . . וואו דארטן? דארט וואו איר וועט די תורה פארלאזן און זיך בוקן צו עבודה־זרה, צו פרעמדע תורות און פרעמדע קולטורן, צו פרעמדע שפראכן און פרעמדע מנהגים . . .

לויט די רייד פון אונדזערע חכמים, זיינען פון סיני אראָפּגעקומען אי תורה, אי שנאה. די שנאה לעבט און פלאקערט — אָט האָט די דאָזיקע פול־שטענדיקע שנאה פארטיליקט א דריטל פון גאַנץ פאָלק; אָט האלט די שנאה נאָך אַלץ פארשלאָסן די טויערן פון ארץ־ישראל; אָט האָט די שנאה נאָך אַלץ ניט אָנערקענט ארץ־ישראל פאר א אידישער מלוכה.

און די תורה ? !

"ווי צו די מענטשן, וואָס פארשעמען די תורה!" איטלעכן טאָג הערט זיך א בת־קול פונם בארג חורב, וואָס רופט און מאָנט: אידן, הייליקע אידן, טייערינקע אידן — פארשעמט ניט די תורה! לערנט זי אליין, זאָלן אייערע קינדער זי לערנען, זאָלן אייערע היימען ניט פארשעמען די געזעצן פון דער תורה . . . די תורה איז דאָך די נשמה פונם אידישן פאָלק, דאָס ליכט פון דער גאנצער מענטשהייט —

כי הם חיינו ואורך ימינו . . .

(ערב שבועות, תש"ו).

שבעה-עשר בתמוז

א

שבעה־עשר בתמוז

נבוכדנצר, דער קעניג פון בבל, האט מיט זיין ריזיקן חייל באלאגערט ירושלים. געשטורעמט האט ער די פעסט געבויטע מויערן פון דער הויפט־שטאט פון יהודה, און ניין טעג אין פערטן חודש (תמוז) האט ער איינגע־בראכן די מויער (ירמיה, ל״ט) אין דער צייט פון ערשטן חורבן.

די משנה (תענית פרק ד׳) דערציילט אונדז: חמשה דברים אירעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז נשתברו הלוחות וכו׳. פינף שרעקלעכע פאסי־רונגען האט מיט אונדזערע עלטערן געטראפן אין שבעה־עשר בתמוז:

1) משה רבנו, אראפקומענדיק פונם בארג סיני, דערזעענדיק ווי דאס פאלק טאנצט ארום דעם גאלדענעם קאלב, האט ער צעבראכן די לוחות; 2) דער קרבן תמיד וועלכן מען האט מקריב געווען אין בית המקדש איטלעכן אינדער־פרי און פארנאכט, איז לויט א גזרה פון דער דאמאלסטדיקער אקופירנדיקער מאכט, אפגעשטעלט געווארן; 3) אין דער צייט פונם בית־שני איז אין שבעה עשר בתמוז אויפגעבראכן געווארן די ירושלימער מויער; 4) אפוסטומוס האט אין שבעה עשר בתמוז פארברענט די תורה; 5) ער האט אריינגעשטעלט אן עבודה־זרה אין בית־המקדש אריין.

פון דאן אן האבן אידן אין אלע דורות גענומען אויף זיך שבעה־עשר בתמוז אלס אנהויב פון א דריי־וואכיקן טרויער אויפן פאלקס אומגליק, וואס האט פאסירט אין די תמוז־טעג.

לאמיר באטראכטן יענע פינף פאסירונגען, וועלכע די גמרא תענית באצייכנט אלס אומגליק וואס איז געקומען אויף אידן אין זיבעצנטן טאג אין חודש תמוז, און האט דערפירט צום חורבן פונם בית־המקדש און צום לאנגן־לאנגן גלות פון אידן.

נשתברו הלוחות...

די וועלט איז געווען זייער פרימיטיוו, אויף א זייער צוריקגעשטאנענעם מצב און אויף א גאר נידעריקער מדרגה האט זיך די מענטשהייט דאן געפונען. עבודה־זרה, געצנדינסט, אבערגלויבעריי, כישוף און פינצטערקייט האט בא־הערשט די מוחות אפילו פון די דערהויבענע, פירנדיקע פערזענלעכקייטן. יעדער באדייטנדיקער קעניג אין יענע צייטן, איז אליין באטראכט געווארן אלס גאט.

הקדוש ברוך הוא האט ארויסגעפירט זיין פאלק פון קנעכטשאפט צו פרייהייט, נאר כדי זיי זאלן מקבל זיין די תורה (שמות, ג׳, י״ב) און נאך אלע הכנות און פארבארייטונגען, איז דאס פאלק אנגערייצט געווארן פונם ערב־רב,

באאיינפלוסט געווארן פון אגיטאטארן, וועלכע האבן זיך פארבענקט נאך עבודה־זרה. און ווען דער ערלעכער און געטרייער פאסטוך, משה רבנו, האט זיך דערוויייל דערהויבן אין די העכערע הימלען צו באקומען פאר די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב א געטלעכע לערע, וועלכע זאל דאס אידישע פאלק פארוואנדלען אין א ממלכת כהנים וגוי קדוש — האבן אידן צופוסנס פונם בארג סיני געטאנצט ארום דעם עגל הזהב און מיט התלהבות געשריען: אלה אלהיך ישראל ! . . אט איז דיין גאט, ישראל, וועלכער האט דיך פון מצרים ארויסגעצויגן . . .

משה רבנו, אראפקומענדיק פונם בארג סיני האט ניט געקאנט צוזען דאס שרעקלעכע שפלות פון אט דעם באפרייטן פאלק. סרו מהר מן הדרך, זייער גיך האבן זיי זיך אפגעקערט פון דעם פון גאט אנגעצייכנטן וועג, דעם דרך החיים. האט ער גענומען די צוויי געטלעכע לוחות אויף וועלכע עס איז געווען אויסגעקריצט די עשרת הדברות, די צען געבאט, און ער האט זיי פאר די אויגן פון די בני ישראל צעבראכן — עבודה־זרה מיט תורה קאנען ניט הויזן צוזאמען . . .

דאס איז געווען א גרויסע גייסטיקע ירידה פונם פאלק — פון די הימל־הויכע געטלעכע אידייען פון די עשרת הדברות צו דער נידעריקסטער תאווה, צו עבודה־זרה. משה רבנו האט די לוחות צעבראכן און גאט האט אים זיין הסכמה דערויף געגעבן . . . א שרעקלעכער גייסטיקער חורבן אין סאמע באגינען פון אנטשטייאונג פונם אידישן פאלק.

בטל התמיד

דער טאג־טעגלעכער קרבן אין בית־המקדש איז געווען דער שטאלץ פונם פאלק, וואס האט געגלויבט באמונה שלימה, אז די שכינה רוט אינם הייליקטום פון דער כנסת ישראל. די עבודה אינם בית־המקדש איז באטראכט געווארן פאר דערנעענטערונג און א הייליקער בונד צווישן ישראל און זיין גאט. און דא קומט די אקופירנדיקע רוימישע מאכט, די ברוטאלע, בלוט־דורשטיקע רוימער, און שטעלן אפ די הייליקע עבודה אינם בית־המקדש — איז דאס באטראכט געווארן פונם פאלק ווי אן אנהויב פונם חורבן און א צע־שטערונג פון זייער אפהענגיקייט.

והובקעה העיר . . .

אין דער צייט פונם חורבן בית־ראשון זיינען די מויערן פון ירושלים דורכגעבראכן געווארן ניין טאג אין תמוז און אין די צייטן פונם חורבן בית שני זיבעצן טאג אין תמוז. די גייסטיקע מויערן זיינען שוין איינגעפאלן. די עבודה־זרה אינם בית־המקדש איז שוין קאנטראלירט געווארן פון דער פרעמ־דער, ברוטאלער מאכט. אצינד קומט דער נאציאנאלער חורבן, די פעסט־געבויטע מויערן ארום ירושלים, וועלכע האבן געשיצט אירע איינוואוינער פון אויסערלעכע שונאים, זיינען דורכגעבראכן געווארן . . .

ושרף אפוסטומוס את התורה . . .

אפשר איז דאס נאך ווייניק: די עבודה אין בית־המקדש צעשטערט, די נאטירלעכע שוץ־וואנט פון ירושלים איינגעבראכן. ווי פארצווייפלט איז

דאַן דאָס פאָלק געווען! דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז אין שבעה־עשר בתמוז געבראָכן געוואָרן.

האָבן זיך אידן געכאַפּט צו דער תורה, זי זאָל זיי שיצן פון אַלע צרות און פון אונטערגאַנג; האָבן אידן זיך גענומען וואַרעמען ביי איר ליכט, און זיך פאַרבלאָקירן, דער שונא זאָל זיי ניט דערגרייכן — איז געקומען אַפּוסטו־מוס און אַרויסגעגעבן אַ גזרה צו פאַרברענען אויך די תורה . . . אינגאַנצן אונטערברעכן און צעשטערן יעדער אָנלען און אונטערשטיצונג פונם פאָלק, סיי דעם רעליגיעזן, סיי דעם נאַציאָנאַלן. דער רוימישער אָקופּאַנט האָט אַלץ נאָך מורא געהאַט טאָמער וועט זיך ישראל נאָכאַמאָל אויפכאַפּן און פּרובירן רעוואָלטירן קעגן דער אָקופּאַציע מאַכט. איינרעדנדיק זיך אַז דאָס בית־המקדש איז נאָך אַלץ דער צענטער וואוהין די אויגן פון אַלע אידן זיינען געווענדעט — איז געקומען דער רשע אַפּוסטומוס און —

והעמיד צלם בהיכל . ..

ער האָט אַריינגעשטעלט אַן עבודה־זרה אין בית־המקדש אַריין אַלס סימן פון אַבסאָלוטער באַהערשונג, אַלס צייכן אַז ישראל האָט חלילה אַלץ פאַרלוירן . . .

די אַלע איבערדערמאָנטע פינף גוואַלדטאַטן קעגן דער אידישער אומ־אָפּהענגיקייט אין ארץ־ישראל האָבן זיך איינגעקריצט אינם האַרצן פון פאָלק ישראל. יענע רוימישע אימפּעריע איז שוין לאַנג צעטרייסלט געוואָרן און קיין זכר אַז פון איר ניט פאַרבליבן.

יאָר־איין, יאָר־אויס איז דער שבעה עשר בתמוז, דער ערשטער טאָג פון די ״דריי וואָכן״ אַנערקענט געוואָרן אַלס תענית, אַלס פאַסט־טאָג, אַלס אָנהויב פון אַ דריי־וואָכיקן טרויער, אַ פאָלקס־טרויער וועלכער האָט אַרומגע־נומען דאָס גאַנצע פאָלק, דער ערשטער טאָג פון די ״דריי וואָכן״ — שבעה־עשר בתמוז — און דער לעצטער טאָג — תשעה באָב; קרוב צו צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס אידישע פאָלק מיט אויסערגעוויינלעכן געדולד אַריבערגעטראָגן תקופות פון פּיין, תקופות פון צרות און לייד, פון שאַנדע און שפּאָט, פון אַ פאַרמעסט מצד אָקופּאַנטן עס אינגאַנצן צו פאַרניכטן — אויסוואָרצלען מיטן שורש. אין דער טיפעניש פונם פאָלקס באַוואוסטזיין טליעט אָבער יענער אומ־אויסשעפּבאַרער ניצוץ, יענער געטלעכער פונק — די אייביקע אמונה און פעסטער בטחון:

דוד מלך ישראל חי וקיים ! . .

טראָץ דעם וואָס אויף די גאַסן פון יהודה און ירושלים לויפן נאָך קינדער פון גאָטס פאָלק דערשראָקענע און צעטומלטע, וועט דאָך בקרוב מקויים ווערן אונדזער אַלעמענס וואונטש: עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה ! . .

איך בין מבטיח, אַז מען וועט נאָך הערן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים אַ קול פון לוסטיקייט און אַ קול פון שמחה, אַ קול פון נצחון און פרייד . . . און דער צום הרביעי און צום החמישי (שבעה־עשר בתמוז און תשעה באָב) וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין פייערלעכע ימים־טובים (זע זכריה.), פון אויפבוי און אויפשטייג.

ב

לאָמיר זיי כאָטש דערמאָנען

(צו א שבעה־עשר בתמוז הזכרה אוונט)

איטלעכע שטוב — א פאמיליען־קבר; איטלעכער הויף — א בית־עלמין; איטלעכער שטיין — א מצבה...

און די לעבן־פארבליבענע? — אויסגעדארטע סקעלעטן קוקן ארויס פון צעריסענע, פארפוילטע קליידער, מיט פארלאָשענע אויגן פון א געל־פאַרמעטענעם פנים; די ציינער זיינען פון הונגער שוין לאַנג ארויסגעפאלן...

פארצווייפלונג, יאוש, רעזיגנאציע — מען ווארט אויפן זיסן טויט. שטארבן און א סוף זאָל עס נעמען! .. צי קאָן דען דער טויט זיין ביטערער ווי דאָס לעבן?

קינדער וואלגערן זיך אין די מיסט־קאסטנס, מען קלייבט אויף שאַלעכץ פון קארטאָפל, פארדארטע שטיקלעך ברויט, וועלכע זיינען זייער זעלטן היינט — אפילו אין די רייכע הויפן...

קינדער פארלויפן דעם וועג די ראצן און מייז. זיי כאַפן אויף די שיריים פון דער אויסגעהונגערטער באפעלקערונג. מיר זיינען ביליכער, מיר זיינען געוואָרן מענטשן... זיינען מיר יחסנים, — אזוי טראַכט זיך א יתומל פון דער דזשיקא גאס אין ווארשעווער געטאָ בשעתן פאריאָגן א שטשור פון א בערגל מיט אָפפאל און פסולת אין א ווארשעווער הויף... זיין פאָטער איז צעריסן געוואָרן פון א באָמבע, און ווען זיין מאמע האָט צוזאמענגעקליבן די שטיקער צעריסענע אברים פון איר מאן, האָט א נאָצי זי דערשאָסן אויפן אָרט... א שוועסטער איז געשטאָרבן פון טיפוס און איז אָפגעלעגן אין שטוב פינף טעג צייט, ווייל די מקברים האָבן געהאַט עלטערע מתים... אליין, גאַנץ אליין איז ער פארבליבן — אָן טאַטע־מאַמע, אָן זיידע־באָבע, אָן שוועסטער און אָן פריינט...

טאַטע אין הימל, העלף מיר! איך וויל ניט עס זאָל פארלאָשן ווערן דאָס ליכט פון מיין משפחה! איך בין אליין פארבליבן אין א וועלט פון רשעות, דער פיינט פארניכטעט. ער שניידט ווי א שניטער די זאַנגען פון פעלד און ער זינגט בשעת־מעשה זיין אויסראָטונגס־ליד ווי ער וואָלט געטאָן א גרויסע מצוה.

יאָ, דער פיינד איז טעטיק און ענערגיש, און די פריינט זיינען פאַר־שטומט. עפּעס הערט זיך ניט זייער פראָטעסט... צי ווייל זיי האָבן אונדז פארגעסן, אָדער אפשר גאָר ווייל דער שונא איז נאָך אזוי שטארק און מעכ־טיק, הערט מען ניט זייער פראָטעסט...

אזוי טראכט דאָס יתומל פון דער דזשיקא גאס אין דער ווארשעווער געטאָ, און אזוי טראַכטן מיט אים אלמנות און יתומים, זקנים און קראַנקע — די וועלכע דער מלאך־המות האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו צונעמען...

אידן פון די זאטע מדינות, לאָמיר זיי כאַטש דערמאָנען! לאָמיר כאָטש א קרעכץ טאָן בצבור און לאָזן א טרער; לאָמיר אָנפילן דעם טרערן־בעכער מיט ברידערלעכע און שוועסטערלעכע טרערן ! ! !

ווען מען גערענקט אזוי גוט נאָר אין זיך און מען איז ניט מסיח־דעת א רגע פונם אייגענעם "איך", דאן קאָן מען דעם צווייטן ניט געדענקען און ניט דערמאָנען . . .

לאָמיר אלע אינייגעם ערן און אכטן יענע גבורים און העלדן! סיי די צעשאָסענע, סיי די דערשטיקטע, סיי די אומגעקומענע דורך הונגער און קראַנק־הייט, סיי די וועלכע זיינען אויסגעגאַנגען ווי א ליכט אין שטילן געוויין, און סיי די בראווע, מוטיקע, וועלכע זיינען געפאלן אין קאַמף מיט די קאַניבאַלן און מצורעדיקע יונקערס פון פרייסן און זאַקסן, פון בייערן און רהיינלאַנד, — ערע זייער אָנדענק!

וועט אימעצער האָבן דעם מוט צו פארבלייבן אין זיין היים אין דער הייליקער שעה, ווען אידן קומען זיך צוזאַמען מזכיר־זיין זייערע מארטירער? וועט אימעצער וואגן ארויסצוווייזן אזא אחריותלאָזיקייט אין א מאָמענט ווען אידן קומען זיך צוזאמען צו באוויינען זייערע העלדן?

קיינער וועט עס ניט טאָן; קיינער קאָן דאָס ניט טאָן, ווייל אין איטלעכן ברענט דאָס פייער פון נקמה פאר דעם בלוט פון אונדזערע ברידער און שוועס־טער, וועלכע זיינען אומגעקומען פאר זייער צייט.

ווער וועט עס וועלן באווייזן אז זיין הארץ איז פארשטיינערט און זיינע געפילן זיינען טעמפ, און דער שכל איז אָפּגענומען געוואָרן פון אים?

אלע וועלן קומען דינסטיק, שבעה עשר בתמוז, צו דער הזכרה. אלע זיינען מענטשן, אלעמען באהערשט א גרויס רחמנות־געפיל . . . אלע וועלן מיר היינט מזכיר זיין יענע גבורים און קדושים — ערע זייער אָנדענק ! ! !

ג

יתגדל ויתקדש שמה רבא

(קדיש נאָך די 93 "בית יעקב לערערנס און תלמידות וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם אין וואַרשע)

> תנא. מעשה בד" מאות ילדים וילדות שנשבו לקלון, הרגישו בעצמן למה הם מתבקשים. אָמרו: אם אָנו טובעין בים אָנו באין לחיי עולם הבא ? . . וכו'.
>
> (גיטן, נ"ז, ע"ב).

דריי און נייגציק שטאָלצע, באוואוסטזיניקע, אידישע טעכטער, וואָס האָבן געטראָגן הויך די פאָן פון אידנטום, געלערנט די אידישע תורה, געהיט אירע מצוות, רעספעקטירט די אידישע טראַדיציע, גערעדט דאָס אידישע לשון,

געלערנט מיט אנדערע, אנגעצונדן דאָס אידישע ליכט אין די יונגע הערצער פון אידישע מיידלעך, די צוקונפטיקע אידישע מוטערס — געלערנט מיט זיי א חוץ דינים פון כשרות און טומאה וטהרה, אויך דינים פון צניעות, פון "כבודה בת מלך פנימה", און בכלל אַלץ וואָס האָט נאָר א שייכות צו אידישקייט. אַט די שטאָלצע אידישע טעכטער האָבן זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה צו וועלכער נאָר יחידי סגולה אין איטלעכן דור קאָנען דערגרייכן — צו דער מדרגה פון —

ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך . . .

"דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט מיט דיין גאנצן הארצן און מיט דיין גאנצער נשמה". . .

אָדער ווי עס ווערט בעסער פארשטאַנען אין פשוטן, אידישן לשון: צו דער מדרגה פון — קידוש השם . . . קידוש השם אין פולן זין פונם וואָרט. בעסער אויסצוגיין פון יסורים נאָכן אויסטרינקען גיפט, איידער אריינצופאלן אין די אָרעמס פון די נאַצישע בעלי־תאוות . . .

אַט די דערהויבענע און איידעלע אידישע טעכטער, אַט די טיף־באוואוסטזיניקע רעליגיעזע מיידלעך האָבן די נאַצישע, בלוט־דורשטיקע אַפּי־צערן פאַרגעשלאָגן צו ראַטעווען זייערע גופים בתנאי זיי זאָלן זיך זיי איבערגעבן . . .

דאָס גאנצע לעבן פון אַט די טיף־רעליגיעזע אידישע טעכטער, איז גע־ווען א לעבן פון קדושה און טהרה, פון צניעות און באשיידנקייט, און אַט קומען אָפּיצערן פונם "הערן־פאָלק" און שלאָגן זיי פאָר אזא דערנידעריקונג און אזא פאַראומרייניקונג, צו זינקען אין טיפן תהום פון שמוץ און זנות.

געווען איז עס דעם 27טן יולי, 1942. דריי און ניינציק "בית יעקב" לערערנס און תלמידות זיינען פארשפארט געוואָרן אין א פינצטערן צימער, וואָס נאָר וואסער איז דאָרטן געווען צום טרינקען, אזוי שרייבט איין לערערין ממש פארן טויט, און דאָס דאָזיקע הייליקע בריוול איז דורך דער שווייץ געקומען אהער. אַט איז דאָס בריוול:

> "איך וויים ניט ווען דער בריוו וועט אָנקומען צו אייך, און אויב איר געדענקט נאָך ווער איך בין. איך האָב אייך געטראָפן אויף דער קאָנפערענץ אין מאריענבאַד. ווען דער בריוו וועט אָנ־קומען צו אייך וועל איך שוין מער ניט לעבן. נאָך עטלעכע שעה און אַלץ וועט שוין זיין פאַריבער . . .
>
> "מיר האָבן דאָ געהאַט פיר צימערן. מיר זיינען 93 מיידלעך אין עלטער פון 14 ביז 22 יאָר. מיר זיינען אַלע "בית יעקב" לע־רערינס. דעם 27טן יולי זיינען געקומען די געשטאַפּאָ־אַגענטן און אונדז ארויסגענומען פון אונדזער וואוינונג און אונדז אריינגע־וואָרפן אין א פינצטער צימער. מיר האָבן נאָר וואסער צום טרינקען. די יונגע מיידלעך האָבן זייער מורא, אָבער איך טרייסט זיי, אַז מיר וועלן באַלד זען און אויפגענומען ווערן פון אונדזער מוטער שרה (שרה שענירער איז געווען די גרינדערין פון דער "בית יעקב"

באוועגונג און איז שוין ניטאָ אכט יאָר). נעכטן האָט מען אונדז ארויסגענומען פונם פינצטערן צימער. מען האָט אונדז ארומגע־וואשן, אלץ פון אונדז צוגענומען און אונדז געלאָזט אין בלויזן העמד. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אז היינט וועלן קומען די דייטשע סאָלדאטן אונדז באזוכן . . . מיר האָבן באלד אלע זיך געגעבן א שבועה צוזאמען צו שטארבן. די דייטשן ווייסן ניט, אז די באָד, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן איז געווען א טבילה פארן טויט . . . מיר האָבן אלע אָנגעגרייט גיפט, אז ווי די סאָלדאטן וועלן קומען טרינקען מיר אלע דאָס אָנגעגרייטע גיפט. היינט א גאנצן טאָג זיינען מיר אלע צוזאמען און זאָגן וידוי. מיר האָבן גאָרניט קיין מורא. מיר האָבן צו אייך איין בקשה — זאָגט קדיש נאָך דריי און ניינציק אידישע קינדער . . . מיר וועלן באלד זיין מיט דער מאמע שרה . . .

חיה פעלדמאַן, פון קראָקע".

אָט אזוי לייענט זיך די שוידערלעכע מגילה פון אן איידעלער, שטאָל־צער, באוואוסטזיניקער, אידישער טאָכטער — איינע פון יענער גרופּע וואָס שפּרינגט אין די אָרעמס פון טויט. צוזאמען, בצבור, דריי־און־ניינציק אין דער צאָל, האָבן זיי מקדש השם געווען ברבים . . .

גרויסער גאָט פון ישראל, ווי שטארק זיינען דיינע לעגיאָנערן! ווי איבערגעבן זיינען זיי צו דיין הייליקער תורה און מצוות! וועסטו פארשווייגן די יונגע לעבנס פון אָט דער הייליקער גרופּע פּיאָנערן? וועסטו זיך ניט נוקם זיין אין די ווילדע בעסטיעס, וועלכע פארצוקן טאָג־איין, טאָג־אויס, דיינע הייליקע שעפעלעך?

"מיר האָבן צו אייך איין בקשה: זאָגט קדיש נאָך 93 אידישע קינדער. מיר וועלן באלד זיין מיט דער מוטער שרה" . . . וויפל גלויבן, וויפל בטחון, וויפל זיכערקייט, וויפל שטאָלץ וויפל קדושה און טהרה און וויפל גבורה ליגט אין אָט די לעצטע ווערטער פון חיה פעלדמאַן, די פירערין פון דער קידוש־השם גרופּע?

אָט שטייען זיי, די שטאָלצע אידישע טעכטער מיטן סם אין דער האנט, און זייערע אויערן זיינען אָנגעשפּיצט צום אריינגאנג פונם צימער — קומען זיי שוין, די פארשאָלטענע ממזרים? הערן מיר עפּעס א שפּאַטיש געלעכטער פון די בעלי־תאוות ? . . אָט הערן מיר דאָס קלאַפּעריי פון די באנאַגלטע שטיוול. אָט גייען זיי . . . די פירערין נעמט אלע צוזאמען און רעדט צו זיי: "אידישע טעכטער! קינדער פון שרה, רבקה, רחל און לאה! לאָמיר בצבור מקדש־השם זיין; לאָמיר הייליקן דעם נאָמען פון אונדזער באשעפער; לאָמיר זיך מקריב זיין אויף זיין מזבח — איטלעכע פון אונדז איז דאָך אן עולה תמימה; לאָמיר מאכן די לעצטע ברכה:

ברוך אתה ה׳ אלקינו מלך העולם שהכל נהי׳ בדברו . . .

אין עטלעכע סעקונדן שפּעטער האָט זיך ארויסגעריסן אין דרויסן ארויס א מעכטיקע שטימע:

שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד . . .

— —

לאמיר דערפילן דעם לעצטן וואונטש פון יענע הייליקע אידישע טעכ־טער, וועלכע זיינען אויפגעגאנגען מיט געזאנג אויף זייער ליפן צום בית־דין של מעלה, כדי זיך צו ווארפן פארן געטלעכן טראָן, פארן כסא הכבוד, צו שרייען און בעטן, שטורעמען די פמליא של מעלה אויף דעם אומגליק, וואס האט געטראָפן די קינדער פון ישראל.

לאמיר דערפילן זייער הייליקן וואונטש, לאמיר אלע אינייגעם זאָגן:

יתגדל ויתקדש שמה רבא . . .

ד

דאָס אידנטום געהילט אין טיפן טרויער

דאָס גאנצע אידנטום האָט זיך סאָלידאריזירט מיטן רוף פונם ארץ־ישראלדיקן ראבינאט און האָט גענומען אויף זיך צו פאסטן און תפלה־טאָן אויפן גרויסן אומגליק וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק. אַן אומגליק, וועל־כער האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער אידישער מאַרטירער געשיכטע; אַ חורבן וואָס איז פיל גרעסער און שרעקלעכער ווי אלע חורבנות, שחיטות און הריגות, וואָס האָבן געטראָפן גאָטס פאָלק אויף זיין לאנגן גלות־וועג.

אין דעם דאָזיקן טרויער־טאָג, אין דעם ערשטן יאָרצייט נאָך כמעט אַ דריטל פון אידישן פאָלק, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, דאַרפן אידן אוועקוואַרפן אַלע זייערע פארוויילונגען, שפילערייען און "גוד־טיים" פאַרטרייב. קיין פּריוואַטע באַזוכן ביי פריינט און באַקאַנטע, אַ תשעה־באָב שטימונג פון טיפן ערנסט דאַרף אַרומנעמען איטלעכן אידן, סיי מאַן און סיי פרוי, סיי יונגנט און סיי אַלט — ווייל גרויס איז דאָס אומגליק און שווידערלעך איז דער בראָך, ווען פאַר אונדזערע אויגן ווערט אַצינד פאַנאַנדערגעוויקלט די נייע מגילת־איכה פונם חורבן פון אידישן פאָלק, אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, ווען "ציוויליזאַציע" האָט זיך אין אַזאַ ריזיקן פאַרנעם פאַנאַנדער־געבליט און צעוואַקסן.

ווי פילט איר, ברידער און שוועסטער, אינם ערשטן יאָרצייט נאָך אייער טאַטע־מאַמע? אין וואָס פאַר אַ געבראָכענער שטימונג זיינען עלטערן אינם טאָג פון ערשטן יאָרצייט נאָך זייער טייער קינד, ווי פילן בכלל מענטשן אינם געדענק טאָג, ווען בלוט און פלייש, זייער האַרץ און נשמה, פון די נאָר נאָענטסטע קרובים ליגן אינם נאַסן, פינצטערן קבר?

אַט אַזוי, צען מאָל מער, הונדערט מאָל מער, טויזנט מאָל מער, דאַרף פילן איטלעכער איד אין ווען עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס פינטעלע איד, און איטלעכער מענטש אין וועמען עס איז נאָך ניט אויסגע־טריקנט געוואָרן דער לעצטער טראָפּן פון איידלקייט און געוויסן; אַט אַזוי דאַרף מען פילן אינם ערשטן יאָרצייט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון דער רעליגיעזער אויטאָריטעט פון דער גאַרער וועלט, אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און ריכטונג.

אז אויפברויז פון דער אידישער נשמה, א שטארקער שטורעם פונם אידיש־פילנדיקן הארצן, א שטראם פון טרערן פון דער טיפעניש פונם אידישן געוויסן דארפן באגיסן דאס אידישע פנים. טיף געבויגן איבער מיליאנען אַ־דישע קברים פון אומשולדיקע קדושים, וואס זיינען אומגעקומען דורך פאר־שיידענע מיתות־משונות, פון הונגער און דארשט, פון מוראדיקע יסורים, וואו קינדער האבן געמוזט גראבן קברים פאר זייערע לעבעדיקע עלטערן, און זויגנדיקע עופהלעך זיינען אוועקגעריסן געווארן פון זייער מוטערס ברוסט און צעשמעטערט געווארן צום טויט פאר זייערע אויגן.

צו ארעם איז מיין שפראך און צו מאגער איז מיין פען איך זאל קאנען שילדערן דאס אומגליק פון מיין פאלק.

”פון טרערן גייען אוים מיינע אויגן, מיינע געדערים ווערן צעברענט, מיין לעבער פארגאסן צו דער ערד, אויף דעם בראך פון מיין פאלק; ווי קליי־נע קינדער און זויגנדיקע ווערן פארחלשט אין די גאסן פון שטאט, זיי בעטן ביי זייערע מוטערס, וואו איז ברויט און וויין? ווי פארחלשטע, דערשלאגן אין די גאסן פון שטאט, ווען זייער חיות גיסט זיך אוים אויף דער ברוסט פון זייערע מוטערס״. (איכה, ב׳).

די גאנצע קינה פון מגילת־איכה קאן נית פארגליכן ווערן צום היינטיקן אומגליק, ווייל שוידערלעכער און גרויזאמער איז דער היינטיקער חורבן, און גרעסער איז דער היינטיקער ווייטיק.

ווי גרוים און איינדרוקספול דארף שוין דעריבער זיין דער היינטיקער נאציאנאלער, ערשטער יארצייט? וועסטו, איד, וואגן צו זיצן אין דער היים? וועסטו, אידישע פרוי, גיין באזוכן דיינע פריינט? סתם אזוי זיך, כאפן א ”גוד טיים״? גיין אין א ”שאו״, אין א טעאטער?

ניין, איר וועט עס נית טאן! איר קאנט עס נית טאן, ווייל היינט, ערב ראש חודש ניסן, איז דער ערשטער יארצייט נאך אייער בלוט און פלייש, נאך אייערע נאענטע קרובים, ברידער און שוועסטער, וואס זיינען אומגעקומען פון די ”טרעגער פון דער אייראפייאישער ציוויליזאציע״.

געהילט אין שווארצן, אין טיפן טרויער, דארפט איר אלע באזוכן איי־ערע שולן און בתי־מדרשים זיך משתתף זיין, באטייליקן זיך אין די טרויער־תפלות נאך יענע קדושים וטהורים, וואס זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם; קיינער טאר נית פעלן. אייערע זין און טעכטער, גרוים און קליין, אלט און יונג, דארפן קומען צום גרויסן יזכור־טאג, נאך א פערטל פון אונדזער פאלק.

דער הייליקער ”חדושי הרים״ ז״ל פלעגט זאגן: איך פארשטיי נית צו וואס די חכמים האבן געדארפט אנזאגן, אז מען זאל תשעה־באב פאסטן? ווייל ווי קאן דען א איד זיך נעמען צום עסן, ווען ער דערמאנט זיך אין אזא חורבן? צי דארף מען וועקן און מעורר זיין אידן זיי זאלן אויף זיך מקבל זיין דעם תענית? צי דארף מען אגיטירן קינדער פון אונדזער פאלק זיי זאלן נית עסן און נית טרינקען אינם טאג פון טרויער? ווי אזוי וועט זיך דען א איד קאנען אוועקזעצן עסן אדער טרינקען אינם ביטערן טאג, ווען אלע אידן אין

דער גאַנצער וועלט עסן היינט ניט און טרינקען ניט, ווייל זיי זיינען אין טיפן טרויער נאָך דער שוידערלעכער פאַרטיליקונג פונם גרעסטן טייל פון אונדזערע ברידער און שוועסטער? וועט אימעצער דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט און ניט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אייערע קינדער?

דערקלערט זיי, לערנט זיי, זאָגט זיי: קינדער, היינט פאַסטן מיר, היינט טרויערן מיר. איר זייט נאָך קליין, איר פילט נאָך היינט ניט אַזוי שטאַרק דעם פאָלקס־טרויער. ווען איר וועט געזונטערהייט, מיט גאָטס הילף, אויפוואַקסן, וועט איר לייענען די אַלטע און נייע אידישע מאַרטירער־געשיכטע, די געשיכטע פון קידוש־השם, ווי רשעים האָבן אין אַזאַ קורצן פעריאָד פאַרטיליקט אַ פערטל פונם אידישן פאָלק.

אידישע קינדער זיינען הייליק, זייער האַרץ איז פילבאַר. זיי וועלן אַליין פאַרשטיין, ווען איר וועט נאָר ציען זייער אויפמערקזאַמקייט. זייערע טרערן זיינען לויטער ווי דער קוואַל, זיי וועלן וויינען אויפן בראָך פון אידישן פאָלק.

וועט איר אַזאַ געלעגנהייט דורכלאָזן? איך גלויב ניט, אַז אידן זיינען שוין אַזוי פאַרשטיינערט און טעמפּ. אינם טאָג ווען דאָס גאַנצע אידנטום איז געהילט אין טרויער — וויינט, בעט און פאַסט, דערוועקט זיך צו תשובה און מעשים טובים. אין דעם טאָג וועט איר זיך אויסשליסן און ניט קומען אין שול אַריין, אויסגיסן אייער האַרץ פאַרן גאָט פון אונדזערע אָבות? . .

* * * * *

ה

צי וועלן מיר מיטן פאַסטן און טרויערן העלפן די אומגעקומענע?

ערשטנס ווייס איך ניט צי יענע קדושים דאַרפן גאָר אונדזער הילף . . . ווייל איטלעכער איד, וואָס איז אומגעקומען דורך רשעים, נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ איד, דעם האָט דאָס פאָלק שוין לאַנג פאַרהייליקט און אים געקרוינט מיטן נאָמען קדוש.

דער וועלט־תענית און די טרויער־תפלות זיינען באַשטימט פאַר די לעבן־פאַרבליבענע, פאַר די זאַטע און רואיקע, פאַר די טיילווייז פאַרשטיינערטע און קאַלטע, פאַר די וואָס האָבן דעם גאַנצן חורבן אָפּגעפּטרט מיט אַ קרעכץ; דער וועלט־תענית און טרויער־תפלות ווילן אויפשטורעמען די אידישע הערצער. זיי וועקן צו תשובה און מעשים טובים, צו העלפן אויפבויען דעם שארית הפליטה, צו פאַרזעצן אַצינד יענעם קוואַל פון אידישע ווערטן, וועלכער איז דורך רשעים און קאַניבאַלן פאַרשטאָפּט געוואָרן, אויפבויען יענע אידישע טראַדיציאָנעלע און מאָדערנע קולטור־אוצרות, וואָס זיינען חרוב געוואָרן.

אָט דאָס באַצוועקט דער וועלט־תענית! תשובה־טאָן, אומקערן זיך צום אידישן קוואַל, צו אידישער תורה און מצוות, צו אַלץ וואָס איז אידיש, און העלפן ראַטעווען די לעבן־פאַרבליבענע פון דער וועלט־שרפה . . . אונדזער פּראָגראַם איז גאָר ניט קיין נייער. עס שטייט בפירוש אין דער משנה:

סדר תעניות כיצד? (תענית, פרק ב׳)

ווי אזוי פירט מען דורך א תענית־צבור? דער עלטסטער און פירער ביי אידן זאגט מוסר־רייד, שטראף־רייד. ער דערוועקט דעם עולם און מאכט אים קלאר, אז דאס פאסטן איז נאר א מיטל ווייד צו מאכן דאס אידישע הארץ, אבער ניט א ציל פאר זיך אליין. דער עיקר זיינען די מעשים־טובים נאכן תענית...

דער זקן האט געזאגט צו די אידן אזוי: ברידער, ביי די איינוואוינער פון נינוה (יונה, ג׳), שטייט ניט אין פסוק, אז גאט האט געזען זייערע תעניתים און זייערע זעק, וואס זיי האבן ארומגעבונדן אויף זייער לייב, נאר:

וירא אלקים את מעשיהם, כי שבו מדרכם הרעה...

"גאט האט געזען זייערע גוטע מעשים, ווי זיי האבן זיך אומגעקערט פון זייערע שלעכטע נייגונגען"...

אזוי האט אויך געזאגט יואל הנביא:

קרעו לבבכם ואל בגדיכם...

"צו וואס צערייסט איר אייערע קליידער? צערייסט בעסער אייערע הערצער"!..

אט דאס איז דער זין פונם תענית. ער דארף העלפן די לעבן פארבלי־בענע ווייד מאכן די הערצער צו געדענקען אין דעם שארית הפליטה... ערב ראש־חודש ניסן איז א וועלט־תענית, א גרויסער טרויער־טאג. קומט אלע אין די שולן און בתי־מדרשים. פארבלייבט ניט אין דער היים.

דער רמב"ם פסקנט:

ומדברי סופרים להתענות על כל צרה שתבוא על הצבור עד שירוחמו מן השמים. (הלכות תעניות פ"א, ה"ד).

עס איז א מצוה פון די חכמים צו פאסטן אויף איטלעכער צרה, וואס באפאלט דעם צבור, ביז גאט וועט זיך אויף אים מרחם זיין. לאמיר דורכפירן דעם טרויער־טאג מיט געפיל, מיט ערנסט. גאט וועט זיך מרחם זיין אויף זיין געפלאגט פאלק.

(ערב ר"ח ניסן, תש"ה).

תשעה-באָב

א

די אלט־נייע קינה — איכה

עס ציטערט די פען אין מיין האנט . . . עס זידט און קאָכט אין מיר מיין בלוט — זיצנדיק ביי מיין שרייב־טיש, אָנהויבנדיק שרייבן וועגן דער אלט־נייער, קלאָגנדיקער קינה — "איכה". . .

פונוואַנען אָנהויבן שרייבן? פון חורבן ירושלים? שילדערן ווי דער שונא באַלאַגערט די מויערן פון דער הייליקער שטאָט, זייער הונגער און דורשט, זייער צער און פּיין צוזעענדיק ווי די פייער־צינגען פאַרצערן דאָס בית־המקדש און כהנים, יונגע און אַלטע, שפּרינגען אין די אָרעמס פון די פלאַמען?

אָדער אפשר גאָר שילדערן די טויט־שטילקייט פון די געפאַנגענע וואָס זיינען, געשמידט אין קייטן, גרופּנווייז געפירט געוואָרן קיין בבל, אָן כח און אָן מוט, אָן האָפענונג און פול מיט פאַרצווייפלונג?

וילכו בלא כח לפני רודף . . . (איכה, א־ו).

טויט־שטיל זיינען זיי געווען, ווייל זיי האָבן ניט געטאָרט פּראָטעסטירן. זיי האָבן אַלץ געמוזט אָננעמען פאַר גוט און ליב. און אַזוי האָבן זיי זיך גע־שלעפּט אויף די זאַמדיקע מדבר־וועגן פון ירושלים ביז די טייכן פון בבל, און ווען ניט דאָס קלינגעריי פון די אייזערנע רינגען אַרום זייערע אָרעמס, וואָלט זיך געדאַכט, אַז אַ גוססדיקע מאַסע באַוועגט זיך קוים אונטער דער גליענ־דיקער זון פון מזרח . . .

אָדער אפשר גאָר שרייבן וועגן די הונגעריקע און געשוואָלענע זויג־לינגען און פּיצעלעך עופהלעך, וועלכע זיינען אָפּגעקאָכט געוואָרן פון זייערע מאַמעס און אויפגעגעסן געוואָרן ? . .

אם תאכלנה נשים פרים, עוללי טפוחים . . . (איכה, ב׳ כ׳).

אָדער אפשר גאָר שרייבן פון די אדל־לייט, וועלכע פלעגן עסן צו דער זאַט פון אַלע מעדנים, און אין דער צייט פונם חורבן האָבן זיי זיך צעטומלטע אַרומגעשלעפּט אין די גאַסן . . . און די וועלכע פלעגן זיך קליידן אין זיידנצייג, וואַלגערן זיך אין מיסט־קאַסטנס.

האוכלים למעדנים נשמו בחוצות; האמונים עלי תולע חבקו אשפותות . . . (איכה, ד׳, ה׳).

אפשר דערמאָנען דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה, די לעצטע, פאַרלאָשענע, ברענענדיקע־קויל; דעם חורבן מיט זיין שווידערלעכן אויסזען, ווען אַ פאָלק ווערט צעטראָטן, צו שאַנד און צו שפּאָט, און די קרוין־

שטאָט ווערט פאַרוואַנדלט אין חורבות און אין אַש; די וואונדערלעכע, די שענסטע שטאָט ווערט ווי אַ פאַרווייַנטע אלמנה; די שטאָט פון טומל און פרייד, פון פראַכט און צויבער, איז וויסט און לער, פאַרחושכט און פאַר־פינצטערט?

ויצא מן בת־ציון כל הדרה . . . (איכה, א׳ ו׳).

איר וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס זיינען אַלטע צרות, אַלטע חורבנות. יענע בלוטן זיינען שוין לאַנג פאַרטריקנט, די ערד האָט זיי שוין לאַנג איינ־געזאַפּט. נייע צייטן, נייע תקופות, נייע מענטשן, נייע אידייען, נייע שטרע־בונגען, נייע פאַרלאַנגען . . .

יאָ, אַזוי האָבן טאַקע געזאָגט די "קלוגע" משכילים, די פּאַטערס פון די טויזנטער משומדים, וועלכע וואָלגערן זיך איצט צוזאַמען מיט אחינו בני ישראל אין די געטאָס, און די גייסטיקע פאַרגענגער פון די היינטיקע גאַנצע און האַלבע רעפאַרמער, וועלכע זיינען שעדלעכער פאַרן אידנטום ווי די ראַסן־אידייען, וועלכע שטימען פון נירנבערג און זיינען געחתמעט געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט פון בייערן . . .

שוין פאַרביי זיינען יענע תקופות, פאַרשוואונדן זיינען יענע עפּאָכעס פון חורבן בית־ראשון . . . צוויי־טויזנט דריי־הונדערט זיבן־און־פערציק יאָר; פון חורבן בית־שני — אכצן־הונדערט דריי־און־זיבעציק יאָר; פון גלות־צרפת, פון גלות־אשכנז, פון דאָ און פון דאָרט — אַלץ שוין פאַרגאַנגענע, אַלטע געשיכטעס . . . פון גזרת ת"ח ות"ט, פון פּאָגראָמען, פון רציחות, פון רויבערייען — דאָס אַלץ געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

היינט דאַרף מען מער ניט קלאָגן, אַזוי האָבן געלערנט, געפּריידיקט און געקנעלט די אָפּגעשטאַנענע, אסימילירטע יאהודים פון פּאַריז, בערלין, ברעסלוי, לאָנדאָן, אַמסטערדאַם, ניו־יאָרק, סינסינעטי, שיקאַגאָ און שפּעטער האָבן עס אונטערגעכאַפּט, ממש אַרויסגעריסן פון זיי, די נאַציאָנאַלע לאַגערן מכל המינים. אַנשטאָט קינות — אַ ניי חלוציש לידל; אַנשטאָט פאַסטן — נאַציאָנאַלע טענץ. זאָלן זיי דאָרט זיצן און קלאָגן, די אַלטע "בטלנים", ביים כותל מערבי . . . נייע אידייען, נייע וועלטן, נייע שטרעבונגען און נייע חלומות . . . די וועלט גייט פאָרויס . . . די ציוויליזאַציע האָט געזיגט ! . .

עס ציטערט די האַנט . . . עס קאָכט דאָס בלוט . . .

איכה ישבה בדד העיר . . .

פון וואַנען זאָל איך אָנהויבן שרייבן? אויפוויקלען די אַלטע מגילת־איכה, מיט די קאַפּיטלעך פון דער טרויעריקער קינה? אָדער שרייבן וועגן די מגפות און עפּידעמיעס פון דער וואַרשעווער געטאָ, וואו טויזנטער שטאַרבן איטלעכע וואָך פון הונגער און נויט, און ווערן אין פּאַפּירענע תכריכים באַגראָבן אין מאַסן־קברים?

פון די צענדליקער־טויזנטער אידן, וועלכע פאלן ממש ווי פליגן פון די נאצישע הענקער; ווי זיי ווערן ממש געקוילעט אין ווילנע און אין קאָוונע, אין הרובישעוו און אין די רוסישע, פון די נאצים אָקופּירטע, שטעט?

פון וואנעט הויבט מען אָן שרייבן ? . .

אפשר פון די ברעגן פון דער ווייסל, ווארטא, פּרוט, וויעפּש, ניעמאן, דניעפּר, דאָן און דונאי? אָדער אפשר גאָר פון די ברעגן פון רהיין, עלבע, מיין און אָדער? וועלכע טייכן האָבן מער זיך אָנגעטרונקען מיט אידיש בלוט, די אויבנדערמאָנטע, אָדער די טייכן פון בבל ? . .

זיבן יאָר, דערציילט אונדז די גמרא (גיטין, נ״ז), האָבן די עובדי כוכבים פון ביתר געשניטן זייערע וויין־גערטנער פונם אידישן בלוט, וועלכעס האָט באַקרעפטיקט זייערע פעלדער אָנשטאָט מיסט . . .

רבונו של עולם! וויפל בלוט, וויפל צעריסענע קערפּערס, וויפל מחות, דערשאָסענע, פארפוילטע, צעריבענע, געפּאלענע, געשוואָלענע פון הונגער און קעלט, פון דארשט און פון פיבער, האָבן טויזנטר מיילן פעלדער פארדעקט?

צי וועלן די היינטיקע (לייען הינטיקע) עובדי כוכבים אויך שניידן זייערע וויין־גערטנער און זיך אָנטרינקען מיטן ווייַן, וועלכער וועט זיין געמישט ניט מיט וואסער, נאָר מיט בלוט פון אומשולדיקע הילפלאָזע מענער און פרויען, קינדער און זקנים, קראנקע און שוואכע?

וואו געפינט זיך דער מקונן, דער פאָלקס־דיכטער, וואָס זאָל זיין דורכ־געדרונגען מיטן חורבן פון די לעצטע דריי יאָר? וואו געפינט זיך דער כח, וואָס זאָל אויפטרייסלען דאָס געוויסן ראשית כל פונם איד ? . .

עס טומלט זיך אין דער אידישער פּרעסע מכח פּראָטעסטן פון פּרע־זידענטן און מלוכות. מען וויל זיי באאיינפלוסן, זיי זאָלן לאָזן הערן א פּראָ־טעסט שטימע . . .

ווי נאאיוו עס זיינען די ״וואָרט־פירער״, די אָבערגלויביקע שרייבער, וועלכע ווילן האָבן דוקא גוים זאָלן פּראָטעסטירן. מען ווענדעט זיך צו אויסערלעכע פאקטאָרן — און דעם אידן לאָזן זיי אָפּ . . .

גויים דארפן פּראָטעסטירן! און וואו זיינען די אידן? וואו פארזאמלען זיך די גרויסע פאָלקס־מאסן פון אונדזערע ברידער? וואו דריקן זיי אויס זייער צער און צאָרן? וואו לאָזן זיי הערן זייער פּראָטעסט שטימע?

צי וויסן אפילו אונדזערע קינדער וועגן דעם איצטיקן חורבן?

ניין, זיי וויסן פון גאָרניט. קיין אידיש וואָרט לייענען זיי ניט; די ענגלישע צייטונגען דערציילן פון גאָרניט, און אפילו די וואָס דערציילן יאָ צו ביסלעך, וואָס פאר אן אויסגעוועפּטקייט, מיט וואָס פאר א קאַלטקייט?

וואו זיינען די גרויסע אידישע פאָלקס־אָרגאניזאציעס, די וועלכע גלויבן אזוי זיי פארטרעטן די פאָלקס־מאסן? וואָס שווייגן זיי? וואו זיינען די פּאָליטישע פירער? זיינען זיי ווירקלעך שוין אזוי ״ביזי״, אז זיי פארגעסן דעם

גרויסן, איצטיקן חורבן, וואו טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער ווערן אויסגעקוילעט, דערשאָסן און געהאנגען, גאָר ניט אין דער מלחמה־זאָנע, ווייט־ווייט פונם שלאַכטפעלד?

צי דאַרף מען ניט אויפשטורעמען, און מיט אונדזער אַלטן כלי־זיין, דעם קול־קול יעקב, לאָזן הערן טאָג־איין, טאָג־אויס, אונדזער פּראָטעסט קעגן דער אויסשלאַכטונג פון שוצלאָזע מענטשן, הונדערטער מיילן ווייט פונם שלאַכטפעלד? שווייגן דאַרף מען זיכער ניט! . .

אַלטע חסידים פלעגן זאָגן זייער קלוג: ״דער אויוון וועלכער וויל יענעם אָנוואַרעמען, דאַרף ראשית כל אַליין זיין גענוג וואַרעם״. . . און אויב די אידישע מאַסן זיינען ניט אַליין גענוג וואַרעם צו האָבן אַזאַ מוט און כח צו שטורעמען און צו פּראָטעסטירן, ווי אַזוי־זשע קען מען עס פאַרלאַנגען פון אַנדערע? . .

* * * * *

ב

האַלטן מיר איצט, ערב תשעה־באָב, דער גרעסטער טרויער־טאָג אין דער אידישער געשיכטע, וועלכער האָט זיך שוין אייגנטלעך אָנגעהויבן אין דער מדבר, ווען די מרגלים האָבן אָפּגעשוואַכט דעם חשק צו גיין קיין ארץ־ישראל. דער חורבן בית ראשון און חורבן בית שני, גזרת שפּאַניע און גזרת פּאָרטוגאַל — די אַלע דאַטומס האָבן זיך אָנגעהויבן אין תשעה־באָב. אפילו די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר תרע״ד, אין תשעה־באָב, און די היינטיקע וועלט־מלחמה האָט זיך אָפיציעל אויך אָנגעהויבן אין תשעה־באָב, ווען טשעמבערלען איז צוריקגעקומען פון מינכען מיט ליידיקע (אָדער ציטערדיקע) הענט. תשעה־באָב איז אַלזאָ אַ פאָלקס־טרויער־טאָג פון דורות־לאַנג.

אויב אין די פריערדיקע יאָרן פון היינטיקן דור האָט דער תשעה־באָב געטראָגן נאָר אַ רעליגיעזן כאַראַקטער (די נאַציאָנאַלע אידן האָבן דאָך קיין קינות ניט געזאָגט, זיי האָבן דאָס איבערגעלאָזן פאַר די אָרטאָדאָקסישע אידן). היינט אָבער, ווען די צרות און די שחיטות, דער פאַרניכטונג־פּלאַן און אויס־ראָטונג־סיסטעם שטייט ממש פאַר אונדזערע אויגן, דאַרפן אַלע אידן, ממש אַלע, מענער און פרויען, אַלט און יונג, פּונקט ווי צו ״כל־נדרי״, זיך פאַרזאַמלען אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, זיך באַטייליקן און מיטקלאָגן, און לאָזן טרערן אויפן אַלטן און נייעם חורבן, וועלכער שטייגט אָן ספק אַריבער אַלע חורבנות ביז היינט. . . פון סאַמע באַגינען פון אונדזער געשיכטע עד היום הזה.

הונגער סטרייקן זיינען דאָך אויך געוואָרן אַ ניי ״כלי־זיין״ אין די הענט פון די פּאָליטישע געפאַנגענע אין די טורמעס פון אַלע לענדער . . .

נו, אפשר דארף זיך א רב בזמן הזה ניט שעמען צו אפעלירן צו אלע אידישע מאסן פון אלע ריכטונגען, פון רעכטס ביז לינקס, אז דער טראדי־ציאנעלער תשעה־באב זאל דורכגעפירט ווערן כדת וכדין, מיט זאגן קינות — אנשטאט וואסערדיקע ספיטעשעס; צו פאסטן — אנשטאט פארוויילונגען . . . פאסטן ניט אויף קאטאוועס, נאר אויף אז אמת ניט עסן און ניט טרינקען לילה ויום . . . לאמיר זיך סאלידאריזירן מיט כלל־ישראל; לאמיר זיך פאר־אייניקן מיט אונדזערע ליידנדיקע ברידער און שוועסטער בכל מקום שהם, זאל עס זיין ווי איינעם עס איז פארשטענדלעכער—פאר דעם עכט־ארטאדאקסישן אידן, "תשעה־באב"; פאר דעם נאציאנאל־רעליגיעזן מענטשן — א "נאציא־נאלער טרויער־טאג"; פאר דעם ראדיקאלן מענטשן — א "פראטעסט־טאג" פון ניט־עסן און ניט־טרינקען . . .

הצד השוה בהם . . .

אלע דארפן אנפילן אלע שולן ווי אין ראש־השנה און יום־כפור . . . קיינער טאר ניט פעלן, ווייל דער טרויער רירט אן אלע, עס איז ממש:

שבת משוש לבנו נהפך לאבל מחולנו . . . (איכה, הי ט"ו).

עס איז צעשטערט די פרייד פון אונדזער הארץ, עס איז פארוואנדלט געווארן אין טרויער אונדזערע טענץ . . . לאמיר ראשית כל אליין אויסדריקן אונדזער פראטעסט, אונדזער צער און צארן.

לאמיר אלע הויבן אונדזערע הענט צום הימל און פארלאנגען פאר אונדזערע שונאים א גיכע מפלה:

תרדף באף ותשמידם מתחת שמי ה׳ . . . (איכה גי ס"ו).

"זאלסט זיי פאריאגן מיט צארן און פארטיליקן פון אונטער גאטס הימלען" . . . און — השיבינו ה׳ אלך ונשובה, חדש ימינו כקדם . . .

"קער אונדז צו דיר, גאט, און לאמיר זיך אומקערן. באניי אונדזערע טעג ווי אמאל" . . .

ווען מיר פראטעסטירן אידישלעך, מיט אונדזער סיסטעם, דאן וועט מען פועלן, אז אויך אנדערע זאלן פאר אונדז פראטעסטירן . . .

כל מכבדיה הזילוה . . . (איכה, אי, חי).

אלע, אפילו די וועלכע פלעגן אונדז אכטן און ערן, טוען אונדז גרינ־שעצן, ווייל מיר רעספעקטירן זיך זעלבסט ניט . . . כל־זמן די ניט־אידישע וועלט הערט ניט אין אונדזער גאס יענעם אויפברויזנדיקן פראטעסט־צארן, איז בכלל נאאיוו, נאריש און טיפשותדיק צו פארלאנגען פון אנדערע, אז זיי זאלן עס טאן . . .

נעמט אנטייל אין אונדזער אלט־נייעם טרויער־טאג. פארגעסט ניט, די באדייטונג פון תשעה־באב . . .

(ערב תשעה באב, תש"ב).

ג

על בית ישראל ועל עם ה' כי נפלו בחרב

רוים און ירושלים

רוים איז געפאלן, רוים איז באזיגט . . . טראפנס פון טרייסט, טראפנס פון נקמה פארן פארצערטן, פארחושכטן, פארוואונדעטן אידן . . .

דער וועלכער האט געשפילט די ראל פון טיטוסן איז געפאנגען, זיינע הענט זיינען פאראליזירט, דאס לשון איז אפגענומען געווארן ביי אים . . . און די מאסקיטא מיטן מעטאלענעם שנאבל עגבערט אצינד זיין מח . . . באלד וועט מען אויך זיין אש צעווארפן אויף זיבן ימים . . .

דער אייביקער קאמף צווישן רוים און ירושלים: פאלט ירושלים — דערהויבט זיך רוים; פאלט רוים — דערהויבט זיך ירושלים . . .

רוים איז געפאלן! די סימנים זיינען זייער בולט. אבער זיינען אויך דא סימנים, אז ירושלים דערהויבט זיך? . . צי דערקאנט מען שוין די טריט פונם מלך המשיח? צי האלט שוין מקוים ווערן זכריהס נבואה?

גילי מאד בת־ציון, הריעי בת ירושלים, הנה מלכך יבוא לך, צדיק ונושע הוא, עני ורוכב על חמור ועל עיר בן אתונות.

(זכריי ט', ט').

„פריי זיך אויף אן אמת, טאכטער פון ירושלים. באלד וועט קומען דיין מלך צו דיר, א צדיק און א זיגער איז ער; א באשיידענער, וועלכער רייט אויף אן אייזל, א יונגער זון פון אן אייזעלין".

עד היום שטייט נאך אין רוים, דער קרוב צו ניינצן הונדערט יאר אלטער טריאומף־טויער אויפן VIA SACRA וועלכן די רוימער האבן גע־בויט לכבוד דעם זיגער פון ירושלים. אט מארשירן פארביי דעם ARCH OF TITUS — זיבן הונדערט געפאנגענע אידן מיט יוחנן פון גוש חלב און שמעון בר גיורא בראש. יהודה איז באזיגט און רוים איז גאוהדיק און שטאלץ דערהויבן . . .

היינט, נאך אכצן און א האלב הונדערט יאר שפעטער, איז דאס מלכות רומא פאליטיש צעשמעטערט און א פארשעמטע . . .

באלד וועלן ארייננמארשירן אין די גאסן פון רוים די „אייניקלעך" פון די עשרת השבטים (לויט פארשיידענע ניט־באגרינדעטע לעגענדעס און השע־רות זאלן די ענגלענדער שטאמען פון די עשרת השבטים) און די גאנצע וועלט וועט אויסשרייען: רוים איז געפאלן! . . רוים איז באזיגט! . .

ד

און ירושלים? — וואויל איז אייך, אידן, אייער שרעק גייט פארביי. עס קומט שוין דער בלוטיקער סוף. אט־אט און די מלחמה איז פארענדיקט.

איך שרעק זיך אָבער פאַרן שלום, מער ווי פאַר דער מלחמה. צו דער מלחמה זיינען מיר געווען גלייכע שותפים, אונדזערע בראַווע זין און ברידער קעמפן ווי לייבן אין אַלע שלאַכטן, זיי פליען איבער די וואָלקנס און נידערן אין די טיפע תהומות פון אַלע זיבן ימים; זיי קעמפן סיי אויף די אייראָפּייאישע פראָנטן און סיי אין די ווילדערנישן אויף די פּאַסיפישע אינדזלען; סיי אויף די שלאַכטפעלדער און סיי אין דער היים זיינען מיר, אידן, לאַנג ניט די לעצטע צו געבן בלוט און געלט, צייט און ענערגיע, צו העלפן געווינען די מלחמה — מיר טוען דערמיט קיינעם קיין טובה ניט, עס איז אונדזער פליכט, עס איז אונדזער הייליקער חוב, און ווער עס דרייט זיך ארויס און וויל דעם חוב ניט צאָלן, דער איז א גאַרניט שבגאַרניט, און איז ניט ווערט דאָס שטיקל ברויט וואָס ער עסט.

וועלן מיר, אידן, אויך זיין גלייכע שותפים נאָך דער מלחמה? וועט אויך דעם אידישן צדס שטול ניט פעלן ביי דער פרידן־קאָנפערענץ? וועט אויך דער גרויל און שוידער פון די אידישע לידן און פיין געהערט ווערן אויף דער שלום־אסיפה?

דאָס קליינע — אָבער הייליקע — ווינקעלע אויפן ברעג פונם מיטללענדישן ים, וועט עס כאָטש איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל אנערקענט ווערן בפה מלא פאַרן וואַנדערנדיקן אידן?

אַלע האָבן מיר געהאָלפן צו דער מפּלה פון רוים, וועט מען אונדז כאָטש העלפן אויפבויען ירושלים?

העלפן ? . . אפשר וואָלטן מיר שוין מוחל געווען זייער הילף, נאָר זאָלן זיי כאָטש ניט שטערן . . . יאָ, כאָטש ניט שטערן ! . . דאָס איז א פרומע תפילה, א הייס געבעט צו דער השגחה העליונה . . .

עפּעס שרעקט מיר מיין הארץ, הלואי זאָל איך פאַרשריען ווערן אלס בעל־פּחדן און ארויסווייזן זאָל זיך עס פאַרקערט . . .

איר זייט באַזאָרגט איבער דער ברוטאַליטעט פון די ברוטאַלע? איבער דער רשעות פון די רשעים? און מיין הארץ שרעקט זיך פאַר די רחמנות און יושר געפילן פון די שפּעטערדיקע מחלקים! פאַר די וועלכע וועלן צעטיילן די ערד און איטלעכן דערלאַנגען זיין המוציא . . . און דעם וואַנדערנדיקן אידן זאָל מען אמאָל ניט ווייטער "דערלויבן" צוזאַמענצוקלייבן די קרישקעלעך פון איטלעכנס המוציא . . . גלות — מיט יושר . . . מפוזר ומפורד — נאָר מיט איינזען . . . מיט רעכט, מיט אנערקענונג, אָבער פאָרט — גלות . . .

צי וועט זיך ניט אמאָל דער איד ווייטער קאָרטשען אין דביקות, און פאַרגיין אין תפלה, און באַוויינען זיין ווירקלעכקייט.

אזכרה אלקים והמי' בראותי כל עיר על תלה בנוי' ועיר האלקים מושפלת עד שאול תחתי' ? . .

"ווען איך דערמאָן זיך גאָט, פאַרגיי איך אין געוויין, זעענדיק ווי איטלעכע שטאָט איז פּראַכטפול פאַרבויט, און גאָטס שטאָט דערנידערט ביז צו דער ערד".

און ווי עס איז עס געווען נאָך דער ערשטער וועלט־חלוקה? עס זיינען אויפגעשטאַנען תחית־המתים אַזעלכע פעלקערלעך ווי אַלבאַניע, ליטע, לעט־לאַנד, פינלאַנד, וואָס אַלע צוזאַמען ציילן זיי ניט אַזויפיל ווי אידן, און דאָך האָט מען אָן אַלעמען געדענקט, נאָר דעם אידן האָט מען אָפּגעפּטרט מיט אַ דעקלאַראַציע אין וועלכער מען פּלפּולט אַרויס, און מען האַלט זי אין איין אויסטייטשן . . .

אפילו די איידעלסטע, די בעסטע, האָבן אונדז ניט אינזינען געהאַט מיט מוט און מיט ווירדע צו פאַרטיידיקן.

כל מכבדי' הזילוה . . . (איכה, א׳ ח׳).

קראתי למאהבי — המה רמוני . . . (דאָרט, י״ט).

"אַלע אירע פאַרערער האָבן זי גרינגגעשעצט. ווען איך האָב אפילו מיינע ליבהאָבער גערופן, האָבן זיי מיך אויך פאַרראַטן" . . .

ה

סימנים פון גאולה

פאַרלאָזט מען זיך אינגאַנצן אויפן חסד פון פרעמדע, מאַכט מען אָפּ־הענגיק די אידישע גאולה נאָר אויף טובות פון די אומות־העולם, דאַן פירט עס צו דער העכסטער מדרגה פון יאוש . . . טוט מען אָנפאַרטרויען דעם גורל פון דער כנסת ישראל צו "פּאָליטישאַנס", אפילו צו נאָבעלע, אפילו צו די ערשט־ראַנגיקע און אפילו צו די פירער פון גרויסע מלוכות — דאַן קאָן מען צו קיין אַנדערע מסקנות, ווי פּעסימיסטישע, ניט קומען.

איר ווילט ראיות, באַווייזן, איר גלויבט מיר ניט אויפן וואָרט?

זייט־זשע מוחל, דערמאָנט זיך די טרויעריקע "שטרומא"־געשיכטע. הישמע כזאת? ווען אַלע מלחמה־פירנדיקע פעלקער נעמען אַריין מיט טריאומף געפאַנגענע געווען ביטערע שונאים, וואָס האָבן נעכטן געשפּיגן מיט פייער, פאַרניכטעט שטעט און דערפער, אַרונטערגעשאָסן עראָפּלאַנען, חרוב ומחרב געמאַכט גאַנצע ישובים — היינט גיט מען זיי עסן און טרינקען, זאָל זיין אַלס געפאַנגענע; מען דערנערט זיי און מען שפּייזט זיי . . . און אומגליקלעכע פּלי־טים, וועלכע שוועבן צווישן הימל און וואַסער, און קלאַפּן אָפּ די ברעגן פון פלאָרידאַ, פון טערקיי און פון אַנדערע לענדער, לאָזט מען ניט אַריין . . . פאַרוואָס? ווייל —

כל רעיה בגדו בה . . . (איכה, א׳ ב׳).

עס קומען אום צענדליקער טויזנטער אידן אין אייראָפּייאישן גיהנום — נאָך אַלע קאָנפערענצן און אסיפות, נאָך אַלע מיטליידיקע געפילן און גוטע ווערטער פון גרויסע און קליינע, פון אמתע און פאַלשע פריינט. וואָס פאַר אַ ממשותדיקע זאַך איז אויפגעטאָן געוואָרן?

על בית ישראל ועל עם ה׳ כי נפלו בחרב? . .

ו

ביי די טויערן פון רוים זיצט ער, דער מלך המשיח (זע סנהדרין, צ״ח; אויך אין חסרונות הש״ס צום זעלבן דף). ער זיצט דארטן צווישן ארעמע און קראנקע, צווישן אונטערדריקטע און פארפייניקטע; ער זיצט דארטן אוןווארט אויף א סיגנאל פון דער השגחה. עס ווארטן ביידע — סיי די השגחה און סיי משיח.

אויף וואס ווארטן זיי? אפשר איז נאך ניט גענוג פינצטער? אפשר האבן אידן נאך ווייניק געליטן? אפשר וויל עס זיינען נאך פארבליבן פונם שארית הפליטה א קליינינקע צאל? אפשר זיינען נאך די חבלי המשיח ניט אין פולער מאס?

את איז דאך רוים געפאלן! .. פארוואס דערהויבט זיך נאך אלץ ניט ירושלים? ..

* * * * *

ז

עס פאלן די טויערן פון רוים, עס קראכן די פאלאצן פון די באזיגער פון יהודה, עס בריאזגען די שויבן פון די מוזעאומס און אלטערטימלעכע זאמל־פלעצער, דארטן וואו די אידישע אוצרות זיינען דא. די סימנים פון דער גאולה באווייזן זיך . . .

דאס גאנצע אידישע פאלק איז פארקערפערט אינם אלטן, גרייז־גרויען רבי יהושע בן לוי, וועלכער שטייט געבויגן פארן מלך המשיח און פרעגט אים מיט הכנעה און געבעט:

לאימת אתי מר? ..

ווען וועט־זשע פארט מיין הער קומען? ..

און פון מיטן טומל און קראכעריי פון דער חרוב געווארענער רוים, דערהערט זיך זיין שטים. עס רעדט די השגחה ארוים פון מלך המשיחס מויל:

היום — היינט בין איך גרייט צו קומען אייך אויסלייזן; היינט זעץ איך זיך אויף מיין אייזל און הויב אן צוזאמענצונעמען די נדחי ישראל; היינט, ממש היינט —

היום אם בקולי תשמעו! . . .

היינט, ווען איר וועט נאר צו מיין שטים זיך צוהערן . . .

(תשעה־באב תש״ג).

ח

זאָלסט זיך ניט פרייען ישראל מיט דער שמחה פון פעלקער

אַט האַלטן מיר שוין אין מיטן פונם בלוטיקן סוף; אַט דערנענטערט זיך שוין די ענדע פון דער מלחמה. די נאַציזשע בעסטיע איז שוין טיף־פאַרוואונדעט, די פאַראייניקטע פעלקער האָבן שוין אַרומגענומען מיט שטריק דעם היטלעריסטישן, חזירישן האַלדז; אַט ציען זיי און ציען די דאָזיקע שטריק און אַלץ ענגער ווערט פאַרן "הערן פאָלק"; אַט הויבט אים אָן שטיקן, באַלד וועט ער אַרויסשטעקן זיין טריפהנע צונג ביזן נאָפּל און זיין "לעבנס־ראום" וועט אַנשטאָט אויסגעברייטערט — איינגעשרומפּן ווערן ביז אַ מינימום.

צערונען זיינען געוואָרן זייערע זיסע האָפענונגען, זייער דראַנג צום "אָסטן האָט באַגראָבן מיליאָנען פון זייערע בלינדע טרופּן אין די אָסט־טערי־טאָריעס. אַנשטאָט ווייץ פון דער פעטער אוקראַינער ערד, האָבן זיי באַקומען מאַסן־קברים. דאָרטן, און אויך אין אַלע אַנדערע מזרח־געגנטן, זיינען פאַרבליבן אויף אייביק מאַסן, גרויסע מאַסן פון פּרייסישע יונקערס און בייערישע רוצחים, זאַקסישע סאַדיסטן און בלוט־דורשטיקע ריינלענדער.

עס ווייזט אויס, אַז היטלערס הכטחה איז טיילווייז "מקוים" געוואָרן — ער האָט "באַזעצט" אויף אייביק אַ גרויסן טייל פון זיין פאָלק אין די מזרח־געגנטן . . . עס איז "גרוימער" געוואָרן אויך אין "הייליקן", דרויטן רייך, מער לעבנס־ראום — ווייל קיינמאָל וועלן זיך מער ניט אומקערן יענע צום טויט־דערשלאָגענע סאָלדאַטן. אויף אייביק, אויף אייביק וועלן זיי פאַרבלייבן אין דעם פון לאַנג־אויסגעטרוימטן אָסטן . . .

* * * * *

ט

די וועלט וועט באַלד אָנהויבן יובלען. פאַרשקלאַפטע פעלקער וועלן אַט־אַט באַלד באַפרייט ווערן. מיליאָנען מענטשן וועלן פרייער אָפּאָטעמען. אַט וועט די לופט אָנגעפילט ווערן מיט שמחה און פרייד, מיליאָנען מאַמעס הער־צער וועלן דערפרייט ווערן, יונגע פרויען וועלן מיט אָפענע אָרעמס אויפנעמען זייערע מענער און טויזנטער, טויזנטער קינדער וועלן זיך פרייען מיט זייערע העלדישע טאַטעס, ברידער און שוועסטער וועלן אין אַ ריקוד פאַרגיין — עס וועט באמת זיין אַ גרויסע פרייד און אַן אומבאַגרעניצטע שמחה.

די מלחמה וועט באַלד זיין פאַריבער ! . .

האָבן מיר ,אידן אויך מיט וואָס צו פרייען זיך? קאָנען מיר באמת זיין בשמחה? קאָנען מיר זיך באַטייליקן אין דער פרייד פון פעלקער?

אל תשמח ישראל אל גיל כעמים . . . (הושע, ט׳ א׳).

„זאָלסט זיך ניט פרייען, ישראל, מיט די שמחה ווי פעלקער״. . .

ווייל, ווי קאָן מען זיך פרייען, ווען מען לייענט די אויפטרייסלענדיקע ידיעות און איוב־בשורות, וואָס דערגרייכן צו אונדזערע אויערן, אז הונדערטער באפרייטע שטעט אין רוסלאַנד, ליטע און פוילן, זיינען פארבליבן אידן־ריין . .

אונדזער בלוט ווערט פארגליווערט, ווען מען פארטראַכט זיך אין דער אידישער קאַטאַסטראָפע. ווער געדענקט עס ניט די אידישע ישובים אין וועלכע עס האָט געשפרודלט מיט אידיש לעבן, מיט חסידות און לומדות, מיט השכלה און וועלטלעכקייט, מיט געזאַנג און פרייד, מיט אידישן האַנדל און מלאכה, מיט אידישער חכמה און וויסן, און אין משך פון אַ קורצער צייט, אין פארלויף פון נאָר איינציקע יאָרן, איז אַלץ אָפּגעווישט און אָפּגעשוואָנקט געוואָרן פונם אויבערפלאַך פון דער ערד.

ווי אַזוי קאָנען מיר זיך פרייען, ווען קרוב צו אַ פערטל פון אידישן פאָלק איז אַזוי ברוטאַל פארניכטעט געוואָרן? ווי אַזוי קאָנען מיר אנטייל נעמען אין דער שמחה פון אַנדערע פעלקער, ווען דער בעסטער טייל פון כנסת ישראל איז פאַר אונדזערע אויגן פארטיליקט געוואָרן? ווי אַזוי קאָנען מיר זיך בארואיקן מיטן סוף פון דער מלחמה, ווען ערשט איצט וועט פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט ווערן דאָס גרויסע אומגליק, ווען ערשט איצט וועלן באַקאַנט ווערן די אַלע מיתותדמשונות מיט וועלכע אונדזערע ברידער און שוועסטער זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם?

ווי אַזוי קאָנען מיר זיין צופרידן, ווען איצט וועלן ערשט אויפגעגראָבן ווערן טויזנטער מאַסן־קברים אין די וועלדער אַרום די אידישע שטעט און שטעטלעך? וואָס פאַר אַ גרויזאַם בילד וועט דאָס מיט זיך פאָרשטעלן?

ווי אַזוי קאָנען מיר זיך משמח זיין, ווען אויף אַלע וועגן און שטעגן אין די באַפרייטע ישובים וואַלגערן זיך אָפּגעריסענע אברים און גלידער פון אונדזערע נאָענטע?

אל תשמח ישראל אל גיל כעמים . . .

„פריי זיך ניט, ישראל; באַטייליק זיך ניט אין דער שמחה פון פעלקער״ ווייל דו האָסט דעם גרעסטן פארלוסט, דעם גרעסטן חורבן און דעם באַדייטנדיקסטן חלק געגעבן צום בלוטיקן שפּיל.

אַלע פעלקער וועלן זיך אומקערן צו זייער נאָרמאַלן לעבן. גיך וועט זייער וואונד פארהיילט ווערן. מיר, אָבער זיינען די אומגליקלעכסטע פון אַלע. ביי אונדז האָט די מלחמה צוגערויבט אַ פערטל פון אונדזער פאָלק און אונדז איבערגעלאָזן אַלס אבלים נאָכן טייערסטן טייל פון אונדזער אומה.

* * * * *

י

הביטו וראו, אם יש מכאוב כמכאובי . . . (איכה א׳ י״ד).

„קוקט און זעט, צי איז פאַראַן אַ ווייטיק ווי מיין ווייטיק״? . .

גיד וועלן אויפגעבויט ווערן די חורבות פון לענדער, די רייכע מלוכות וועלן ברייטהארציק ווארפן מיט הלוואות, אויפבויען אייראפע; גיך וועלן אויסגעבויט ווערן ים־פארטן און באז־נעצן, לופט־פעלדער און אנדערע פאר־קער־סטאנציעס.

קירכן און קלויסטערס, אוניווערסיטעטן און גימנאזיעס, טעאטערס און אפערא־הייזער, קאנסערוואטאריעס און קונסט מוזייען וועלן זיך גיך אנ־הויבן פאנאנדערבויען, פיל פון זיי מיט נאך מער פראכט און לוקסוס ווי ביז איצט.

ווער וועט אבער זיך נעמען בויען די אידישע חורבות? ווער וועט אריבערציען א דאך אויף די חרוב געווארענע אידישע הייזקעס און געוועלבער אין אוקראינע, ליטע, לעטלאנד, פוילן, רומעניע אא״וו?

ווער וועט אויפבויען די חרוב געווארענע בתי־כנסיות און בתי־מדרשים, ישיבות און חדרים, מקוואות און פאלקס־הייזער, שולן און ביבליא־טעקן, וועלכע האבן געשמידט דעם אידישן גייסט אין משך פון דורות, דורות־לאנג?

ווער וועט אויפשטעלן אידישע ווארשטאטן און אידישע געוועלבלעך, אידן זאלן זיך קאנען מפרנס זיין און זיך נעמען ארבעטן אויף חיונה?

אפשר זיך ווייטער פארלאזן אויפן "חסד לאומים", אפשר ווארטן אויף דער טובה פון פעלקער, וואס האבן פארהאקט די טויערן פון זייערע לענדער, ניט אריינצולאזן די דאזיקע פליטים פון שווערד און טויט ? . .

אפשר זיך פארלאזן אויף דער "ברייטהארציקייט" פון פעלקער, וואס האבן געקאנט אפשטעלן יענע גרויזאמע רציחות און האבן דריי יאר צייט געשוויגן? אפשר זיך פארלאזן אויף די וואס האבן אזויפיל גערעדט וועגן רעטונג און נאך פינף יאר פון אויסראטונגג, האבן זיי ארויפגענומען זייער האנט פון "נאבעלן" הארצן און באוויליקט איין טויזנט פליטים זאלן באקו־מען צייטווייליקן אויפהאלט, ניט חלילה אין דער מדינה גופא, נאר אין א פארט, איזאלירט ? . .

ווי צו א פאלק ווען עס איז זיך סומך אויף דער ברייטהארציקייט פון פרעמדע ! . .

קראתי למאהבי, המה רמוני . . . (איכה, א׳ י״ט).

דער גרויסער מקונן, ירמיה, שרייט אויס אין גרוים פארביטערונג: "איך האב — אין מיין אומגליק — גערופן מיינע ליבהאבער, האבן זיי מיך אפגענארט". . . פריינט דערקענט מען נאר אין צייט פון נויט, אין צייט פון פארצווייפלונג.

אין קיין עפאכע האט ישראל ניט דורכגעמאכט אזא שרעקלעכן קריזיס, אין קיין תקופה האט דאס אידישע פאלק ניט פארלוירן אין אזא קורצער צייט אזא ריזיקע צאל פון זיינע קינדער, און אין קיין פעריאד פון זיין געשיכטע איז ישראל ניט געווארן אזוי אפגענארט ווי איצט . . .

עם גילטן וויטער די ווערטער פון ירמיה: „איך האָב געדופן — אין מיין אומגליק — מיינע פריינט, און זיי האָבן מיך אָפּגענאַרט"... זיי האָבן נאָר אויף אַן ערנסט ניט געפּראוווט אַרויסרייסן פֿונעם שונאס נעגל דעם אומ־שולדיקן אידן. מיר האָבן ניט מיט וואָס צו פרייען זיך, אונדזער אומגליק איז גרויס. דאָס אמתע, גרויזאַמע בילד וועט זיך ערשט באַווייזן ממש נאָך דער מלחמה.

מיר טאָרן זיך טאַקע ניט פרייען און ניט אַנטייל־נעמען אין דער שמחה פון די פעלקער. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרצווייפלט ווערן. מיר מוזן ערשט איצט אָנגורטן אונדזערע לענדן און אָרגאַניזירן אַ גרויסע הילף־אַפּאַראַט, שטיצן די עקזיסטירנדיקע און פּאַנאַנדערבויען נייע הילף־אַקציעס. ווייל גרויס איז דער בראָך און שרעקלעך איז די פאַרניכטונג. אויב אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, דאַרפן מיר כאָטש באַצאָלן מיט געלט — צו העלפן אויפבויען אידישע היימען, אידישע רעליגיעזע און קול־טורעלע פעסטונגען; אידישע וואַרשטאַטן, אידישע קראָמען און פּרנסה־צווייגן.

מען טאָר זיך באמת ניט פרייען, ווייל מיר האָבן ניט מיט וואָס, אָבער חלילה וחס צו ווערן פאַרצווייפלט!..

השיבנו ה' אליך ונשובה, חדש ימינו כקדם... (איכה, ה', כ"א).

„פיר אונדז צוריק צו דיר גאָט, לאָמיר זיך אומקערן. באַניי אונדזערע טעג ווי אַמאָל"...

גיס אויס דיין גייסט אויף די פעלקער, עפן זייערע אויגן, זאָלן זיי שוין זען אַז ישראל רעטונג איז ניט אין גלות, נאָר אין זיין אייגן, הייליק לאַנד, אין לאַנד פון זיינע אָבות — זאָלן זיי נאָר ניט שטערן, וועלן מיר מיט גאָטס הילף אויפגיין קיין ציון...

(זי מנחם־אב, תש"ד).

יא

רחם על ציון כי היא בית חיינו

הונדערטער דינים און מנהגים האָבן אַרויפגעצויגן אויפן אידישן יחיד און אידישן כלל טרויער און אומעט, אבלות און צער. אידישע חכמים — די אמתע מנהיגי האומה — האָבן אַרויפגעלייגט דעם חותם אויפן אידישן לעבן. חורבן בית־המקדש, אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה, דאָס זיינען טאַקע פאָלקס־חורבנות, נאַציאָנאַלער אומגליק און אַלגעמיינער טרויער און אבלות. אָבער קיין זאַך ניט געקענט האַלט אַזוי פריש דעם זכרון פונעם חורבן ווי אָט־די אידישע דינים און מנהגים, וואָס ווערן היינט צו טאָג אַזוי שוואַך געהאַלטן.

די אַלטע אידישע דינים און מנהגים האָבן פריש געהאַלטן אין זכרון יאָר־איין, יאָר־אויס, דעם פאָלקס־טרויער. אידן פאַסטן, וויינען און קלאָגן אויפן חורבן בית־המקדש און אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה שוין קרוב צו צוויי טויזנט יאָר.

אַט זיינען מיר עדות ווי אין אונדזער דור איז, אין פיזישן זין, געשען א פיל־גרעסערער חורבן, ווייל מיליאָנען אידן זיינען פארטיליקט געוואָרן, און טויזנטער בליענדיקע אידישע ישובים זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן; חרוב ומחרב ביזן סאמע שורש זיינען די גרעסטע אידישע קבוצים אין אייראָפּע; דער קוואל פון וואנעט דאָס וועלט־אידנטום האָט צו דער זאַט' געטרונקען מיים־חיים — איז פארשאָטן געוואָרן. ניטאָ מער יענער ברונים, וואָס האָט אזויפיל גייסט און שטאָלץ, אזויפיל אמונה און בטחון, מיט ברייטהארציקער שפע די גאנצע אידישע וועלט באזאָרגט.

און דאָך זיינען אידן גלייכגילטיק . . . אין בעסטן פאַל איז אונדזער באציאונג צום חורבן פון אונדזער דור, ניט' מער ווי ווען מען גייט צו דער לויה פון א שכן אָדער א ווייטן קרוב . . . מען "ספּענדעט" א שעה צייט און מן פארעפנטלעכט א טרויער־געפיל אויסדרוק אין דער לאָקאלער אידישער פּרע־סע און "דאַטס־אָל". . .

אדרבא, טוט א קוק אריין אין שולחן־ערוך, פארטראכט זיך א ווײַלע, וועט איר זען אלע איינצלהייטן און פּרטים, וואָס זיינען פארבונדן מיט די "דריי וואָכן", "ניין טעג" און "תשעה באָב".

וואָסערע אידישע פאמיליע וועט עס אפילו עד היום הזה וואגן חתונה צו מאכן א קינד אין די דריי וואָכן? וועלכער רב וועט עס מסדר־קדושין זיין אין יענע טרויער־טעג?

אידן האָבן קרוב צו צוויי טויזנט יאָר זיך ניט געשוירן אין די דריי וואָכן, און עד היום הזה וועט עס ניט טאָן קיין רעליגיעזער איד.

ווען רעליגיע און אידישער באוואוסטזיין האָבן באהערשט' די אידישע מאסן, איז די אידישע שטוב געווען געהילט אין טרויער' אַז משך פון די דריי וואָכן, און אין די ניין טעג האָט מען שטארקער געפילט דעם חורבן. קיין פליש, קיין וויין, קיין נייע קליידער, ניט רייניקן דאָס הויז, ניט פּוצן, ניט וואשן, ניט הערן קיין מוזיק, קיין פארוויילונגען ,קיין שמחות, ווייל — צי טוט דאָס אלץ איינער, ווען זיין נאָענטער איז אים געשטאָרבן?

צי קען מען הערן מוזיק, גיין אין טעאטער, ווען דער טאטע אָדער די מאמע איז ערשט נעכטן געקומען צו קבורה? צי קענען עלטערן זיך אוועקזעצן עסן א גרויסארטיקע סעודה, ווען זייער קינד איז ערשט מיט א שעה צוריק געשטאָרבן? צי פּוצט זיך אימעצער אין שיינע קליידער, ווען זיין גאנץ פאר־מעגן איז אַט ערשט פארניכטעט געוואָרן?

אזוי טאקע האָבן אידן געפילט אין די ניין טעג און אין תשעה־באָב. דער חורבן איז געשטאנען פאר די אויגן, ווי ער וואָלט טאקע ערשט היינט געשען.

דער בעל־קורא, וואָס איז געווען אַן ערלעכער איד, האָט מיט זיין ציטערדיקער און טרויעריקער שטימע געזאָגט איכה און קינות, און אלע האָבן געזען דעם חורבן פאר זייערע אויגן . . .

אַט דאָס איז געווען דער כח פונם שולחן־ערוך ! . .

היינט, ווען די רעליגיעזע אויטאָריטעט איז בשפל המצב, דער רעלי־גיעזער באוואוסטזיין איז זייער בלאָס און די אמונה איז ביז גאָר אָפּגעשוואַכט, איז ניטאָ דער כח, וואָס זאָל ארויפציען אויף דער אידישער געזעלשאַפט דעם אמתן טרויער, צוליב דעם גרויסן חורבן פון אונדזער געשיכטע . . .

און עס איז שטאַרק צום באַדויערן, ווייל מיר ווייסן עס אויף זיכער, מיר האָבן עס בקבלה פון דור־דורות, אז נאָר די וואָס באַטייליקן זיך אין טרויער, די וועלן זען די נחמה; נאָר די וואָס זיינען זיך מצער אויפן אידישן חורבן, נאָר די וועלן זוכה זיין צו באַטייליקן זיך אין דער אויפלעבונג און אויפבוי פונם אידישן פאָלק.

אזוי האָט געזאָגט ישעיה הנביא:

שמחו את ירושלים, וגילו בה כל אוהביה, כל המאבלים עליה.

(ס״ו, י׳).

״קווּעלט אָן מיט ירושלים און דערפרייט זיך מיט איר אלע געטרייע. נעמט אנטייל אין איר לוסטיקייט, איר אלע וואָס טרויערן מיט איר״.

״דער וואָס טרויערט אויף ירושלים, דער איז זוכה צו זען איר פרייד, און דער וואָס טרויערט ניט אויף ירושלים, דער וועט ניט זען ווען ירושלים וועט זיין בשמחה״. (גמרא תענית, דף ל׳).

די אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן פון דורות־לאַנג זיך ניט באַטייליקט אין דעם אידישן חורבן זיינען שוין לאַנג אָפּגעוווישט און אָפּגעשוועכט גע־וואָרן פון דער אידישער וועלט. זיי האָבן זיך שוין לאַנג אסימילירט און אויס־געמישט מיט אנדערע פעלקער . . . פאַרפרעמדט און אָפּגעשמדט . . . קיין זכר איז פון זיי ניט מער געבליבן . . . ווייל זיי האָבן זיך ניט באַטייליקט אין אידישן טרויער; זיי האָבן ניט געטרויערט אויף ירושלים, וועלן זיי קיינמאָל ניט זוכה זיין צו זען דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים . . .

אידן, מענער און פרויען, באַטייליקט זיך אינעם גרויסן, נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג — תשעה־באָב!

אין אָוונט קומען זיך אידן צונויף אין די שולן, צו זאָגן קינות, נעמט מיט אייערע קינדער, סיי גרויסע און סיי קליינע. זאָלן זיי זיך מיט אייך צוזאַמען זעצן אויף דער ערד; זאָלן זיי צוזאַמען מיט אייך זאָגן, אָדער הערן, די אייביק־טרויעריקע מגילת איכה . . . דערקלערט זיי וועגן דעם אמאָליקן און היינטיקן חורבן . . . זאָגט זיי, אז כאָטש מיר זיינען אין טרויער, דאָך זיינען מיר אין פולער האָפענונג, אז נאָך אין אונדזער צייט וועלן מיר זוכה זיין צו זען דאָס אידישע לאַנד אין אידישע הענט, געפירט לויט דעם אידישן גייסט און אידישער טראַדיציע.

וואָס מער אידישע קינדער עס וועלן פילן דעם תשעה־באָב אין זייערע ביינער, אלץ גרעסער וועט זיין זייער שמחה פאַר גאולה און דערלייזונג, און אלץ ווירקזאַמער וועלן זיי זיין פאַרן אויפבוי פון אונדזער הייליק לאַנד . . .

יב

דער אלטער, גערער רבי, דער חדושי הרי"ם זצ"ל, פלעגט טייטשן:

והצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים (שמות, ו׳, ו׳).

"איך וועל אייך ארויסציען איר זאלט מער ניט קענען סובל זיין די מצרים"...

די גאולה הויבט זיך אייגנטלעך אן דאן, ווען מען פארמיאוסט דעם גלות, ווען מען קען מער ניט סובל זיין, עבדות און שפלות.

דאכט זיך, אז נאך קיינמאל האבן אידן ניט אזוי פארעקלט דעם גלות, דעם פינצטערן, ביטערן גלות, ווי היינט. ווייל וואס איז אייגנטלעך פארבליבן פון די גרויסע אידישע גלות־צענטרען?

א חוץ בית־עלמינם און ברידער־קברים, חורבן און פארוויסטונג, איז גארנישט ניט געבליבן. פון די אלע פעלקער־הבטחות האט זיך גארניט אויס־געלאזט. מען קען זיי קיינעם ניט געטרויען. פראקלאמירט איין פאלק להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים, קומט אן אנדער פאלק און וויל ווייזן טאלע־ראנץ, "מענטשן־ליבע" און איידלקייט, און לאזט טאקע דעם אידישן גוף עקזיסטירן און נעמט זיך צו דער אידישער נשמה...

שריפת הנשמה והגוף קיים...

מען וויל פארברענען די נשמה, די ריינע, הייליקע אידישע נשמה, און מען לאזט צורו דעם אידישן גוף.

ווערט דער גלות דערווידער, מען קען אים מער ניט סובל זיין; זוכט מען און מען געפינט אז דער איינציקער אידישער רעטונג־גארטל אינם שטור־מישן, ברויזנדיקן ים איז — ציון; נאר ארץ־ישראל איז די רעטונג פאר דעם שארית־הפליטה; נאר א שטיקל ערד קען דעם אידישן פאלקס גייסט דערהובן; נאר אן אייגן לאנד קען פארגעבן די שרעקלעכע חטאים און גרויזאמע אקטן פון דער רויבער־באנדע און מוחל זיין די "דעמאקראטישע" פעלקער, וואס האבן צוגעזען די פארטיליקונג און האבן געשוויגן...

נאר אן אייגן ווינקל קען אויסגלייכן דעם איינגעבויגענעם רוקן פונם פאלק ישראל.

מיר בעטן צו גאט און מיר רופן צו די וועלט־מאכטן, צו איטלעכן בעל־השפעה און ווירקזאמען כח; מיר בעטן זיך מיט געוויין —

רחם על ציון, כי היא בית חיינו...

"האב רחמנות אויף ציון, ווייל דאס איז אונדזער לעבנס־רוים". און אן ארץ־ישראל קען דער שארית־הפליטה מער ניט עקזיסטירן! דאס אידישע פאלק מוז איצט אנערקענט ווערן אלס פאלק, וואס האט אן אייגן לאנד, אייגע־נע ערד און אן אייגענע אידישע היים.

געגוג בלוט פארגאסן פאר פרעמדע, וואס זיינען נראים כאוהבים — זיי ווייזן זיך ווי געטרייע ווען זיי האבן פונם אידן נוצן, אבער אין עומדים לו בשעת דוחקו — און זיי קומען אים ניט צו העלף ווען עס איז אים ענג און ביטער.

אויף וויפל עס איז מיר באקאנט די אידישע מארטירער־געשיכטע, ווייס איך ניט פון אזא שרעקלעך־מוראדיק קאפיטל, ווי עס איז די היינטיקע תקופה. קיינמאל איז דעם אידישן פאלק ניט געווען אזוי שלעכט, אזוי ביטער ווי היינט. ווייל שטענדיק האבן זיך אפגערופן פעלקער, וואס האבן געעפנט די טויערן פון זייער לאנד פאר דעם פארוואגלטן אידן.

היינט זיינען פארהאקט אויף זיבן שלעסער די גרעסטע "דעמאקראַ־טישע" לענדער, און פליטים פון שווערד און טויט ווערן אהין ניט אריינגעלאזן. דער בריטישער קאלאניאל־אפיס האט אוועקגעשטעלט שומרים צו היטן, אז א איד זאל חלילה ניט אריינשמוגלען זיך קיין ארץ־ישראל . . . און "דעמאקראַ־טישע" וועלט־מאכטן שווייגן ! . .

עס שיינט, אז אידן האבן נאך ניט גענוג באצאלט, נאך ווייניק אפגע־קומען פאר זייערע זינד, ווייל זיי האבן די פריווילעגיע צו זיין גאטס פאלק און דער מורה־דרך, דער וועג־ווייזער, פאר אלע פעלקער . . .

דאס אידישע פאלק האט דער וועלט זייער פיל געגעבן: אן אמתן גאט, א הייליקע תורה, געטלעכע נביאים, אומשטערבלעכע אידייען, האפענונגען און שטרעבונגען צו אן אחרית הימים; צו א צייט ווען איין פאלק וועט מער ניט אויפהויבן קיין שווערד קעגן א צווייטן און מען וועט מער ניט שטודירן קריג־פירונג, און דער שטארקער וועט לעבן בשלום מיטן שוואכערן; דער וואלף וועט וואוינען מיט א שעפס, און א קו מיט א בער וועלן זיך צוזאמען פאשען.

אלע יסודות פונם וועלט־שלום זיינען גענומען פון די נביאים, פון די אידישע מורה־דרך און וועג־ווייזער אין אלע דורות . . . קיינער לייקנט ניט אין דעם, אלע דערמאנען עס אונדז — אבער דער דאזיקער וויסן זייערער איז זיי צו גארנישט ניט מחייב.

אונדזער רוף אין דער איצטיקער, ביטערער גורל־שעה פון דער אידי־שער אומה איז:

רחם על ציון, כי היא בית חיינו . . .

"דערבארעם זיך אויף ציון, ווייל זי איז אונדזער לעבנס־רוים, אונדזער עקזיסטענץ און אונדזער ענד־ציל" . . .

דאס רופן מיר צו גאט, צו איטלעכן אידן און צו די וועלט־מאכטן . . . דערבארעם זיך אויף ציון, ווייל זי איז אונדזער עקזיסטענץ . . .

(זי' מנחם־אב, הש"ה).

ראש-השנה

א

וכל הרשעה כולה כעשן תכלה

א פארבאָרגענע, אומדערקלערבארע, סודותפולע קראפט ליגט באַהאלטן אינם שופר! דער איינפאכסטער און פשוטסטער אינסטרומענט, און דאָך דערציטערט ער ביז די טיפעניש פון דער אידישער נשמה, און דאָך רופט ער צוזאמען אלע בלאָנדזשענדיקע און דערוואייטערטע. אלע קומען זיי צו לויפן, פול מיט פחד און יראה, מיט אונטערטעניקייט און געהאָרכזאמקייט.

אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו ?..

פונקט ווי אין א שעת־הירום, אין א קריג־צושטאנד, ווען אלע ווערן מאָביליזירט, יונג און אלט, מענער און פרויען, דער מלחמה־רוף ברענגט זיי צוזאמען, און אלע שטייען גרייט אויסצופירן דעם באפעל פונם מלך.

ובאו האובדים מארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים...

אפילו א גאנץ יאָר לײדיק־שטייענדיקע שולן און בתי־תפלה, ווערן אין די ימים־הנוראים איבערפולט מיט אידן. אלע קומען זיי צו גיין —

והשתחוו לה׳ !..

א גאנץ יאָר איז דאָס אידנטום צעבראָכן און צעברעקלט, צעשפליטערט און צעגלידערט; פארשיידענע אידייען האָבן צעטיילט די אידישע מחנה אויף קליינע גרופן. דער צעשטרעונג־וואָרעם האָט זיך אריינבאקומען אינם רוקן־ביין פון דער כנסת־ישראל. דאָרט נאָגט ער אוים דעם מארך, פונם אידנס שטאַרקייט און פעסטקייט. ער מאכט פשוט א תל פון זיין שעפערישן כח.

דערהערט זיך אָבער דאָס קול שופר, פארשווינדן די אלע חלוקי דעות, פארגעסט מען א ווײלע אָן די אלע צעשטערונג־מעטאָדן און פארניכטונג־סיסטעמען. מען קומט זיך בוקן צום באשאפער פון דער וועלט און מען אנערקענט אים אלס מלך מלכי המלכים.

אמרו לפני מלכיות, כדי שתמליכוני עליכם...

אָט אזוי בעט זיך דער שטארקסטער פון אלע שטארקע, דער מלך פון אלע מלכים, דער אייביק לעבנדיקער באשאפער:

„זאָגט פאר מיר מלכיות, כדי איר זאָלט מיך אנערקענען אלס מלך".

און די אידן קומען זיך צוזאמען אין די הייליקע טעג צו אנערקענען דאָס מלכות שדי.

ווי הייליק און דערהאבן זיינען די טעג, ווען דאס גאנצע אידנטום אין אלע שטעט און דערפער, לענדער און מדינות, קאנטינענטן און וועלט־טיילן קומען זיך צוזאמען צו דער דערהאבענער, הייליקער קאראנאציע . . . און אלע שרייען זיי אויס:

כי המלכות שלך היא ולעולמי עד תמלוך בכבוד ! . .

א מלך בשר ודם ווען ער ווערט געקרוינט אלס מלך, גרייט ער צו פאר זיינע אונטערטאנען א פייערלעכע אמנעסטיע. ער באפרייט די צו תפיסה פארמשפטע פארברעכער; ער שענקט די צו געלט־באשטראפטע געזעץ איבער־שטרייטער; עס אוואנסירן ביי אים די פארדינסטפולע דינער; עס ווערן דער־הויבן אויף זייערע אמטן די טיכטיקע און ענערגישע באאמטע — זיין גאנץ לאנד יובלט פאר פרייד און שמחה, אלץ לעבט אויף, אלץ שטראלט און בליט. דאס איז די קעגנזייטיקע אנערקענונג —

אני לדודי ודודי לי . . .

אין די הייאריקע ימים־נוראים, ווען עס וועלן זיך ווידער צוזאמענ־קומען בכל תפוצות ישראל, יונג און אלט, מאן און פרוי, און מיר וועלן ווייטער ממליך זיין אויף זיך דעם מלך מלכי המלכים, וועלן מיר אלע, אן אויסנאם, פאדערן פאר אונדז א גרויסע און געזיכערטע אמנעסטיע פון אונד־זער קעניג — אונדזער איינהייטלעכע פאדערונג וועט זיין:

ובכן תן כבוד ה' לעמך! תהלה ליראיך, ותקוה טובה לדורשיך, ופתחון פה למיחלים לך ! . .

מיר וועלן אלע פאדערן אונדזער גערעכטע און יושרדיקע פאדערונג:

שמחה לארצך, וששון לעירך, וצמיחת קרן לדוד עבדך . . .

ווי לאנג נאך וועט אנהאלטן דער גרויליקער גלות?! ווי לאנג נאך וועלן מיר זיין ללעג ולקלס בגוים? ווי לאנג נאך וועלן מיר לעבן אין שרעק און אין בהלה?! מיר וועלן פאדערן:

ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו ! . .

זאל זיך דערוועקן אין יעדערנס מענטשנס געוויסן דיין פראכט און הערלעכקייט; זאלן אלע פעלקער אנערקענען דיין הערשאפט, זאלן זיי דער־גיין, אז דו האסט זיי באשאפן:

והופע בהדר גאון עזך על כל יושבי תבל ארצך, וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו . . .

זאל פון זיי אויסגעווארצלט ווערן די אומבאגרינדעטע שנאה צו דיין פאלק; זאלן זיי אנערקענען דיין קעניגרייך:

ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה . . .

זאָלן פאַרשווינדן די בייזע גייסטער וועלכע באַהערשן די היינטיקע מאַכטהאַבער; זאָל אויסגעוואָרצלט ווערן די ברוטאַליטעט; זאָלן אַנערקענען די שטאַרקע, אַז אויך דער שוואַכער האָט רעכט צו לעבן און צו עקזיסטירן.

וכל הרשעה כולה בעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ.

אַט אַזוי וועלן זיך אידן אוועקשטעלן בעטן אין טאָג פון דער געטלעכער קאָראָנאַציע; אינם טאָג ווען עס ווערט אַנערקענט דער מלך מלכי המלכים אַלס מלך ישראל וגואלו . . .

(ערב ראש־השנה, ת״ש).

ב

ובשופר גדול יתקע

אַמאָל האָט אַ פאָלק אויפגעציטערט ווען עס האָט געהערט דאָס קול שופר:

אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו . . .

דער שופר איז אויך באַנוצט געוואָרן פאַר מלחמה־צוועקן. ער האָט געדינט אי אַלס צוזאַמענרוף־אינסטרומענט, אי אַלס דערשרעקונג און צעטומל־לונג מיטל, אַ חוץ דעם האָט עס געדינט פאַר באַשטימטע רעליגיעזע צוועקן, ווי די משנה רעכנט עס אויס. אין אונדזערע יונגנט־יאָרן האָבן מיר ניט ריכטיק באַגריפן פאַרוואָס אין משיחס צייטן וועט מען זיך דאַרפן באַנוצן מיט אַ באַזונדערס גרויסן שופר —

ובשופר גדול יתקע . . .

היינט הויבן מיר עס אָן צו פאַרשטיין. אין די אור־אַלטע צייטן, ווען די פּרימיטיווע כלי־זין זיינען באַשטאַנען פון שווערדן, שפּיזן, פיילן, שאַרפע שליידער־שטיינער, מויערן־ברעכער און צעשטערונג־געצייג, איז דער פּרימיטיווער שופר געווען אַ גוטער אַלאַרם־איסטרומענט. אין משיחס צייטן אָבער, ווען די מלחמות גוג ומגוג וועלן זיך אויף אַז אמת צעפלאַקערן (לאָמיר האָפן, אַז די היינטיקע מלחמה איז שוין דער אָנהויב) ווען דער גאַנצער האַריזאָנט וועט פאַרטויבט ווערן פון עראָפּלאַנען אויפרייסן און פון קאַנאָנען קראַכן, וועט די השגחה זיך באַנוצן מיט אַ באַזונדערס גרויסן שופר:

ובשופר גדול יתקע . . .

ג

במה דברים אמורים, ווען מיר רעדן וועגן דעם שופר אַלס מלחמה־אינסטרומענט. באַטראַכטן מיר אָבער דעם שופר אַלס רעליגיעזן כלי־שרת, אַלס אַ וועק־אינסטרומענט אויפצואוועקן ניט יענעם, נאָר זיך אַליין; ווען מיר באַטראַכטן דעם שופר אַלס תשובה־מאָנער פאַר זיך זעלבסט, דאַן זען מיר אינם שופר יענע געטלעכע, געהיימניספולע קראַפט, וועלכע שטורעמט אויף די טיפעניש פון דער נשמה, רופט, וועקט, מאָנט און פאָדערט דין וחשבון בינו

לבין עצמו. דער שופר וועקט אויך אויף דאס געוויסן פון דער פאלקס נשמה, ער רופט צוזאמען און דאס פאלק קומט און שטעלט זיך אויס אין רייען פון טיף־גלויביקע און טוט דאס געבאט פון דעם טאג...

יא, דאס איז דער וואונדער און דער צויבער פונם שופר, וועלכער איז בכח צוזאמענצורופן די פון א גאנץ יאר פארווארפענע און צוריקגעשטאנענע "אשר קרך בדרך אידן"... קיין קאנסקריפשאן, קיין צוואנג — פרייוויליקע, אפנהארציקע, פול מיט חרטה און הכנעהדיק שטעלן זיך אלע צום געטלעכן דינסט.

ד

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים...

"און עס וועט געבלאזן ווערן אין יענעם טאג אין א גרויסן שופר, און עס וועלן זיך צוזאמענקומען די פארלארענע אין לאנד אשור און די פאר־שטויסענע אין לאנד מצרים, און זיי וועלן זיך בוקן צו גאט אויפן הייליקן בארג אין ירושלים"... (ישעיה, כ״ז).

ווי גליקלעך וועט זיין יענער טאג. ווי דערהויבן וועט זיין יענע שעה, ווען אלע פארלוירענע וועלן זיך אומקערן און קומען זיך בוקן בהר הקודש בירושלים... דאס לאנד וועט אויפלעבן. עס וועט זיך פאנאנדערבליען און צעוואקסן. אלע בערג און טאלן, אלע גראבנס און ים־ברעגן וועלן אנגעפילט ווערן מיט די צוריקגעקומענע. גרויס וועט זיין יענער טאג.

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול...

דערווייל אבער ליגט די אידישע אומה צעטראטן. זי איז געווארן צו שאנד און צו שפאט, צעשפרייט און צעזייט, נאקעט און בארוועס, הונגעריק און דורשטיק, פארבלוטיקט און פארוואונדעט. זי שרייט מיט פארצווייפלטע קולות:

מאין יבוא עזרי?!...

ה

ובכן תן כבוד ה׳ לעמך...

מיר האבן דיך, גרויסער גאט, קיינמאל ניט פארגעסן — אפילו ווען פייער־צונגען האבן אונדז פארצערט און ים־כוואליעס האבן אונדז איינגע־שלונגען. תמיד האבן מיר דיין הייליקן נאמען אויף אונדזערע ליפן מיט געזאנג דערמאנט —

ובכן תן כבוד ה׳ לעמך...

מיטן עמוד האש, מיטן דורכדרינגענדיקן, געטלעכן ליכט, האבן מיר דורך פעלדער און וועלדער, דורך לענדער און מדבריות געוואנדערט, וואו מיר

האבן גענעכטיקט, האבן מיר ניט געטאגט. מיר האבן דער מענטשהייט דיין גרויסקייט, שטארקער גאט, דערציילט; מיר האבן זיי דיין לערע געלערנט, דיין גוטסקייט באוויזן, און איצט באצאלן זיי אונדז מיט שטיינער און תליות, מיט הונגער און נויט, מיט שאנד און שפאט, מיט אונטערדריקונג און פיין ! . . און פון אונדזער אלעמענס ברוסטן הערט זיך דער פארצווייפלטער געשריי:

אלי, אלי למה עזבתני ? ! . . .

ובכן, תן פחדך ה' אלקינו על כל מעשיך, ואימתך על כל מה שבראת ! . .

"ווארף ארויף דיין פחד און דיין שרעק אויף אלעמען. באווייז דיין גרויסקייט צו אלע דיינע באשעפענישן, זאלן זיי אנערקענען דיין מלכות; זאל פארשווינדן ווי רויך די ברוטאליטעט". . .

וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ . .

דאס זיינען די תפלות וועלכע אלע אידן וועלן מיט גרויס כונה מתפלל זיין אין די הייליקע טעג. הער־זשע זיך צו אונדז צו —

כי אתה שומע תפלת כל פה . . .

(ערב ראש־השנה, תש"א).

ו

תכלה שנה וקללותיי — תחל שנה וברכותיי

אין דער אלטער היים, אין די גוטע צייטן, ווען דאס אידישע לעבן האט געהאט א אידישן אינהאלט און א אידישן אויסזען; ווען די מורא פאר גאט איז געלעגן אויף איטלעכנס פנים, ווייל אין איטלעכנס הארצן האט העל־גע־לויכטן דאס ידישע ליכט, דאס ליכט פון דורות, דאס ליכט קדושה און טהרה, דאס ליכט פון טראדיציע און עכטער אידישקייט — דאן האט דער איד שוין מיטן אנקום פונם חודש אלול געפילט אן ערנסטקייט, א ווארימקייט אין זיין נשמה. עס האבן אים אנגעהויבן נאגן און פלאגן זיין אידישער געוויסן, עס האט אים געצוויגן צו דין וחשבון, ער האט זיך — מיטן אנקום פון חודש אלול — א ריס געטאן פון זיין גלייכגילטיקייט. גאט איז א גוטער, א בארמהערציקער, פול מיט רחמנות — לאמיר זיך דערנעענטערן צו אים, לאמיך זיך טוליען ארום זיין פראכט און הייליקייט. ער שטויסט קיינעם ניט אפ פון זיך, לאמיר זיך אומקערן צו אים . . .

נחפשה דרכינו ונחקורה, ונשובה עד ה'. . . (איכה, ג', מ').

"לאמיר אונדזערע וועגן רעווידירן, נאכפארשן און זיך אומקערן צו גאט". . .

אט אזוי, אומגעפער, האט איטלעכער איד געפילט; וועמעס אויערן עס זיינען ניט געווען פארשטאפט, האט דעם אינערלעכן רוף גלייך דערהערט;

וועמעס הארץ עס איז ניט געווען פארשטיינערט, האט עס גלייך דערפילט ... די טויבלעכע און פארשטיינערטע, זיי האט ערשט דער שופר אויפגעוועקט ... אדער גאר דאס רופן פונם שמש צו סליחות — אידן שטייט אויף לעבודת הבורא ! ..

יא, דער אלטער, ערלעכער שמש, וועלכער האט געגעסן ברויט מיט מאגערע זופ און געפאסט מאנטיק און דאנערשטיק, און איטלעכן טאג אויס־געזאגט גאנץ תהלים, א חוץ מעמדות, און א סדר חק לישראל. ער האט געקאנט אויפוועקן די זאטע, די אנגעגעסענע, די א גאנץ יאר צעלאזענע, וועלכע האבן געלעבט אן דין און אן חשבון ...

יא, דער איד איז תמיד געווען נאענט, זייער נאענט, צו התעוררות. עס האט זיך נאר געדארפט מאכן א וואסערע געלעגנהייט, וועלכע זאל אים א שטויס טאן און שוין איז ער געווען אין די ארעמס פון תשובה, און אין די קרייזן פון יראים, פון די גאטס־פארכטיקע, ערלעכע מלכות־שמימדיקע אידן.

* * * * *

ז

אמאל איז עס געווען אוממעגלעך צו באגרייפן —
אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו ? .. (עמוס, ג׳, ו׳).

„איז עס מעגלעך אז א שופר זאל בלאזן אין א שטאט און דאס פאלק זאל ניט ציטערן?"

יא, היינט איז עס מעגלעך. עס בלאזט דער שופר א גאנצן חודש אין שטאט, און דאך ציטערט ניט דאס פאלק ... א גאנצן חודש בלאזט דער שופר?

שוין דריי יאר ווי עס זשומען אין דער לופטן שטאלענע פייגל, וועלכע שפייען מיט פייער און בלאזן מיט קנוילן רויך, פארזייען טויט און פארניכ־טונג, יאגן זקנים און קינדער, געזונטע און צעבראכענע, פאראורזאכן הונגער און נויט, מגפות און עפידעמיעס — און נאך אלעמען ועם לא יחרדו — דאס פאלק ציטערט נאך אלץ ניט ... ווייל טויט איז דאס פאלק און פארשטיינערט ביז גאר ! ..

ח

מיט גיכע טריט דערנענטערן זיך די ימים־נוראים. אט־אט איז ערב ראש השנה, און די שולן וועלכע פוסטעווען דאס רוב יאר ווערן לעבעדיק; אידן דערמאנען זיך פארט, דאס פינטעלע איד הויבט פארט אן אויפוואכן מדרגהווייז. ביי איינעם צעפלאמט זיך אט־דאס פינטעלע און ווערט פאר־וואנדלט אין א אפלאם־פייער; ביי א צווייטן נידעריקער, עס טליעט דא און דארט די נקודה הפנימות אין איטלעכנס הארצן. ניטא קיין פארלאשן אידיש הארץ — אף על פי שחטא ישראל הוא ...

ווער עס צווייפלט אין מיינע ווערטער זאָל מוחל זיין קומען ערב ראש־השנה פאַרנאַכט אין די שולן, וועט ער זען, ווי מיטן זון אונטערגאַנג טרייבט עפּעס א געהיימע קראַפט איטלעכן אידן אין שול אריין . . . קיין צוואַנג, קיין מוז און דאָך פעלט כמעט קיינער ניט, אַלע זיינען דאָ . . . און ניט־ווילנדיק פאַרגנבעט זיך אונטערן באַוואוסטזיין א געפיל פון חרטה — א גאַנץ יאָר ניט געזען די שול . . . ס׳איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי אַנגענעם פאַר דער צאַפּלדי־קער נשמה, וועלכע דער איד האָט זי ערשט איצט, ממש איצט דערשפּירט . . . און ווען דער איד וואָלט פאַרשטאַנען פּירוש־המלות וואָלט ער אויסגעשריען:

אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה . . . (תהלים, פ״ד).

״וואויל צו די וואָס זיצן אין דיין הויז און הערן ניט אויף דיך צו לויבן״. . .

* * * * *

ט

פאַרשוואונדן א יאָר, א יאָר פון שאַנד און שפּאָט, א יאָר פון גרויל און בלוט, א יאָר פון פאַרניכטונג און צעשטערונג, א יאָר פון הונגער און נויט, א יאָר פון מגפות און טויט, א יאָר פון אומקום דורך אכזריות און מיתות־משונות — א יאָר א שרעקלעכס. פון אַלעמענס ליפּן רייסן זיך אַרויס די רירנדיקע ווערטער, די לעצטע תפלה פונם יאָר:

תכלה שנה וקללותי׳. . .

״פאַרלענדן זאָל ווערן דאָס יאָר מיט אירע קללות״. . .

פאַרוואָס פאַרשטעלסטו דיינע אויגן און זעסט ניט ווי זרים אוכלים נחלותי׳ — פרעמדע, שונאים, פאַרלענדן איר אַרב און באַזיץ.

תכלה שנה וקללותי׳. . .

״פאַרלענדן זאָל ווערן דאָס יאָר מיט זיינע קללות״. . .

זע, דיינע שאָף האָבן חיות־רעות צעיאָגט. גיס אויס דיין צאָרן אויף די, וועלכע האָבן געוואָלט אויסוואָרצלען די יונגינגע צווייגלינגען.

תכלה שנה וקללותי׳. . .

״פאַרלענדן זאָל ווערן דאָס יאָר מיט זיינע קללות״. . .

די לעצטע תפלה פונם בלוטיקסטן יאָר אין דער אידישער גלות־געשיכטע. ווי רירנד זי איז, ווי זי שניידט דאָס האַרץ ! . . זי צעטרייבערט די נשמה און טוט אויפברויזן דעם געוויסן . . .

תכלה שנה וקללותי׳. . .

זאָל אויף אייביק פאַרשווינדן דאָס יאָר, זאָל עס קיינמאָל זיך מער ניט אומקערן, צוזאַמען מיט די טיראַנען און בייזווייליקע, קרעציקע רויבער זאָלן

זיי פארלענדעט ווערן ווי שניי, וועלכער ווערט צעשמאָלצן אנטקעגן דער זון, און ווי וואקס ווערט צעלאָזןביים פייער . . .

תכלה שנה וקללותי׳. . .

ט

און די ערשטע תפלה פונם נייעם יאָר?

תחל שנה וברכותי׳. . .

"זאָל זיך אָנהויבן א יאָר פול מיט ברכות". . .

שטייט זיך דער איד, אין סאמע סוף פונם יאָר, אין דער ליכטיקער שול. ער זעט פנים חדשות, דערוויטערטע דערנעענטערן זיך, אָפּגעקילטע ווערן אנגעוואָרעמט און פאַרפרעמדטע ווערן היימיש. קיינמאָל פילט ער אזוי ניט דאָס גוט־ברודערשאפט, דעם כל ישראל חברים, ווי איצט. אידן זיינען טייערע אידן, גוטע, ערלעכע אידן, זרע קודש, בני אברהם, יצחק ויעקב, הייליקע אידן. אלע זיינע דאָ איצט פאַרזאמלט און קיינער פעלט ניט. לאָמיר צוזאמען תפלה טאָן, תפלה בצבור, האנט צו האנט, הארץ צו הארץ, נשמה פארפלאָכטן מיט נשמות פון כל ישראל, לאָמיר בעטן אלע אינייגעם:

תחל שנה וברכותי׳. . .

זאָל זיך שוין אָנהויבן א ברכה־פול יאָר, א יאָר פון שלום, א יאָר פון ברויט זאָל זיין צו דער זאט, א יאָר אין וועלכן די פעלקער וועלן נאָכן באַזיגן די ברוטאליטעט, צעשמעטערן זייערע שווערדן און זיי פארוואנדלען אין אקער־אייזנס, א יאָר פון גליק און צופרידנהייט, א יאָר אז אלע קינדער זאָלן זיך געזונטערהייט אומקערן פון די שלאכטפעלדער, א יאָר אין וועלכן די מענטשהייט זאָל אנערקענען די געטלעכע הערשאפט, א יאָר אין וועלכן עס זאָל זיך אָנהויבן צדק און יושר, משפט און גערעכטיקייט . . .

ויגבה ה׳ צבאות במשפט, והאל הקדוש נקדש בצדקה . . .

כביכול ווערט דערהויבן, געאכטעט און רעספעקטירט דורך נייטראלן משפט און ער ווערט געהייליקט און געלויבט דורך גע־רעכטיקייט.

דער גלויביקער איד גלויבט. ער האָט בטחון, ער איז ביי זיך זיכער, אז דער שומר פון ישראל שלאָפט ניט און דרימלט ניט; זיין אויג זעט און זיין אויער הערט און אלע מענטשנס מעשים ווערן ריכטיק פארצייכנט. עס וועט קומען דער טאָג פון רעכענונג.

לי נקם ושלם לעת תמוט רגלם, כי קרוב יום אידם וחש עתידות למו . . . (דברים, ל״ב, ל״ח).

"איך פארמאָג נקמה און באצאָלונג, ווען זייער פוס וועט זיך אויס־גליטשן; נאָענט איז דער טאָג פון זייער בראָך און ענערגיש באווייזט זיך שוין וואָס עס איז אָנגעברייט פאר זיי". . .

געאַרעמט און געקייטלט גייען זיך אָט די צוויי רירנדיקע תפלות, די לעצטע פונם יאָר —

תכלה שנה וקללותי׳...

און די ערשטע פונם נייעם יאָר —

תחל שנה וברכותי׳...

(ערב ראש־השנה, תש״ב).

י

ובכן, תן כבוד ה׳ לעמך

ווער קאָן דערגרונטעווען די טיפענישן פון דער אידישער פאָלקס־נשמה? ווער קאָן זיך ארונטערלאָזן אויף דעם באָדן פונם הארצן פון דער כנסת ישראל און אויפזוכן דאָרטן די פּערל, וועלכע זיינען צעוואָרפן אין אלע זיינע טיילן?

עס האָבן דאָס געפּרואווט דיכטער, אמתע און להבדיל וואַכעדיקע, אידן און ניט־אידן — צום סאַמע עפענונג פונם קוואַל האָבן זיי אָבער ניט דערגרייכט. זיי האָבן ארומגעשוואוּמען אויף דער אויבערפלאַך און צו די טי־פענישן זיך ניט דערשלאָגן... ווייל טיף־טיף אינם צענטער פון דער פאָלקס־נשמה געפינט זיך דער נצוץ־אלקי, דער געטלעכער פונק, דאָס פּינטעלע איד... און ווער עס קאָן זיך צו אָט יענעם פּינטעלע דערשלאָגן, ווער עס קאָן כאָטש אריינבליקן אין דער נקודה הפנימית, דער דערגרייכט צו דער מדרגה פון א געהויבענעם, הייליקן אידן...

ושבת עד ה׳ אלקיך...

ווען דו וועסט האָבן די זכיה צו צוקומען ביז דיין געטלעכן טייל אין דיר, דאַן — זאָגט די תורה — ביז איך זיכער אז —

ושמעת בקולו ככל אשר אָנכי מצוך היום, אתה ובניך, בכל לבבך ובכל נפשך... (דברים, ל׳, ב׳).

דאַן וועסטו שוין אליין, פון זיך זעלבסט, צוהערן אלע געבאָטן און געזעצן פון השם יתברך. דו און דיינע קינדער, מיט דיין גאַנצן הארצן און מיט דיין גאַנצער נשמה...

* * * * *

יא

די נביאי האמת, די געטלעכע שליחים בכל דור ודור, אנערקענען ניט קיין געמיש פון ליכט און שאָטן, פון קדושה און חול, פון עבודה־זרה און אמונת ה׳ הנכבד, פון תורת משה און אותו האיש, פון אידישקייט און גוישקייט צוזאַמען... שותף איז עבודה־זרה!.. ניט בלויז שותף, נאָר —

כל המודה בעבודת כוכבים שהיא אמת, אעפ"י שלא עבדה, הרי זה מחרף ומגדף את השם הנכבד והנורא . . .

(רמב"ם הלכות עכו"ם, פ"ב, ה"ב).

"ווער עס דינט אפילו ניט עבודה־זרה, נאר איז בלויז מודה, אז עבודה־זרה איז עפעס א זאך, אן עניז, אן אידייע — דער איז שוין א קעגנער און א לעסטערער פון השם הנכבד והנורא".

קלאר און דייטלעך רופט דער נביא:

שובה ישראל עד ה׳ אלקיך . . . (הושע, ד׳).

קער זיך צוריק, ישראל, ביז השם־יתברך, ביז דיין געטלעכן נצוץ, ביז צו דיין פינטעלע איד . . . שלידער אראפ פון זיך דעם שמוץ פון פרעמדע, באן דיר א וועג צו דיין אמתן מקור, שאקל זיך אפ פונם שטויב, מיט שטאלענע געציג, קלאפ אפ די ווילד־געוואקסענע, שטיינערנע מחיצה, וועלכע מאכט א צווישנשייד פון דיר ביז השם־יתברך. טיפער, טיפער, נאך טיפער, ביז דו וועסט סוף־כל־סוף דערשלאגן זיך צום נצוץ אלקי —

שובה ישראל עד ה׳ אלקיך . . .

ביז צו דער סאמע טיפעניש פון דיין נשמה, פון דיין אידישער נשמה, פון דיין געטלעכער נשמה . . .

* * * * *

יב

א גאנץ יאר איז דער איד פארחושכט, פארפינצטערט, אפגעלאכט, פארפרעמדט, דערוויטערט (ווער האט אים דערווייטערט?), מגושמדיק, קאלט, געפרוירן, פארגוייִשט ביז איבער די אויערן — אמאל דערמאנט אים א שונא־ישראל, אז ער איז א איד; קומען אבער די ימים־נוראים — צעפלאמט זיך יענער געטלעכער פונק. ער דערוואךימט אביסל דעם געפרוירענעם קערפער און באלייכט אביסל די פינצטערקייט פון זיין נשמה. ער קען זיך ניט אפגעבן קיין ריכטיקן דין וחשבון, אבער ער לויפט זוכן א באַרואיקונג צו זיין אויפ־ברויז. ער קען עס אליין ניט דערקלערן: פון וואנען נעמט זיך עס אזא גע־דראנג? פארוואס גראד אין די טעג נאגט אים זיין געוויסן, און ווי׳ל עס באַ־רואיקן מיט קויפן א זיץ־ארט אין דער אדער יענער שול . . .

דאס איז אן אפשיין פון התגלות, א בליאסק פון אנטפלעקונג . . . א דערמאן, א ארום און ארום איז חושך, תוהו ובוהו . . . אבער —

ורוח אלקים מרחפת על פני המים . . .

וואויל איז דעם מענטשן, וועלכער דערשפירט אין דער סאמע פינצ־טערניש אזא געדראנג צו זוכן, א בליאסק, זאל זיין כאטש א מאמענטאלער, א צייטווייליקער, א דורכלויפנדיקער, ווייל דער גרעסטער פלאקער ווערט דאך אנגעצונדן דורך א פלוצימדיקן פייער־פונק.

והי׳ בית יעקב אש ובית יוסף להבה, ובית עשו לקש . . .

(עובדיה, א׳ י״ח).

עס ווילט זיך מיר טײַטשן: ווען יעקבס הויז וועט זיין ווי א פייער און יוספס הויז וועט אויפפלאקערן ווי א פלאם, ערשט דאן וועט עשוס הויז ניט זיין מער ווי שטרוי, וועלכעס ווערט פראצערט און פארניכטעט.

* * * * *

יג

די גיפטיקע שנאה פון עשון צו יעקבן, האט אין קיין תקופה ניט אנגענומען אזא מוראדיקע פארם ווי אין אט דער תקופה אין וועלכער מיר לעבן.

עקזיסטירט האט זי יא, וואס אז אמת, תמיד, אין אלע דורות און אין אלע צייטן. זי איז אבער שטענדיק פארדעקט געווארן מיט א מאנטל, אמאל פון רעליגיעזן קאליר, אמאל פון א נאציאנאלער אדער סאציאלער פארב. ציוויליזאציע, קולטור און אנדערע נעמען האבן דעם קרעציקן קערפער פון אייראפע באדעקט און באשיינט. דער עיפוש האט אבער דורכגעשלאגן דעם צודעק, און דער קרענקלעכער שוויים האט אויפגעפרעסן דעם פורפור־מאנטל פון דער ציוויליזאציע. די אייראפייאישע קולטור איז געווארן קרוע ובלוע, צעריסן און פארפוילט, אנטבלויזט און נאקעט. דער היטלעריזם און פאשיזם איז ארויס אויף דער אויבערפלאך.

און דער שעיר לעזאזל, וועלכער איז מוכן ומזומן פון ששת ימי בראשית, דער אייביקער איד, איז ווידער געווען דער ערשטער קרבן געווארפן צו ווערן אויף דער וועלט־שרפה . . .

דער בלוט־דורשטיקער עשו, וועלכער האט געירשנט נמרודס קליידער און אלע זיינע מעטאדן און אידייען, האט אבער פארגעסן, אז די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב ווערן אפילו אין ברענענדיקן קאלך־אויוון ניט פארברענט. די וועלט־שרפה האלט אין פארלאשן ווערן . . . די מלחמה דערנעענטערט זיך צום סוף . . . איטלעכער האט זיין חלק באקומען. די גיפטיקע שלאנג איז שוין שטערבלעך פארוואונדעט, זי צאפלט נאך אין די לעצטע גסיסה כחות, באלד וועט זי ווערן אומשעדלעך. דער שונא איז כמעט ווי באזיגט . . . אבער די זיגער האבן באצאלט א פולן פרייז פארן זיג . . .

מי במים ומי באש, מי בחרב ומי בחיה, מי ברעב ומי בצמא מי ברעש ומי במגפה . . .

די נאבעלע מענטשהייט וועט די זיגער מיט ליוב באדאנקען פאר זייער העלדנטאט און גבורה, און דער עיקר פארן דערשלאגן די גיפטיקע שלאנג, וועלכע האט אויפגעהויבן איר קאפ אין ביר־קעלער פון דער בייערישער הויפט־שטאט — מינכען . . . עס דערנעענטערט זיך די שעה ווען די וועלט וועט יובלען פאר פרייד . . . שכור ניט פון וויין, נאר נצחון; אויפגערוימט און מונטער ניט פון שארפע געטראנקען, נאר פון גאוה און שטאלץ . . .

און מיר, אידן רחמים דארפן מיר האבן, רחמים גדולים, מען זאל אין אונדז ניט פארגעסן, מען זאל אונדז אמאל ווידער ניט פארשכורן מיט א פאפירענער דעקלאראציע, וועלכע קאן אויסגעטייטשט ווערן ווי עס לוינט זיך, איטלעכן מאנטיק און דאנערשטיק אן אנדער פירוש . . .

יד

אין די הייליקע טעג, ווען אידן פארזאמלען זיך אין די בתי־כנסיות ובתי מדרשות און פארגיסן הייסע טרערן צום בורא עולם, דארף איטלעכער יחיד געדענקען ניט בלויז אין זיינע אינדיווידועלע הצטרכותן, נאר דער עיקר אין דער פארוואונדעטער כנסת־ישראל, וועלכע גארט און בענקט נאך א שטיקל היים אויפן כדור־הארץ, נאך א רואיק ווינקעלע צו קאנען לעבן ווי א געט־לעך פאלק, ווי אן עם הספר, ווי א ממלכת כהנים וגוי קדוש . . .

דעריבער דארפן זיך אלע אידנס תפלות צוזאמענגיסן אין איין היים געבעט:

ובכן תן פחדך ה׳ לעמך . . . תהלה ליראיך ותקוה טובה לדורשיך ופתחון פה למיחלים לך . . .

דעריבער, הייליקער באשעפער, גיב כבוד צו דיין פאלק, לויב צו די וועלכע האבן פאר דיר מורא; האפענונג צו די, וועלכע זוכן עס פון דיר דוקא.

שמחה לארצך וששון לעירך, וצמיחות קרן לדוד עבדך . . .

שמחה צו דיין לאנד, און פרייד צו דיין שטאט; א שפראץ צו דער הערשאפט פון דוד דיין דינער.

ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו . . .

דאס אלץ זאל זיין די לעצטע הכנה צום גרויסן ליכט פון משיח בן דוד, וועלכעס זאל אנהויבן ברענען און ברענען ממש אין אונדזער צייט . . . ווייל נאר דאס וועט זיין דער אבסאלוטער און אמתער כבוד פאר דער כנסת־ישראל, כבוד וועלכער קומט ניט פון פרעמדע — מעגן זיי זיין אפילו פריינט — נאר פון הקדוש ברוך הוא אליין . . .

ובכן תן כבוד ה׳ לעמך . . .

(ערב ראש־השנה, תשי״ג).

טו

היום הרת עולם

היינט קארטשעט זיך די וועלט אין שרעקלעכע ווייען. די שוואנגער־שאפט איז א שווערע, די חבלי־לידה זיינען ניט איבערצוטראגן . . . דער־שראקענע שטייען די נאענטע און זען ווי די געווינעריין ראנגלט זיך שטארקער און שטארקער, אט־אט וועט געבוירן ווערן א קינד, א מזלדיקס, א גליקלעכס,

א ברכה־פולס — אזוי האָפט מען . . . אָבער דערוויי̈ל איז נאָך אַלץ ניט קלאָר וואָס פאַר א נפש עס וועט געבוירן ווערן.

הוּם הרת עולם . . .

היינט שוואַנגערט די וועלט — היינט גייט זי געבוירן . . .

עס דאַרף געבוירן ווערן א נייע, א בעסערע, א שענערע וועלט . . . היינט ווערט די בלוטיקע וועלט, די גרויזאַמע, די אכזריותדיקע, געשטעלט צום משפט.

דער שופט כל הארץ, דער ריכטער פון אַלץ עקזיסטירנדיקן, זעצט זיך היינט אויף זיין ריכטער־טראָן. פאַר אים און פאַר זיין בית־דין וועלן פאַרבייגעפירט ווערן פעלקער און לענדער, נאַציעס און מדינות, יחידים און פאַרבאַנדן. און דער פסק וועט אַרויסגעגעבן ווערן: ווער צום טויט און ווער צום לעבן, ווער זאָל אומקומען דורך שווערד און ווער זאָל לעבן בשלום, ווער עס זאָל צום טויט פאַהונגערט ווערן און ווער זאָל זיך דערנערן צו זאַט.

ועל המדינות בו יאמר: איזו לחרב ואיזו לשלום, איזו לרעב ואיזו לשובע . . .

גלויבן מיר באמונה שלמה, אַז סיי פאַרן שופט כל הארץ און סיי פאַר זיין בית־דין, איז אַלץ ריכטיק פאַרצייכנט געוואָרן: אַלע אומגעקומענע דורך דער שווערד און גיפט, דורך הונגער און דורשט, אַלע אומבאַקאַנטע בירדער־קברים און מאַסן־הריגות פון זקנים און זקנות, מענער און פרויען קינדער און זויגלינגען; אַלע אויסגעוואָרצלטע, אַלטע אידישע ישובים, קהלות הקודש, שולן און בתי־מדרשים, אור־אַלטע, גוט־אויסגעפּרובירטע אידישע פעסטונגען, וואָס ליגן אַצינד אין חורבות און רואינען; מיר גלויבן און זיינען איבערצייגט, אַז פאַר אַלץ וועלן די מערדער און קאַניבאַלן מיט זייער לעבן באַצאָלן; מיר גלויבן באמונה שלימה, אַז זיי וועלן אָפּגעמעקט ווערן ווי ביים מבול, און פון זייער זכר וועט גאָרנישט ניט פאַרבלייבן, ווייל —

השופט כל הארץ, לא יעשה משפט ? . .

„צי וועט דען דער ריכטער פונם גאַנצן באַשאַף, חלילה ניט טאָן קיין גערעכטן משפט"? . .

ווען א פאָלק האָט אַראָפּגעריסן פון זיך דעם צלם־אלקים און אַרויס־געלאָזט זיך אויף אַלע פיר עקן צו פאַרזייען טויט און פאַרניכטונג, אונטער־צודריקן פעלקער און נאַציעס, מדינות און לענדער, און געוואָלט פאַרטיליקן גראָד די שוואַכסטע און אומבאַוואָפנטסטע פון אַלע אומות — צי וועט דער שופט כל הארץ ניט אַרויסטראָגן דעם פאַרדינטן אורטייל ? . .

צי שרייט דען ניט פאַרן כסא־הכבוד דאָס בלוט פון די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען אין משך פון די פינף גרויזאַמע יאָר ? . . צי דערשיינען דען ניט די מיליאָנען יונגע און אַלטע, הייליקע נשמות פאַרן כסא־המשפט און בעטן זיך ביים ריכטער פון דער וועלט:

אל נקמות ה'! אל נקמות הופיע ! . .

דו ביסט דאָך דער גאָט פון נקמות, באַווייז זיך און דערשיין מיט דיין פולער קראַפט! היינט, אינם טאָג פון משפט, ווען —

וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון . . .

ווען איטלעכער לעבעדיקער מענטש ווערט באַטראַכט, עקזאַמענירט און געמשפט פאַר זיינע מעשים; היינט וועלן אויך פאַרביינעפירט ווערן די אַלע, וואָס האָבן פון רציחה און קאַניבאַליזם, פון גענגסטעריי און ברוטאַליטעט געשאַפן אַן אידייע; היינט וועלן אויך געמשפט ווערן די פּרייסישע יונקערם, די פירערס פונם "הערן־פאָלק", די "סמעטענע פון דער מענטשהייט", וואָס האָבן אַזוי ברוטאַל פאַרטיליקט עטלעכע מיליאָן אידן און אין חורבות פאַרוואַנדלט בליענדיקע ישובים.

היינט וועט אויפגעמישט ווערן דער ספר־הזכרונות, וואו עס איז פאַרשריבן ווי דייטשע סאָלדאַטן און אָפיצערן, אַליין טאַטעס פון קינדער, האָבן שוצלאָזע, אויסגעמאַטערטע, פאַרהונגערטע קינדער געשאָכטן, דערשטיקט אין גאַז־קאַמערן; היינט וועלן געמשפט ווערן מערדער מיט "הויכער" בילדונג, אוניווערסיטעט און הויך־שול געענדיקטע "קולטור־מענטשן", פאַר צווינגען קינדער זיי זאָלן גראָבן קברים פאַר זייערע לעבעדיקע עלטערן . . .

היינט וועט דער אַפּפּאַל פון דער מענטשהייט געמשפט ווערן. זיין גורל וועט פאַרחתמעט ווערן —

וכל הרשעה כלה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ.

"און דאָס גאַנצע רשעות וועט ווי רויך פאַרגיין, ווען דו, גאָט, וועסט די הערשאַפט פון בייזוויליקייט פון דער גאַנצער ערד פאַרניכטן". . .

טז

פונקט ווי פאַרן בית־דין של מעלה, אַזוי אויך פאַרן בית־דין של מטה, וועלן באַטראַכט און פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן די אַלע גרויזאַמקייטן און גרויל מעשים פון די דייטשן, וואָס האָבן פינף יאָר צייט אונדערגעהאַקט מיליאָנען לעבנס און פאַרוויסט די פּראַכטפולסטע געגנטן פון אייראָפּע.

אונדזער וואַרימע תפלה אין די הייליקע טעג וועט זיין: גאָט פון נקמות! צינד אָן דיין גערעכטיקייט־פייער אין די הערצער פון די שופטים אויף דער ערד. זאָלן זיי אַרויסטראָגן דעם אמת, פאַרדינטן פסק פאַר די וואָס האָבן דיין וועלט אין פלאַמען פאַרוואַנדלט און דיינע קינדער אַזוי ברוטאַל פאַרטיליקט. זאָל דאָס רשעות ניט האָבן מער קיין תקומה. צדק און יושר זאָל הערשן פאַר אַלע איינוואוינער אויף דער ערד. זאָלן אַלע אָנערקענען אַז נאָר צו דיר געהערט דאָס קיניגין.

כי לך ה' המלוכה ומושל בגוים . . .

יז

נקמה איז ווירקלעך אַ געשמאַקער ביסן, בפרט לגבי רשעים און האָלסייל־מערדער.

ובאבוד רשעים רנה . . . (משלי, י״א, י׳).

״אז רשעים ווערן פארניכטעט איז א געזאנג״. . .

צי קאן אבער אונדזער פארלוסט פארגיטיקט ווערן מיט דער בלויזער פארניכטונג פונם רשעות? צי קאנען די אידישע חורבות אויפגעבויט ווערן אפילו ווען די נאצי־געגנסטערס וועלן שוין הענגען אויף די תליות?

און אז די אלע באפרייטע לענדער וועלן שוין דערקלערן פייערלעך, אז זיי וועלן אנערקענען גלייכבארעכטיקונג פאר אלע איינוואוינער, צי איז דער אידישער גורל שוין פארזיכערט? צי קאן דער אידישער געוויסן שוין זיין באַ־רואיקט?

אונדזער ענד־ציל איז אבער גאר אן אנדערער: רעכט פאר אידן אין גלות איז אודאי א גאר וויכטיקער ענין און וועלכן מען קען זיך אפילו ניט פאר־שטעלן. אונדזער ענד־ציל איז אבער די אבסאלוטע אנערקענונג פון א אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, א מלוכה וואס זאל זיין אזוי אידיש ווי קאנאדע איז קאנאדיש; א מלוכה, וואו עס זאל הערשן דער גייסט פון די נביאים און די געזעצן פון דער תורה זאלן דאמינירן דאס גאנצע אידישע לאנד און אלע אירע איינוואוינער.

אונדזער תפלה אין די הייליקע טעג דארף דעריבער זיין מיט גרויס כונה און ערנסט: אונדזער גאט און גאט פון אונדזערע עלטערן —

תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גלויותנו . . .

רוף צוזאמען מיט דיין גרויסן און חשובן שופר אלע צעווארפענע און פארשטויסענע אידן וואס זיינען צעזייט און צעשפרייט אויף אלע קאנטינענטן און אינדזלען; רוף זיי, זאלן זיי קומען און זיך אומקערן אין אייגענעם לאנד, אין לאנד וואס דו האסט צוגעזאגט צו אברהם, יצחק און יעקב.

והיה ביום ההוא: יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור, והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים . . .

(ישעיה, כ״ז, י״ג).

״און עס וועט געשען אין יענעם טאג, עס וועט געבלאזן ווערן מיטן גרויסן שופר, עס וועלן קומען די פארלוירענע אין לאנד אשור און די פאר־שטויסענע אין לאנד מצרים, און זיי וועלן זיך בוקן צו גאט, אויפן הייליקן בארג אין ירושלים״. . . (ערב ראש־השנה, תש״ה).

יח

תקע בשופר גדול לחרותנו

עס איז שטיל געווארן אויף אלע שלאכטפעלדער. די באזיגטע זיינען געצוואונגען געווארן אוועקצולייגן זייערע וואפן. מיט שטאלץ מארשירן די זיגער אין די באזיגטע לענדער. עס יובלען די פירער מיט די ארמייען צוזאמען.

די ציווילע באפעלקערונג איז פול מיט פרייד. עס פרייען זיך מאמעס, וואס דערוואַרטן דאס צוריקקומען פון זייערע זין; עס זינגען די פרויען, וואס דערוואַרטן זייערע העלדישע מענער, און קינדער זיינען פול מיט בענקשאפט, זיי ציילן שוין די שעהן ווען זייערע פאטערס וועלן שוין דערשיינען אין זייערע היימען . . .

די בלוטיקע מלחמה איז פארענדיקט — אזוי שרייבן בפירוש די צייטונגען, און אזוי הערט מען כסדר פון דער ראדיא . . .

מעגלעך אז דאס מאל שרייבן די צייטונגען אמת, און די ראדיא־כוואליעס זאגן ניט קיין שקר . . . די מלחמה איז טאקע פארענדיקט, בלוט ווערט מער ניט פארגאסן און יונגע לעבנס ווערן מער ניט אונטערגעהאקט.

די דיפלאמאטישע שלאכטן גייען אבער נאך אן. די וועלט־הערשער זיינען נאך לאנג ניט געאייניקט, מען שלאגט זיך נאך דערוויל איבער דער ירושה. די איינפלוס־זאנע איז נאך אלץ ניט ריכטיק פארטיילט און עס וועט נאך זיין צו זינגען און צו זאגן . . . דאס כאפעריי פון די זיגער ווערט אלעמאל שטארקער. די מלחמה איז געפירט געווארן קעגן פאשיזם און קעגן דיקטא־טור, קעגן די וואס האבן געוואלט זייערע אידייען ארויפצווינגען אויף אנדערע פעלקער . . . נו, אז די בלוטיקע מלחמה איז שוין פארענדיקט, וואכט דען ניט ווידער די זעלבע דיקטאטור און וויל באהערשן פעלקער און נאציעס, אידייען לעבנס־שטייגערס? צי ווערן פעלקער באמת אצינד שוין באפרייט? . .

און וואס איז מיטן אידישן פאלק? דעם פארגעסענעם שותף אין פרידן־צייט, אבער דער גלייכבארעכטיקטער אין דער מלחמה? . .

וואלט דען ניט געווען קיין יושר ווען די גרויס־מאכטן זאלן פראקלא־מירן ארץ־ישראל אלס מלוכה פארן גערודפטן, פארפייניקטן, אידישן פאלק?! ווילעבער באוואוסטזיניקער מענטש גלויבט עס דען, אז די מלחמה האט טאקע אויפגעהערט? וועלכער בר־דעת וויל זיך עס לאזן אפנארן, אז אמתער שלום הערשט שוין אויף דער וועלט?

כל־זמן ארץ־ישראל ווערט ניט אפגעגעבן צו אידן, קען גאר קיין רייד ניט זיין וועגן שלום; כל־זמן די הייליקע שטאט, וואס טראגט דעם נאמען שלום, ווערט טעראריזירט פון א מינדערהייט — ווער גלויבט עס אין א שלום?!

איך ענדער אויף א ווייַלע ישעיה הנביאס ווערטער (קאפיטל ג׳, פסוק י״ד), און רוף אויס:

ה׳ במשפט יבוא עם זקני הארץ ושריה, ואתם בערתם הכרם, גזלת העני בבתיכם . . .

„גאט וועט זיך נעמען צו משפטן די פירער פון דער ערד און אירע פירשטן . . . ווייל איר זייט גלייכגילטיק געווען, ווען דער אידישער וויינגארטן איז פארניכטעט געווארן, און איר האלט נאך אלץ אין אייער באזיץ דאס צו־גערויבטע פונם ארעמאן אין אייער הויז״. . .

אלע וועלט־פּראָבלעמען וועלן אָפּן דיסקוטירט און ברייט אַרומגע־רעדט. דער גורל פון פעלקער וועט געלייזט אַז מורא און אַז פחד; מען צעשניידט לענדער, מען פּלאַנט צו עוואַקואירן פעלקער און נאַציעס. קומט מען אָבער צום אידישן לאַנד, אַזוי ווערן די וועלט־הערשער שטום. זיי ריידן און דעררעדן ניט . . . זיי זאָגן צו, אָבער זיי גיבן ניט . . . זיי האָבן אַליין מורא, און מאַכן אַנדערע צום מורא האָבן . . . זיי ווערן אומבאַהאָלפן און האָבן ניט דעם מוט צו זאָגן יאָ אָדער ניין ! . .

פון דער טיפעניש פון דער אידישער נשמה דערהערט זיך דער ביטע־רער געשריי —

גזלת העני בבתיכם ! . .

איר, וועלט־הערשער, זייט וויסן, אַז אין אייער רשות געפינט זיך די גרעסטע גזלה פונם אָרעמסטן פון אַלע אָרעמע! קערט אום די דאָזיקע גזלה! גיט צוריק דאָס הייליקע לאַנד צום אידישן פאָלק!

איר, וועלט־הערשער, מיט וואָס פאַר א געוואַגטקייט האָט איר באַזיגט די נאַציס און די יאַפּאַנעזער? מיט מוט און מיט גבורה, מיט אַלערליי כלי־זין און פאַרניטכונג־געצייג האָט איר מיט הערויזם צום טויט דערשלאָגן די גיפטיקע שלאַנגען. און ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַרויסווייזן אַביסעלע געוואַגטקייט לגבי די קעגנער פונם אידישן לאַנד, ציינגט איר זיך אַרויס ווי איר וואָלט געווען פּאַראַליזירט . . . איר שרעקט זיך און מאַכט אַנדערע זיך צו שרעקן פאַר אַנפאַלן פון אַראַבער, פאַר א ״הייליקער מלחמה״ מצד די מוסול־מענישׂ־גלויביקע . . .

ווי אומבאַהאָלפן איר זייט, וועלט־הערשער? ווען עס האַנדלט זיך וועגן פאַרגינטיקן דעם גרעסטן שותף צו די פאַרלוסטן! וואָס פאַר א שוואַכקייט איר ווייזט אַרויס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אויפשטעלן די קליינינקע אידישע מלוכה. די אַראַבער באַזיצן זיבן מיליאָן, הונדערט און פערציק טויזנט, און ניין הונדער מיט זיבן און צוואַנציק סקווער מייל לאַנד. דער גרעסטער טייל דערפון איז מדבר, וויסט, ניט קולטיווירט. ארץ־ישראל האָט נאָר צען טויזנט פיר הונדערט און ניין און צוואַנציק סקווער מייל. און דאָך האָבן אידן וואונדער באַוויזן, ממש נסים ונפלאות: אויסגעטריקנט מאַלאַריע־זומפּן, שפּי־ציקע פעלזן אין גערטנער פאַרוואַנדלט, אַריינגעבראַכט קולטור, ציוויליזאַציע, מוט און פליסיקייט, ענערגיע און מסירת־נפש.

און נאָך אַלעמען שושקעט מען זיך בלויז וועגן אידן; מען סודעט זיך בלויז וועגן ארץ־ישראל . . .

וועגן מאַנדזשוריע און קאָרייע, וועגן סיאַם און אַלבאַניע וועלן זיך די וועלט־הערשער ברעכן זייערע קעפּ און אין די אויסלאַנד־מיניסטעריומס וועט מען הנודערטער דאָקומענטן מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט צוגרייטן און באַהאַלטן. די ארץ־ישראל פראַגע בלייבט אָבער ביז היינט אויף א טויטן, געפרוירענעם פונקט. די גרעסטע וועלט־חכמים קאָנען זיך קיין עצה ניט געבן וועגן דער אַראַבער־פראַגע.

די וועלט זאגט, אז די אטאמישע באמבע האט אזוי אויפגעטרייסלט דעם שונא, אז ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי זיך אונטערצוגעבן. אפשר וואלטן זיך אויך אפגעזוכט גרויסע חכמים און אויסגעפונען א נייע מין אטאמישע באמבע, וואס זאל אויפטרייסלען דעם געוויסן פון די וועלט־הערשער, זיי זאלן ניט מיט אזא ליכטזיניקייט פארביגיין דאס לאנד פון אונדזערע אבות . . . זאלן זיי עפענען די אויגן און איינמאל פאר אלעמאל שוין דערזען, אז די איינציקע לייזונג פון דער אידן־פראגע, איז א אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל . . . און קיין אנדערע מיטלען זיינען ניט קיין אמתע נאר באבסקע רפואות . . .

יט

אין די טיפעניש פונם אידישן באוואוסטזיין טליעט דער אייביקער פונק פון בטחון און אמונה, פון גלויבן אין גאט פון אברהם, יצחק און יעקב, צו וועמען ער האט צוגעזאגט צו געבן זייערע קינדער דאס דאזיקע לאנד. אין אלע דורות האבן אידעאליסטן זיך געריסן און געבענקט צו זייער הייליק לאנד. זיי האבן תמיד געהאפט, אז גאט וועט זיין דער אמתער גואל פון זיין פאלק און דער מלך איבער זיין לאנד . . .

אידן האבן תמיד מתפלל געווען מיט גרויס כונה:

מתי תמלוך בציון, בקרוב בימינו . . .

"ווען וועסטו שוין, גאט, קיניגן אין ציון. טאקע שוין, אין אונדזער צייט". . .

אין די הייליקע טעג פון ראש־השנה און יום־כפור, ווען אלע אידן, אן אויסנאם, פארזאמלען זיך אין די שולן מתפלל צו זיין פאר זיך זעלבסט, זאל קיינער ניט פארגעסן בעטן ביי גאט, פון די טיפעניש פון דער נשמה זאלן מיר אויסרופן:

תקע בשופר גדול לחרותנו . . .

"בלאז מיטן גרויסן שופר, זאג אן אונדזער באפרייאונג". . . ווייל נאר דיין הילף וועט זיין די אויפריכטיקע און די אמתע . . .

ווייל כאטש מיר פארלאנגען הילף פון מענטשן, וואס שטייען ביים רודער פון דער וועלט־פאליטיק, פארלאזן מיר זיך אבער ניט אינגאנצן אויף זיי. מיר האפן צו השם־יתברך, אז ער וועט אויפשטעלן דאס אידישע פאלק אויף פעסטע יסודות און צוריק באנייען די אידישע מלוכה, וואו ער וועט אנערקענט ווערן פונם גאנצן פאלק אלס מלך.

אמרו לפני מלכיות, כדי שתמליכוני עליכם . . .

"זאגט פאר מיר מלכיות, כדי איר זאלט מיך קרוינען איבער אייך". . .

* * * * *

כ

אין די הייליקע טעג, ווען איטלעכער איד, מאַן און פרוי, בעט פאַר זיין געזונט, פאַר זיין פּרנסה און פאַר זיין פּריוואַטן וואוילשטאַנד, דאַרף קיינער ניט פאַרגעסן אַן די פאָלקס־אינטערעסן פונם אידישן פאָלק, ווייל ווען די נאַציע לעבט איבער אַ קריזיס, דאַרפן אַלע פּריוואַט־אינטערעסן געשטעלט ווערן אין אַ זייט.

צי האָבן דען ניט אַלע געזען, ווי אין דער צייט פון מלחמה האָבן מענטשן מקריב געווען זייער גאַנצן אינדיווידועלן געגנוס און וואוילזיין, און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די מלחמה־פירער?

אין אַלע לענדער, וואו די מלחמה איז געפירט געוואָרן, האָבן די פעלקער אויפגעהערט צו לעבן זייער נאָרמאַל לעבן, און זיך געמוזט צופּאַסן צו אַלע מלחמה־רעגולאַציעס. ווייל דאַן, ווען דאָס לאַנד שטייט אין געפאַר, טאָר קיין יחיד ניט אין זינען האָבן זיינע פּריוואַטע אינטערעסן.

דאָס אידישע לאַנד שטייט היינט צו טאָג אין געפאַר. עס איז אויסגעשטעלט אויף אַ געמבלעריי פון די "פּאָליטישנס" פון פעלקער. דאַרפן מיר זיך ווענדן צו דעם וואָס האָט דער ערשטער דאָס הייליקע לאַנד צו זיינע קינדער צוגעזאָגט:

ביום ההוא כרת ה' את אברם ברית לאמר: לזרעך נתתי את הארץ הזאת, מנהר מצרים עד הנהר הגדול, נהר פרת . . .

(בראשית, ט"ו י"ח).

"אין יענעם טאָג האָט גאָט מיט אַבּרמען געשלאָסן אַ בונד, און האָט בפירוש אַזוי געזאָגט: פאַר דיינע קינדער האָב איך דאָס לאַנד באַשטימט פונם טייך פון מצרים ביז צום גרויסן טייך — פרת".

אין איינער פון די רירנדיקע תּפילות פון ראש־השנה און יום־כּפּורדיקן מחזור, האָבן מיר קלאָר דעם גאַנצן אינהאַלט פון מיין היינטיקן אַרטיקל:

ובכן, תן כבוד ה' לעמך, תהלה ליראיך, ותקוה לדורשיך, ופתחון פה למיחלים לך; שמחה לארצך וששון לעירך, וצמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך במהרה בימינו . . .

"גיב כּבוד, גאָט, צו דיין פאָלק. לויב צו די, וואָס האָבן מורא פאַר דיר, און גוטע האָפענונג צו די וואָס בעטן פון דיר, און אַ גוטע געלעגנהייט צו די וואָס האָפן צו דיר; שמחה צו דיין לאַנד, פרייד צו דיין שטאָט, און אַ שפּראָץ פון דער הערשאַפט פון דוד דיין קנעכט, און אַ פאַרבאַרייטונג צום ליכט פון משיחן. דאָס אַלץ באַשטים פאַר אונדז, גאָט, נאָך אין אונדזער צייט". . .

לאָמיר האָפן, אַז די אידישע תּפילות וועלן הי־יאָר אָנגענומען ווערן און אַלע וועלן זיך אויסבעטן אַ גוט, געזונט יאָר, אַ כּתיבה וחתימה טובה, און זוכה זיין צום מאָמענט, ווען עס וועט זיין —

תקע בשופר גדול לחרותנו . . .

(ערב ראש־השנה, תש"ו).

יום-כפור

א

יעלה תחנוננו מערב, ויבוא שועתנו מבקר

נאך קיינמאל איז די אידישע נאכט ניט געווען אזוי פינצטער, אזוי דערשרעקנדיק, אזוי פארשאלטן, אזוי פחדימדיק, ווי אט די נאכט וועלכע ציט זיך שוין איבער פיר יאר צייט . . .

א ביטערע נאכט, א נאכט פון פארוויסטונג און פארניכטונג, א נאכט פון דערשטיקונג און חורבן, א נאכט פון גסיסה און טויט.

אין קיין תקופה, אפילו אין דער שווידערלעכסטער, האט דער מלאך־המות ניט געהאט אזא פול־שפעדיקן שניט ווי אין אט דער בלוטיקער נאכט. ער האט ניט קאנטראלירט קיין געבורט־שיין און איז ניט מבחין געווען בין טוב לרע; סיי צדיק און סיי רשע, סיי דעם גוטן און סיי דעם שלעכטן, סיי מאן און סיי פרוי, סיי יונג און סיי אלט, סיי דעם פעטן און סיי דעם מאגערן — אלע זיינען זיי געפאלן דורך זיין שווערד, אלע זיינען זיי אומגעקומען אין דער פינצטערער נאכט . . .

זייער פארצווייפלטע הילף־רופן זיינען ניט דערהערט געווארן. די חי'שע הענקערס האבן זיך געטונקט אין תענוג. זייער טרפהנער שמייכל און הילכיקער געלעכטער האבן באגלייט די לעצטע "שמע ישראל" רופן. דער טויט האט גובר געווען . . .

* * * * *

ב

און די איבערגעבליבענע? אין טויט און שרעק צעלאפן זיך ווי מייז אין די לעכער, באהאלטן זיך אין געדיכטע וועלדער, זיך דערנערט מיט גראזן און ווילדע געוויקסן; קינדער אן עלטערן, פרויען אן מענער, אלמנות, עגונות, שלעפן זיך אויף מסוכנדיקע וועגן מיט פיצלעך שוואלבן אויפן ארעם, גע־שוואלן פון הונגער און דארשט, אן ציל און אן האפענונג, געיאגט און גע־פלאגט פון א גרויזאמען, מעכטיקן און ברוטאלן שונא, וועלכער האט באוויזן בריהשאפט קעגן שוצלאזע, עלנטע מענטשן . . .

ועוד ידו נטויה ! . .

"זיין האנט איז נאך ניט פאראליזירט". . .

ער האקט נאך קעפ אויף רעכטס און אויף לינקס; ער ווארצלט נאך אוים אלט־באזעסענע ישובים און ברענגט נאך חורבן און פארוויסטונג; ער שפריצט נאך מיט גיפט און מיט גאל; ער באשמוצט נאך דעם אלטן און אייביק יונגן פאלק ישראל, און גלויבט, אז ער איז ספעציעל אויסדערוויילט געווארן פון טייוול צו פארניכטן די אידישע אומה . . .

ג

די כנסת־ישראל, וועלכע זינגט אפילו ווען עס איז איר ביטער אויפן הארצן און זי לויבט דעם באשעפער סיי פאר גוטס און סיי חלילה פאר שלעכטס, זי קארטשעט זיך אצינד אין דרייען אין דער פינצטערניש פון דער גרויזאמער נאכט. זי וויינט און זינגט, זינגט און וויינט; בעט און פאדערט, פאדערט און בעט:

יעלה תחנוננו מערב ! . .

הייליקער באשעפער, זאלן דיינע אויערן שוין איינמאל צוהערן אונד־זער געבעט, דאס רירנדיקע געבעט פון דער נאכט ! . .

יעלה קולנו מערב . . .

זאל ארויפגיין צו דיר אונדזער שטימע פון דער נאכט, די שטימע פון די פארוואגלטע, צעזייטע און צעשפרייטע, פארחושכטע און פארפינצטערטע, פאראומגליקטע און פאריתומטע . . .

יעלה ענוינו מערב . . .

זאל אונדזער פיין ארויפגיין צו דיר, די פיין פון די פארפייניקטע, די ליידן פון די ליידנדיקע, דאס אומגליק פון די פאראומגליקטע . . .

אין דער הייליקסטער נאכט פונם יאר, ווען אלע קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב פארזאמלען זיך אין די שולן, וועט זיך זיכער ארויסרייסן אזא רירנדיקע תפלה פון איטלעכנס הארצן —

יעלה תחנוננו מערב ! . .

גענוג שוין פינצטערקייט, גענוג שוין נאכט, דערהער אונדז שוין איינ־מאל; צעטרייב שוין די שווארצקייט, פארזאג שוין די כמארע, פארענדיק שוין די נאכט — די נאכט, וועלכע האט פאר־אונדזער פאלק אזויפיל אומגליק געבראכט, חורבן איבער אלע חורבנות, ליידן און פיין.

יעלה אנקתנו מערב . . .

זאל אונדזער קרעכץ און אונדזער געשריי זיך דורכשלאגן צו דיר. העלף שוין גאט, העלף! מיר ראנגלען זיך אין שטורימשע כוואליעס פון שנאה און האס; העלף אונדז, ווייל אט־אט און מיר ווערן דערטרונקען; העלף אונדז, ווייל מיר קומען חלילה אום ! . .

אבינו מלכנו עשה למען שמך הגדול . . .

איז באמת נאך ניט געקומען די צייט פון גאולה? איז ווירקלעך נאך ניט אנגעפילט אונדזער בעכער פון פורעניות? זיינען מיר נאך אלץ ניט אפגע־קומען פאר אונדזערע זינד? דאן טו עס, פאטער, פאר דיין נאמען וועגן, ער זאל ניט פארשוועכט ווערן צווישן גוים און אומגלויביקע. פארוואס זאלן זיי זאגן: וואו איז זייער גאט?

ד

ווען אנדערע נאציאָנען און פעלקער דערזען שוין ליכט־שטראַלן צו זייער באנייט לעבן, זייערע האָפענונגען הויבן אָן פארווירקלעכט צו ווערן — ציט זיך נאָך אַלץ ווייטער אונדזער נאכט . . .

עס ווילט זיך אויסשרייען צוזאמען מיט אַלע באוואוסטזיניקע אידן וועלכע קאָנען קוקן דער ביטערער לאנגע גליידן אין די אויגן אריין —

שומר מה מלילה — שומר מה מליל ? . .

גאָט פון ישראל, אונדזער היטער, וועלכער וואכט איבער אונדז. ווען וועט זיין דער סוף פון דער פינצטערער, לאנגער נאכט ? . .

אין די רירנדיקסטע מאָמענטן פון אידישער אחדות, ווען אַלע ביי וועמען דאָס פינטעלע איד איז נאָך ניט פארלאָשן געוואָרן; די וועלכע שטאמען פון אברהם, יצחק און יעקב; וועלכע זיינען פארזאמלט היינט אָוונט אין די שולן און אין די מקומות התפלה, — ביי אָט די אַלע וועט זיך ארויסרייסן פון זייערע טיפע־טיפעניש, באוואוסטזיניק צי ניט באוואוסטזיניק, דאָס געשריי פון דער כנסת־ישראל —

יעלה תחנוננו מערב ! . .

זאָל ארויפגיין, זאָל דערהערט ווערן אונדזער הייס געבעט פון דער נאכט . . .

מיר גלויבן באמונה שלמה, אז נאָענט איז די שעה ווען מיר וועלן פאָרט דערהערן די געטלעכע שטימע; אז אָט־אָט הויבט שוין אָן טאָגן אויף פאר אונדז; אָט־אָט וועלן פאריאָגט ווערן די פינצטערע כמארעס; אָט־אָט הויבט אָן אויפגיין דער מאָרגן.

אָמר שומר, אָתא בקר . . .

דער שומר ישראל, דער וועלכער שלאָפט ניט און דרימלט ניט, ער לאָזט הערן זיין שטימע, אָט קאָן איך פאר אייך פארשיינען א פראכטפולן פרימאָרגן —

וגם לילה . . .

פונקט ווי איך האָב אייך פארפינצטערט א שרעקלעכע, גרויזאמע נאכט.

עם תבעיון בעיו, שובו אתיו . . . (ישעיה, כ״א, י״ב).

ווילט נאָר אויף אַן אמתן, קערט אייך צוריק צו מיר. קומט, איך וועל אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס . . .

אָמר שומר, אָתא בקר ! . .

נאָר אָט־אָ דער מאָרגן וועט אויף אַן אמת פאריאָגן די פינצטערע נאכט, נאָר דער פרימאָרגן וואָס הקדוש ברוך הוא אליין וועט אים שיקן, דער איז בכח אויפצולעבן די אידישע אומה.

אבער ניט קיין געקינסטלטער, פּאָליטישער, מאָמענטאַלער מאָרגנ־שטערן איז בכח דער כנסת ישראל צוריקצוגעבן איר צויבער, איר פּראכט, איר גלאַנץ און איר שטאָלץ . . .

מיר שרעקן זיך פאר אזא סאָרט אָפּגענאַרטן פרימאָרגן, ארום וועלכן עס פּאָרען זיך שוין די נביאי־השקר פון דער היינטיקער תקופה . . . און ווילן מזכה זיין דאָס פאָלק ישראל מיט אזא "גליק".

יעלה תחנוננו מערב ויבוא שועתנו מבקר . . .

זאָל זיך דורכרייסן צו דיר און אויפגיין אונדזער געבעט פון דער נאכט — און זאָל אָנקומען צו דיר, גאָט, אונדזער געשריי פונם פרימאָרגן . . .

העלף אונדז, גאָט, העלף! . . זאָל דאָס געבעט פון דער הייליקער נאכט דורכרייסן די פינצטערע, פארכמארעטע, פארוואָלקנטע, גרויזאמע נאכט . . .

יעלה קולנו מערב, ויבוא צדקנו מבקר . . .

(ערב יום־כפור, תש"ג).

ה

אתה הבדלת אנוש מראש . . .

שפלדיק, פול מיט הכנעה, צעבראָכן כחרס הנשבר, קומט דער איד אינם הייליקסטן טאָג פון יאָר אויסגיסן זיין הארץ פארן האר פון דער בריאה. ער קלאָפּט זיך אין הארצן און בעט מחילה, סליחה און כפרה, אויף אזעלכע עבירות אין וועלכע ער איז אפילו קיינמאָל ניט נכשל געוואָרן . . .

כל ישראל ערבים זה בזה . . .

בעט ער מחילה אויפן צווייטנס א חטא, אפילו אויף "הרהור הלב" בעט דער איד סליחה און כפרה . . . ער רייניקט זיין גוף מיטן פאסטן און וואשט זיין נשמה מיט תשובה; ער פוצט זיין נפש מיט חרטה און לייטערט זיין רוח הקודש מיט תפלות ותחנונים:

אל תשליכנו מלפניך, ורוח קדשך אל תקח ממנו . . .

דער הייליקער בעל שם, זכותו יגן עלינו, האָט ערב יום־כפור, ביי דער סעודה המפסקת געזאָגט, צו זיינע מקורבים: דער קודש־הקדשים איז דאָס הארץ פונם ערד־קוגל, ישראל איז דאָס הארץ פון די אומות און דער כהן־גדול איז דאָס הארץ פון ישראל; יום־כפור איז דאָס הארץ פון אלע דריי הונ־דערט פינף און זעכציק טעג פון יאָר. לשון־קודש איז דאָס הארץ פון אלע לשונות און דער תנ"ך איז דאָס הארץ פון לשון־הקודש; דער חומש איז דאָס הארץ פונם תנ"ך, די עשרת הדברות זיינען דאָס הארץ פונם חומש און דער שם המפורש איז דאָס הארץ פון די עשרת הדברות . . . אנכי ה' אלקיך . . .

אינם הייליקסטן טאָג פון אלע טעג פון א גאנץ יאָר קומען זיך אָט די אלע הערצער צוזאמען . . . דאָס הארץ פון דער מענטשהייט — דער כהן־גדול, אינם הארץ פונם יאָר — אין יום־כפור, אויף דעם הארץ פונם ערד־קוגל — אין קודש הקדשים, און ער זאָגט רוים דאָס הארץ פון אלע לשונות — דעם שם המפורש . . .

ו

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו . . .

די חז״ל זאָגן, אז ״עצמו של יום מכפר״, דער טאָג אַליין האָט אין זיך אזא כח, אזא סגולה, וואָס איז מכפר אויף אַלע עונות ופשעים . . .

דער הייליקער קאָצקער רבי זצ״ל, האָט געשריען צו זיינע חסידים אז זיי זאָלן זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף דעם ״עצמו של יום״. . . ער האָט געטייטשט: כי ביום הזה יכפר — אמת, אז דער דאָזיקער הייליקער טאָג קאָן מכפר זיין, אָבער — עליכם לטהר אתכם — איר דאַרפט אַליין זיך מטהר זיין און מקדש זיין . . .

* * * * *

ז

וכל אָדם לא יהיה בהאל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו . . .

דער זעלבע צדיק האָט געטייטשט: וכל אָדם — קיין שום מענטשלעך וועזן זאָל ניט זיין — בבואו לכפר בקודש — ווען דער כהן הגדול איז אריין לפני ולפנים איז ער נתהפך געוואָרן אין א מלאך ה׳ צבאות, ווייל אזוי שטייט בפירוש אין פסוק: וכל אָדם לא יהיה — קיין מענטשלעך וועזן איז דאָרט ניט געווען — עד צאתו — ביז דער כהן הגדול איז ארויסגעגאַנגען פונם קודש־הקדשים . . .

* * * * *

ח

דער חוזה פון לובלין האָט מלמד זכות געווען אויף אידן אין יום־כפור. ווען ער האָט זיך אוועקגעשטעלט זאָגן פאַר נעילה דברי התעוררות, האָט ער אָנגעהויבן בזה הלשון: רבונו של עולם, ווי אזוי קאָנסטו דן זיין אפילו דעם ערגסטן אידן, פאַר זייערע מעשים רעים? זיי זיינען דאָך ניט שול־דיק: פרנסה בריוח האָבן זיי ניט. תמיד זיינען זיי פאַריאָגט, האַרעווען שווער און ביטער אויפן שטיקל ברויט — ״בנפשו יביא לחמו״; דער עול הגלות איז

שווער און ביטער ווי גאַל, דער איד האָט פשוט קיין קאָפּ ניט, דיך, הייליקער באַשעפער צו דינען מיטן גאַנצן האַרצן; דאָס איז דאָך דיין שולד, רבונו של עולם! ווייל אתה הבדלת אנוש מראש — דו האָסט דאָך אָפּגעטיילט דעם מענטשן פון זיין קאָפּ . . . דו האָסט אים זיין קאָפּ פאַרדרייט, ער זאָל דאַרפן זוכן פרנסה, נו, — ותכירהו לעמוד לפניך?! — ווילסטו ער זאָל זיך אוועק־שטעלן פאַר דיר ווי עס באַדאַרף צו זיין ? . .

* * * * *

ט

די חז״ל זאָגן: א מענטש זאָל זיך געוואוינען זאָגן, ״מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם, יצחק ויעקב״ — שטענדיק זאָל א מענטש ארומגיין און

זוכן תחבולות צו דערגרייכן צו די מעשי אבות אברהם, יצחק און יעקב. האט דער רבי ר' בונם זצ"ל געזאגט: וועלכער טפש וועט עס וואגן צו זאגן, אז ער וויל דערגרייכן די מעשי אבות? נאר דער טייטש איז "יגיעו", פון לשון נגיעה, מען בעט כאטש צו האבן אן אנריר אין זייערע מעשים.

פונקט ווי אן עלעקטרישער דראט מעג ער זיין הונדערטער מיילן פון דעם עלעקטריציטעט ווערק, האט ער אבער נאר דעם אנריר — באלייכט ער און וואַרעמט . . . מיר זאגן נאך די אויבנדערמאנטע פערלדיקע, הימל־הויכע ווערטער פון יענע הייליקע צדיקים און מיר, אין היינטיקן דור האבן נאר דער־רינען בלויז אן אנריר . . . זיי האבן אבער געהאלטן דערביי, זיי האבן עס געפילט מיט זייערע רמ"ח אברים ושס"ה גידים.

מיט וואס קאנען מיר אנטאפן די קדושה פון יום־כפור איז, דאס וואס מיר זען די מאגנעטישע צוציאונג־קראפט פון דעם דאזיקן הארצן פון אלע טעג פון יאר. ווייל אפילו די שוין קאלטע און אפגעשטאנענע, שוואכינקע אידן פון דער גארער וועלט, קומען זיך צוזאמען אין די שולן און בתי־מדרשים, אין די טעמפלען און בתי־תפלה און זיינען זיך משתתף אין די תפלות־ישראל און בעטן יעדערער לויט זיין השגה און דעת, יעדערער אויף זיין שפראך און ארט — אבער אלע מיט איין ריינער כונה און איין און די זעלבע בקשה:

סלח נא לעון העם הזה כגודל חסדך . . .

סכות

א

די שוואכינקע סוכה — אונדזער פעסטונג

וסכה תהיה לצל יומם מחורב ולמחסה ולמסתור מזרם וממטר....

(ישעיה, ד־ו).

טרייסלט זיך אַף א ווײלע, איר שטאָלצע פעלקער, פון אייער תאוהדיקע אינטסינקטן. פארגעסט א מאָמענט אייערע רוצחישע, איינגעוואָרצלטע איי־גנשאפטן. פארדעקט אויף א מינוט אייער ברענענדיקע קנאה־שנאה צו אייערע מיט־מענטשן. קומט מיט געבויגענע קעפּ, מיט געוואשענע נשמות און מיט ריינע הערצער, און זעט —

מה נהדר כהן־גדול בצאתו מן הקודש...

"ווי פּראכטפול און מאיעסטעטיש קוקט אוים דער כהן־גדול ביי זיין ארויסגיין פונם הייליקטום"...

אמאָל איז דער קודש־הקדשים אויפן בארג געשטאנענען און די שכינה האָט מיט אירע פליגלען דעם הייליקן בארג באדעקט... און די קדושה האָט זיך צעגאָסן איבער אלע בערג פון יהודה און ירושלים. די וועלכע האָבן נאָר כלים געהאט, האָבן געקאָנט שעפּן מיט שפע, הייליקייט און ריינקייט; די וועלכע האָבן נאָר אויגן געהאט, האָבן בולט געזען ווי גאָטס ליכט האָט זיך צעפלאמט אינם הארצן פון דער וועלט... עס האָט געברענט און געברענט, און זיך פארלעשן ניט געקענט...

כביכול האָט געוואָרט, איר פעלקער זאָלט צו אים קומען. ער האָט זיינע שליחים, די הייליקע נביאים, צו אייך געשיקט און פיל מאָל אליין צו אייך געקומען:

הנה ה׳ רוכב על עב קל ובא מצרים...

"אָט רייט ער, דער אלמעכטיקער, אויף א קוים־אָנזעבארן וואָלקן, און ער קומט קיין מצרים"...

איר פעלקער, האָט אייער שטאָלץ ניט געוואָלט ברעכן, נאָר איר זייט אלע נאָכגעגאנגען אייערע ליכט־קארגע און בלוט־דורשטיקע געטער, און מענטשן־קרבנות פאר אים געבראכט. צווערשט אייערע אייגענע קינדער און אצינדט ווילט איר אויך מענטשן מיט געטלעכע נשמות מקריב זיין אויף אייער מענטשן־פרעסערדיקן גאָטס מזבח... און כביכול האָט געוואָרט איר זאָלט כאָטש פון אייער פארשטיינערטן הארץ אַן אוי פון חרטה אויסשיסן, און אויך דאָס האָט איר ניט געטאָן...

וואָס האָט הקדוש ברוך הוא געטאָן?

ער האָט אראָפּגענומען די קרוין פונם כהן־הגדולס קאָפּ און זי דער כנסת־ישראל אָנגעטאָן; ער האָט צעבראָכן די מויערן פונם קודש־הקדשים און זיי געשטעלט אויף די פיר עקן פון דער וועלט,אויף מזרח און מערב, אויף צפון און דרום . . . און פון דער עזרה האָט ער די מנורה ארויסגענומען און צעגאָסן דעם הייליקן אויל אין די הערצער פונם גאנצן פאָלק, און דאָרטן דעם נר־תמיד אָנגעצונדן . . . ער זאָל ברענען און ברענען עד סוף כל הדורות.

און די כנסת־ישראל גייט אריין יום־כפור לפני ולפנים און איז מקריב די עבודה . . . דאָס גאַנצע פאָלק ישראל דערהויבט זיך העכער פון דער נאַטור: קיין עסן, קיין טרינקען, קיין קערפּערלעכע באַדערפענישן. ישראל איז זיך מתודה אפילו אויף מחשבות רעות . . . אַט אַזוי מויערט דער איד זיין באַ־לאַנגערטע שוץ־מויער שוין טויזנטער יאָרן. זיין פעסטונג פון מאָראל און דערהויבנקייט, וועלכע קיין שונא האָט זי קיינמאָל ניט געקענט באַזיגן . . .

יום־כפור פאַרנאַכט, ווען די זון זעצט זיך, נעילה מאָמענטן . . . די שערי רחמים וועלן אָט־אָט פאַרשלאָסן, דאָס גאַנצע פאָלק, שטייט מיט אָפענע הערצער, און זעטיקט זיך מיטן "אין סוף"; שלינגט און אָטעמט איין די געטלעכע אנטפּלעקונג און שרייט אוים מיטן טיפער ערנסט און הייליקן ציטער:

שמע ישראל ה׳ אלקנו ה׳ אחד ! . . . ה׳ הוא האלקים ! . .

ווי פראַכטפול און מאַיעסטעטיש זעט אוים דאָס גאַנצע פאָלק — דער כהן־הגדול פון אַלע פעלקער — בצאתו מן הקודש . . .

* * * * *

ב

די כנסת־ישראל גייט ווייטער ארוים קעמפן איר אייביקן קאַמף מיט די אומות העולם, אָבער ניט מיט ביקסן און שווערדן, ניט מיט הארמאַטן און גיפטיקע גאַזן, נאָר מיטן געטלעכן פאַקעל, מיטן נר־תמיד אין הארצן . . .

נאָך יום־כפור פאַרלאָזט ישראל זיינע פּאַלאַצן און פעסט־געמויערטע היימען, און גייט וואוינען אין דער סכה —אין די שוואַך־צוזאַמענגעקלאַפּטע פיר ווענט, מיטן לייכטן, גרינגן סכך, אַלס צודעק איבער זיין קאָפּ . . . די אידישע סכה ווערט געשטורעמט פון אַלע פעלקער אין דער וועלט . . . אַלע ווילן די אידישע סכה צעוואַרפן . . . אָבער פעסט, זיכער, אומדערשראָקן באַ־שיצט זיך ישראל אין דער אידישער פעסטונג, אין דער סכה . . .

אַזוי לאַנג ווי ישראל זיצט אין סכה, האָט ער קיין מורא ניט פאַר קיין אומה ולשון, ווייל די סכה וועט תמיד זיין — זאָגט ישעיה הנביא — אַ באַ־שיצונג אָרט, און אַ שאָטן־ווינקל קעגן היץ, קעגן רעגן און קעגן שטורעם . . .

* * * * *

ג

ווייט, ווייט ארום שטורעמען ווינטן. עס וואַקלען זיך די יסודות פון דער ערד; עס צעפלאַקערן זיך די חיהשע אינסטינקטן פון פעלקער, איינער

דעם אנדערן וויל פארשלונגען . . . און דער איד זיצט זיך אין זיין סכה, בענקט און גארט, האפט און שטרעבט צו יענעם טאג, ווען גאט וועט אויפ־בויען די סכת שלום, די סכה פון פרידן, ווען פעלקער וועלן צעשטויסן זייערע שווערדן און זיי אין אקער־אייזנס פארוואנדלען; עס בענקט און טרוימט דער איד און בעט זיך ביי גאט — ופרוס עלינו סכת שלומך ! . .

"צי אריבער ארום אודנז דיין פרידנס־סכה". . .

ד

סכת שלום

דערציילט עס אייערע קינדער, זאלן זיי עס וויסן —
למען ידעו דורותיכם כי בסכות הושבתי את בני ישראל . . .

די גאנצע וועלט, אלע גרויסע און קליינע פעלקער פון אלע לענדער און קאנטינענטן, די שטארקע און די שוואכע, זיינען פארנומען מיט איין איינ־ציקער "הייליקער" אויפגאבע — צו באוואפענען זייערע ארמייען, צו באפעסטיקן זייערע גרעניצן. מען בויט אונטערערדישע שטאלענע קעלערס, ריזיקע, אויסגעבויטע פעסטונגען, באשיצונג בנינים אנטקעגן פארניכטנדיקע באמבעס.

זיי האבן מורא פארן שונא, באשיצן זיי זיך . . . און מיר, אידן, מיט וואס באשיצן מיר זיך פון אונדזערע גיפטיקע, רשעותדיקע שונאים?
כי יצפנני בסכו ביום רעה יסתירני בסתר אהלו . (תהלים, כ״ז).

דאס איז אונדזער טיפע אמונה, אז קיינער קען אונדז ניט שיצן פון די שרעקלעכע צייט־שטורעמס, פון די מיט פעד און שוועבל רעגנס, נאר דער לא ינום ולא יישן אליין . . .

דוד מלך ישראל, זייענדיק גלייכצייטיק א קריגס־העלד פון דער ערש־טער מדרגה, האט פייערלעך דערקלערט און פאראייביקט אין זיין ספר תהלים:
כי יצפנני בסכו . . .

"גאט וועט אונדז באהאלטן אין זיין סכה". . .

אט די אמונה־פולע טראדיציע און טיפער גלויבן, באלעבן דעם אידן אין די אומזיכערסטע צייטן. די פון דינע צוזאמענגעקלעפטע שוואכינקע דירות ארעי באשיצט דעם אידן פון אלע בייזע ווינטן און שלאקס־רעגן, און פון דער מדבר־ברענענדיקער זון, וועלכע פארברענט און צעסמאלעט, פארניכטנדיק דעם ישובדיקן ארגאניזם.

וסכה תהיה לצל יומם מחורב, ולמחסה ולמסתר מזרם וממטר.
(ישעיה, ד׳).

דאס איז די שטארקסטע פעסטונג פון דעם גלויביקן אידנטום. די וועלט געשיכטע דערציילט אונדז און מיר זען עס היינט מיט אונדזערע איי־גענע אויגן, ווי מעכטיקע פעלקער זיינען פארניכטעט געווארן, ריזיקע מויערן

און פעסטונגען זיינען צעשמעטערט געווארן; אייז פאלק האט באזיגט דאס צווייטע, אייך נאציע האט פארטיליקט און פארניכטעט די צווייטע. דער איד איז אבער פארבליבן פעלזן־פעסט, זיצנדיק טאקע אין דער פעסטונג פון דער צוזאמענגעקלעפטער סכה. געבלאזן און געוואיעט האבן בייזע ווינטן, דאס קליינע ליכטל איז אבער ניט פארלאשן געווארן אין משך פון דורות . . .

אלה ברכב, ואלה בסוסים, ואנחנו בשם ה׳ אלקינו נזכיר . . .
המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד . . . (תהלים, כ׳).

* * * * *

ה

די ארבעה מינים

ווי מיסטעריעז זיינען די סימבאלן פונם לולב און זיינע נענועים. א ים פון קבלה און סדרות־פולע כונות.

וכיצד מנענע? מוליך ומביא כדי לעצור רוחות רעות, מעלה ומוריד כדי לעצור טללים רעים . . .

דערקלערט די גמרא אין סכה, און רש״י הקדוש אין מנחות (דף ס״):

מוליך ומביא לצפון ודרום ומזרח ומערב כדי לעצור רוחות רעות הבאות מארבע רוחות . . .

עס שארפן די אומות העולם זייערע שווערדן און שפיזן מיט וועלכע זיי פאכען איבער די קעפ פון די שוואכערע און אומבאהאלפענע; עס רויכערן די קוימענס פון די אמוניציע פאבריקן, דארט וואו מען פאבריצירט פארניכטונג־מיטלען צו פארניכטן די מענטשהייט און אירע דערגרייכונגען. און דער שוואכער, אבער קיינמאל ניט באזיגטער איד שטייט זיך און האלט זיך אויף אין דער שוצלאזער, פון דינע ברעטער צוזאמענגעקלאפטער סכה און שאקלט זיך מיט זיינע ארבעה מינים . . .

מוליך ומביא, מעלה ומוריד, כדי לעצור רוחות רעות . . .

דער איד וויל פאריאגן די בייזע ווינטן, וואס קומען פון אלע פיר זייטן. (רש״י, מנחות, ס״ב).

אין אלע דורות קומען די רוחות פון אלע פיר זייטן, טייל פעלקער ווילן אויסווארצלען די אמונה פונם אידן און דערקלערן א קאמף דעם אידישן גאט; טייל פעלקער ווילן דערנידעריקן דעם אידן און אים דערקלערן אלס מינדערווערטיקער ראסע; טייל פעלקער רייסן אוועק פונם אידן זיין שטיקל ברויט און טוען אויסווארצלען זיינע ווירטשאפטלעכע פאזיציעס און רואינירן זיינע עקאנאמישע באזעס; טייל פעלקער ווידער זיינען מער ״ציוויליזירט״, פארשפרייטן זיי דעריבער א נעץ פון אסימילאציע און פאנגען אזוי די אידישע יוגנט.

אט דאס זיינען די רוחות רעות וואס קומען מיט גרויזאמע מיטלען פון אלע פיר זייטן דעם אידן צו פארניכטן. און די ״ציוויליזירטע״ פעלקער,

מיט זייערע באהאלטענע, בייזע כונות, ווערן אנגערופן פון די חז״ל טללים רעים. טל, טוי, איז טאקע א ברכה־פולע זאך. זיי, די וואס פריידיקן אסימילא־ציע ריידן טאקע שיין, זיסע דבורים. זיי זיינען אבער פאר אונדז טללים רעים.

דער איד מיט די ארבעה מינים אין האנט, גלויבנדיק אין די מצוות השם און אין די מנהגי הנביאים, האלטנדיק די טראדיציע פון אונדזערע אבות הקדושים, פארטרייבן אזוי א־נאך די רוחות רעות און די טללים רעים.

ניט מיט שטיקנדיקע גאזן, ניט מיט קאנאנען און האנט־גראנאטן, ניט מיט שווערדן און ביקסן, נאר מיט די טראדיציאנעלע ארבעה מינים אין האנט שטייט זיך דער איד אין זיין פעסטונג — די סכה, וועלכע קיין אומה ולשון האט אין משך פון זייער דורותדיקן קאמף קעגן אידנטום, ניט געקאנט פארניכטן . . . און פירט מלחמה מיט די רוחות רעות, וועלכע קומען פון אלע פיר זייטן . . .

* * * * *

ו

אונדזער פון הארצן טיפע תפלה, וועלכע רירט אן אלע סטרונעס פון אונדזער פאלקס־נשמה, גייט דורך ווי א בליץ אויפן פארוואלקנטן און פאר־כמארעטן הימל צום שומר ישראל:

ופרוש עלינו סכת שלומך, סכת רחמים וחיים ושלום . . .

זאל אונדזער סכה ניט זיין מער קיין פעסטונג סימבאל זיך צו שיצן פון זרם און פון מטר, פון רעגן און פון שטורעם, — זאלן שוין איינמאל פאר אלעמאל, פארשווינדן די רוחות רעות; זאלן שוין אלע אנערקענע דעם ״מלכות שדי״. . .

יכירו וידעו כל יושבי תבל כי לך תכרע כל ברך . . .

זאל אונדזער סכה פארוואנדלט ווערן אין א פרידנס־פאלאץ, אן ארט פון וואנען עס זאל ארויסשטראלן שלום און פרידן פאר דעם כלל־ישראל —

הפורש סכת שלום עלינו ועל כל ישראל ועל ירושלים . . .

שמחת-תורה

א

שישו ושמחו בשמחת תורה

האט איר שוין טאקע פארגעסן די אמתע פרייד, וואס האט באהערשט סיי יונג און סיי אלט, סיי ארעם און סיי רייך, ווען עס איז געקומען שמחת־תורה? געדענקט איר שוין באמת גארניט פון יענער שמחה, וואס האט אנגע־פילט ניט בלויז די שולן און בתי־מדרשים, נאר אויך אלע אידישע היימען און גאסן? אומעטום, וואו א איד איז נאר געקומען, האט ער געפילט די אמתע שמחה, די ריינע, הייליקע, דערהויבענע און התלהבותדיקע פרייד.

סיי חסידים און סיי מתנגדים, סיי פרומע און סיי "אויפגעקלערטע", מאדערנע אידן — אלע האבן זיי זיך משמח געווען שמחת־תורה און טאקע גענומען צו ביסלעך יי"ש, ביי איטלעכן קידוש געמאכט פון הויז צו הויז, אויפגערוימט, דערהויבן, פארגעסן אלע וואכעדיקע דאגות — היינט איז שמחת־תורה, דארף מען טרינקען, און זיין בשמחה . . .

איין קלייניקייט, אידן האבן זוכה געווען אויסצולערנען די הייליקע תורה! אויסגעלערנט און באלד פון דאס ניי זי ווידער אנגעהויבן . . . געענ־דיקט לעיני כל ישראל, און תיכף ומיד אנגעהויבן בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ . . .

די גרעסטע שמחה האט מען צוגעטיילט יענעם גרויסן, דערהויבענעם יום־טוב. די תורה איז א כלה, און א כלה דארף האבן א חתן . . . האבן אידן זיך געיאגט נאך דער כלה, געוואלט זי אויסכאפן, איינהאנדלען א מציאה. האט מען טאקע געצאלט פאר חתן־תורה און פאר חתן־בראשית גוטע געלט . . . מיט א קידוש כיד המלך אלס צוגאב־מתנה . . .

ניט בלויז לומדים און בני־תורה האבן זיך באטייליקט אין יענער שמחה, כאטש זיי זיינען טאקע געווען די הויפט־מחתנים, נאר אפילו פשוטע אידן, וואס אליין האבן זיי ניט געהאט קיין געלעגנהייט צו לערנען תורה, האבן זיך שטארק משמח געווען. זיי האבן אויך געהאט א שייכות צו דער תורה — זיי האבן דאך זייערע משהלעך און שלמהלעך געשיקט אין חדר אריין לערנען די הייליקע תורה. נו, זיינען זיי טאקע אויך געווען מחותנים . . . און ווי מחותנים האבן זיי אויך געהוליעט, געטרונגען, געזונגען און געווען בשמחה. זיי האבן באשיינט די געטלעכע כלה, זיי האבן איר געזאגט פיל לויב און שבחים.

אלע האבן זיי געזונגען אינם טיף־רעליגיעזן כאר מיט התלהבות און ברען, מיט דביקות און טיפן ערנסט:

שישו ושמחו בשמחת תורה, ותנו כבוד לתורה, כי טוב סחרה מכל סחורה, מפז ומפנינים יקרה . . .

"זייט לוסטיק און פרייט זיך מיט דער שמחה פון דער תורה. טיילט צו כבוד דער תורה, ווייל זי איז חשובער ווי אלערליי סחורה . . . טייערער פון גינגאָלד און פערל איז די תורה". . .

נגיל ונשמח בזאת התורה כי היא לנו עוז ואורה . . .

"לאָמיר לוסטיק זיין און משמח זיין זיך מיט דער דאָזיקער תורה, ווייל זי איז אונדזער פעסטקייט און ליכטיקייט". . .

אָט אזוי האָבן זיי אלע געזונגען. דער חסיד און דער מתנגד, דער למדן און דער עם־הארץ, דער רב און דער שמש, דער רבי און גבאי, דער רייכער און דער אָרעמער, דער פרומער און דער "קלוגער", דער גרויסער און דער קליינער — אלע קלאַסן, אלע ריכטונגען, אלע פאַרטייען — אלע, ממש אלע. ווייל ווען עס האנדלט זיך אין כבוד התורה, איז ניטאָ קיין פאַרשיידענע מיינונגען; אלע האָבן זי רעספּעקטירט, אלע האָבן איר אָנגעטאָן כבוד, אלע האָבן געפילט אין זייער הארץ און נשמה, אין זייער בלוט און אין זייער מארך, אז —

כי היא לנו עוז ואורה . . .

אז די תורה איז אונדזער פעסטקייט, אונדזער שטאָלץ, אונדזער אומ־בויגזאַמער כח אויסצוהאַלטן אלע צרות און לייד אין אלע דורות; אונדזער עמוד האש, אונדזער פייער־זייל, וואָס באַלויכט אונדזער דאָרנדיקן דזשאַנגל־וועג אין דער מדבר און וויסטעניש פון דער אידישער מאַרטירער־געשיכטע.

נאָר די וואָס האָבן געפילט, אז די תורה איז זייער וועג־ווייזער, זייער נשמה און זייער חיות; נאָר די וואָס האָבן געקאָנט ארויסווייזן אזא גוואַלדיקע מאָס פון אמתער שמחה — נאָר די האָבן געקאָנט מאַכן א חלוק פון סתם־טרינקען און קידוש־מאַכן . . . זיי האָבן מקדש געווען דעם טרינק, זיי האָבן מקדש געווען דאָס עסן, דעם טאַנץ; זיי האָבן אריינגעבלאָזן א קדושה אין דער שמחה אריין . . .

וואָס פאַר א חשק האָט אזא שטייגער שמחה דערוועקט ביי דעם אידישן קינד? דאָס יונגע הערצל איז אויך איבערגעפילט געוואָרן מיט פרייד, מיט שמחה, מיט א באַגער צו לערנען די תורה. אָט די פרייד פון שמחת־תורה איז געווען די ווירקזאַמסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר טאַטע־מאַמע זיי זאָלן זייערע קינדער דערציען אינם גייסט פון דער תורה, ווייל ווי קאָן מען דען אנדערש, ווי אָפּגעבן דאָס קינד צו א רבין, וועלכער זאָל מיט אים לערנען תורה? ווי קאָן מען דען בכלל זיין א איד אָן תורה? אזא זאַך איז דאַך געווען אומגעשלאָסן, אוממעגלעך און אומגלויבלעך . . .

אלע האָבן גערעדט וועגן תורה, כאָטש די תורה איז פאַרשיידנאַרטיק באַגריפן געוואָרן. פאַרן עם־הארץ און פשוטן פאָלקס מענטשן, האָט תורה געמיינט א שטיקל חומש מיט רש"י; פאַר דעם בן־תורה — א פרק משניות; פאַרן למדן — א בלאַט גמרא מיט תוספות; פאַרן טיפן למדן — פוסקים און מפרשים; פאַרן מקובל — סתרי תורה, זוהר און קבלה; פאַרן בעל־מוסר — מוסר ספרים, און פאַרן חסיד — חסידישע ספרים פון די גרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג.

קיין אידישע היים איז ניט געווען אָן תורה, ווייל וואָסער אידיש קינד האָט עס ניט געלערנט קיין חומש? וואָסערע אידישע טאַטע־מאַמע איז עס געווען אַזוי אַכזירותדיק ניט צו שיקן זייער קינד אין תלמוד־תורה אָדער חדר, זייער משהלע אָדער שלמהלע זאָל ניט לערנען די היינטיקע סדרה? — נאָר געשמדטע טאַטע־מאַמע האָבן אַזאַ זאַך געקענט פּועלן ביי זיך, אַזאַ פּאַרראַט, אַזאַ פאַרברעכן . . .

אויב אַזוי, האָבן טאַקע אַלע אידן, ממש אַלע — סיי דער למדן און סיי דער עם־הארץ —מיט רעכט אַנטייל גענומען אין דער הערלעכער שמחה פון שמחת־תורה, סיי דער חומש לערנער און סיי דער זוהר־איד, סיי דער רמב״ם־לערנער און סיי דער בעל־משנה.

איז טאַקע שמחת־תורה געווען איינער פון די הייליקסטע ימים־טובים, וואָס האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אויף יעדער אידנס הויז און משפחה. דאָס פייער פון דער תורה האָט דערוואַרעמט דעם אידן אין משך פונם גאַנצן, קאַלטן ווינטער . . . און איר ליכט האָט באַלויכטן דעם אידן אויף זיין פינצ־טערן וועג אין די פאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך —

כי היא לנו עוז ואורה . . .

אַלע האָבן זיי געפילט, אַז די תורה איז זייער פעסטקייט, זייער שטאַלץ, זייער כח, זייער מוט און זייער ליכט. האָבן טאַקע די הקפות געטראָגן אַזאַ פייערלעכן כאַראַקטער. אידן האָבן צוגעדריקט די תורה צו זייער האַרצן מיט ליבע און איבערגעבנקייט, מיטן פייער פון זייער נשמה; מיט התלהבות און הייליקער שמחה האָבן אידן געטאַנצט מיט דער געטלעכער כלה . . . און ווער האָט עס צוגעזען אַזאַ הייליקן טאַנץ און ניט מיטגעטאַנצט? פיס האָבן זיך אַליין געהויבן . . . ווער מיר טאַקט, וואָס מיר טאַקט — אַלץ אין אים האָט געזונגען און געטאַנצט . . . אַלע זיינע גלידער, זיין האַרץ און נשמה, זיין מח און באַוואוסטזיין, האָבן זינגענדיק און טאַנצנדיק זיך משמח געווען מיט דער תורה אין דעם פריילעכסטן טאָג פון אַלע יום־טובים — אין שמחת־תורה . . .

איך רייד דאָ ניט פונם געהויבענעם, חסידישן אידן, פונם למדן און בעל־מדרגה פון וועלכן עס איז באמת געווען צו דערוואַרטן אַזאַ מין שטייגער פרייד און אינערלעכע שמחה. איך רייד דאָ פונם פשוטן פאָלקס־מענטשן, פונם בעל־מלאכה און קרעמער, פונם אַרבעטער און דאָרפס־גייער, פונם דורכשניט־לעכן אידן פון וועמעס פּנים עס האָט געשטראַלט אַזאַ געטלעכע שמחה און פון וועמעס האַרצן עס האָט געשפּרודלט מיט אַזאַ אומבאַשרייבלעכער ליבע און דרך־ארץ צו דער תורה.

וואָס־זשע איז דער וואונדער וואָס אידן האָבן טאַקע באַלד אויף מאָרגן גענומען זייער קליינוואַרג, וואָס האָט אַזאַ פייערלעכן אַנטייל גענומען אין שמחת־תורה און זיי געשיקט אין חדר אָדער תלמוד־תורה? צי האָט עס דען אַנדערש געקענט זיין? עס איז געווען אַ קאָנגזעקווענטע באַציאונג. די אמתע פרייד שמחת־תורה, האָט דיקטירט דעם טאַטנס און מאַמעס באַוואוסטזיין צו שיקן זייערע קינדער לערנען תורה, און צו שיקן די קינדער לערנען תורה, האָט דיקטירט און סטיכיש אַרויסגערופן אַזאַ גוואַלדיקע פרייד שמחת־תורה . . .

ב

וואס איז איצט געווארן פון דער אידישער היים? דאס אידישע קינד איז הפקר, עלטערן גיבן זיך ניט אפּ קיין דין וחשבון, אז זיי פארראטן די אידישע פארגאנגענהייט, אז זיי רייסן איבער די גאלדענע קייט פון אונדזער עבר.

וישכח ישראל את עושהו ויבן היכלות... (הושע, ח׳, י״ד).

״ישראל האט אין זיין באשאפער פארגעסן און האט זיך גענומען בויען טעמפּלען״...

יא, עס איז לייכטער צו קריגן ביי א אידן א טויזנטער צו בויען א טעמפּל אדער להבדיל א שול, איידער ער זאל שיקן זיין קינד אין תלמוד־תורה, מען זאל מיט אים לערנען חומש מיט רש״י, נביאים און תפלה, משנה און גמרא.

מען פארשטעלט דאס גאטלאזיקייט מיט בויען היכלות; מען באהאלט דעם פארראט צו דער אידישער תורה און דעם גאנצן עבר, מיט כלומרשטע מאדערנע דערציאונג־מעטאדן, און מען פארבייט דעם ״שמע ישראל ה׳ אלקנו ה׳ אחד״ מיט א קעצעלע האט געכאפּט א מייזעלע...

וואס, דער שמחת־תורה האט מער ניט דעם זעלבן גלאנץ ווי אמאל? ניטא מער יענע שמחה, יענע ליבע צו דער געטלעכער כלה? פון וואנען־זשע זאל יענע שמחה קומען?

לערנט אייערע קינדער א גאנץ יאר תורה, דערציט זיי אלס באוואוסטזיניקע, רעליגיעז־נאציאנאלע אידן, שיקט זיי דארטן וואו מען לערנט חומש מיט רש״י, נביאים, תפלה, משנה און גמרא; בלויז אויף דאס פינטעלע איד אין אייער קינדס הארץ א גאנץ קיילעכדיק יאר, וועט איר זען וואס פאר א שמחת־תורה איר וועט האבן!..

א שטראם פון שמחה וועט פארפלייצן אייער הויז, אייער שול און דער עיקר — אייער הארץ און די הערצער פון אייערע קינדער און קינדס־קינדער. ערשט דעמאלסט וועט איר זיין באוואוסטזיניקע, קלוגע אידן; ערשט דעמאלסט וועט איר ראוי זיין גערופן צו ווערן עם חכם ונבון — א קלוג, פארשטענדיק פאלק. ווייל ווען א פאלק פארשטייט ניט איבערצוגעבן דעם רייכן עבר זיינעם צו די קינדער, איז עס א נאריש, אומבאוואוסטזיניק און פאררעטעריש פאלק. עס האט באנקראטירט און טויט־שאטנס האבן זיך פארצויגן איבער זיינע געצעלטן.

גליקלעך זיינען די עלטערן וועמעס קינדער עס לערנען גאטס תורה, און אומגליקלעך זיינען די טאטע־מאמעס, וועמעס קינדער עס ווערן פארפירט פון פוסטע אידייען, פון א פארגוויישטן דרך פאר ערזאץ, פאר סיסטעמען וואס זיינען ווייט פון סיני, ווייט פון תורת משה און ווייט פון די אמת־רייכע אוצרות פונם אידישן פאלק.

אידן, שמחת־תורה איז א פרייליכער יום־טוב. לאמיר נעמען צו בים־לעך און טרינקען לחיים! אבער צווישן איין גלעזל און דעם צווייטן דארף מען א טראכט טאן ווי אזוי לערנט מען מיט די משהלעך און שלמהלעך די אידישע תורה? איר ווייסט עס ניט אליין? פרעגט־זשע אייערע שכנים, אייערע קרובים. אויב גאט האט נאך ביי זיי נאך ניט צוגענומען דעם שכל, וועלן זיי אייך אנווייזן די אדרעסן פון די תלמוד תורות און ישיבות, דארט וואו מען לערנט:

תורה צוה לנו משה, מורשה קהלת יעקב . . .

די תורה וואס משה האט אונדז געלערנט און באפוילן, דארף זיין אן אייביקע ירושה פאר די קינדער פון יעקב.

ג

פארוואס באהאלט איר פון אייערע קינדער דעם גאט פון אייערע עלטערן

די געשיכטע פון אידישן פאלק וועט משפטן די טאטעס און מאמעס, וואס האבן כסדר באהאלטן פון זייערע קינדער דעם אידישן גאט ! . .

די אידישע תורה און טראדיציע פון דורות פארפליכטעט די עלטערן זיי זאלן דעם קינד לערנען און אנווייזן, דערציילן און אויפמערקזאם מאכן, אז עס איז פאראן א גאט, וואס האט באשאפן הימל און ערד, זון און לבנה, שטערן און אלע אנדערע הימלשע פלאנעטן, בערג און טאלן, ימים און טייכן, שפראצונגען און געוויקסן, פיש און עופות, בהמות און חיות, מענטשן און מלאכים. אונדזערע אבות אבותינו האבן אונדז געלערנט ווי אזוי צו בעטן צו גאט און פאר אים אין אלע צייטן מתפלל צו זיין. סיי אין נויט און סיי אין פרייד, סיי אין טרויער און סיי אין שמחה, תמיד זאל דער איד אויסגיסן זיין הארץ פאר דעם באשאפער פון דער וועלט . . .

תפלה, געבעט, איז דער העכסטער אויסדרוק פונם מענטשנס געפיל; השתפכות הנפש, דער אויסגוס פון דער נשמה און הארץ פאר דעם בורא עולם . . . אין אלע שרעקלעכע צייטן, סיי פארן יחיד און סיי פארן כלל, האבן אידן אויסגעגאסן זייערע הערצער פאר זייער פאטער אין הימל, און עס איז זיי לייכטער און גרינגער געווארן . . .

אליך זעקו ונמלטו, בך בטחו ולא בושו . . .

"צו דיר, גאט, האבן זיי געשריען און זיינען געראטעוועט געווארן; אויף דיר, גאט, האבן זיי זיך סומך געווען און זיי זיינען ניט פארשעמט געווארן" . . .

דער איד אין אלע דורות איז פול געווען מיט ליב און דאנק, מיט תפלה און געבעט צו השם יתברך, סיי פארן גוטס און סיי פארן שלעכטס, וואס עס האט אים נאר פאסירט. אין אן עת־צרה האט דער איד געהאט צו וועמען זיך צו ווענדן, פאר וועמען אויסצוגיסן זיין הארץ. אין די הייליקסטע

מאָמענטן סיי פונם יחיד און סיי פונם כלל, האָט דער איד מיט גרויס באגייס־טערונג אויסגערופן:

שמע קולנו ה׳ אלקינו, חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים וברצון את תפלתנו...

״הער זיך צו, גאָט, צו אונדזער קול; דערבאַרעם זיך און האָב רחמנות אויף אונדז, און זיי מקבל אונדזער געבעט״.

יעלה תחנוננו מערב, ויבא שועתנו מבקר...

״זאָל אויפגיין אונדזער געבעט פון אוונט, און זאָל קומען צו דיר אונדזער געשריי פונם מאָרגן״.

אפילו דער אַפּגעשטאַנענער איד, דער פּראָסטאַק, דער עם־הארץ, האָט געקאָנט מתפלל זיין צו זיין גאָט, און צום גאָט פון זיינע עלטערן. ער האָט ווייניק פארשטאַנען דעם טייטש פון די תפלות, אָבער וואָס מיר טייטש, ווען מיר טייטש — ער האָט געפילט זיין גאָט אין זיינע ביינער, אין זיין הארץ און אין זיין נשמה. זיין גאַנצער וועזן איז געווען איבערפילט ממש פון סאַמע דנאָ ביז צום סאַמע שפּיץ מיטן באַוואוסטזיין, אַז גאָט לעבט אין אים און באַלעבט אים, און אַז אינערלעכער דראַנג האָט געמאָנט און געפאָדערט, גע־בענקט און געלעכצט אויסצוגיסן זיין הארץ פאַר אים מתפלל צו זיין אין אַלע צייטן.

ווער רעדט שוין פון אמתער השתפכות הנפש, פון מער געהויבענע אידן, וואָס האָבן מתפלל געווען עד כלות נפש און האָבן זיך מתדבק געווען צום באַשאַפער מיט גרעסטער דבקות. וועלכע טאַטע־מאַמע האָבן עס ניט געלערנט זייערע קליינינקע קינדער דעם —

שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד?!...

וועלכער מלמד אָדער לערער האָט עס ניט געעפנט אינם אידישן קינדס הערצל דעם קוואַל פון געבעט און תפלה, פון רחמים און אויסגוס פון זיינע טיפענישן פון זיין נשמה?!... פאַרוואָס זיינען עלטערן אַזוי פאַלש צו דער טראַדיציע פון זייערע אָבות־אבותינו? פאַרוואָס טוען עלטערן אינם היינטיקן דור אַזאַ פאַררעטערישע זאַך מיט דעם וואָס זיי באַהאַלטן פון זייערע קינדער דעם גאָט פון אונדזערע אָבות? פאַרוואָס לערנען ניט עלטערן זייערע קינדער זיי זאָלן מתפלל זיין, דאַוונען און בעטן צו זייער גאָט, וואָס באַלעבט זיי און גיט לעבן און גליק? פאַרוואָס זאָלן עלטערן זיין אַזוי טעמפּ און ניט פילן די גרויסע זינד און שרעקלעכן פאַרראַט צו זייער פאָלק און צו זייער טראַדיציע, צו זייער תורה און צו זייער גאָט? פאַרוואָס לערנט איר ניט אייערע קינדער דאַוונען און בעטן? פאַרוואָס ווייסט איר, עלטערן, צו פאַרזאָרגן אַלע הצטר־כותן פון אייערע קינדער, נאָר פון דעם גייסטיקן נענוס און באַדערפעניש אויף צו עפענען דעם קוואַל, דעם אידישן קוואַל פון אייער קינדס הארץ, עס זאָל קאָנען אויסגיסן זיין נשמה, זיין הארץ פאַרן באַשאַפער פון דער וועלט, פון דעם זאָגט איר זיך אָפּ!

גם תנין חלצו שד, היניקו גוריהן... בת עמי לאכזר, כיענים במדבר... (איכה, ד׳ ג׳).

אפילו די געפערלעכסטע שלאַנגען גיבן זייער ברוסט אַנצוזויגן זייערע

קליינינקע. די טאַכטער פון מיין פאָלק איז אָבער אכזריותדיק, פּונקט ווי די שטרויס־פויגלען אין דער מדבר . . .

מאַמעס פון אַלע פעלקער, סיי די פּרימיטיווע און סיי די ציוויליזירטע, סיי די פונם דזשאַנגל און סיי די פון די מאָדערנסטע לענדער, לערנען זייערע קינדער וועגן זייער גאָט און זייער אמונה. זיי לערנען זייערע קינדער בעטן און מתפּלל זיין צו זייער גאָט! פאַרוואָס זאָל די טאָכטער פון מיין פאָלק זיין אַזוי אָפּגעשטאַנען, אַזוי אומציוויליזירט, אַזוי אומברחמנותדיק, אַזוי פאַלש, אַזוי אומטריי צו איר גאָט און צו איר טראַדיציע פון דור־דורות? פאַרוואָס לערנט איר ניט, אידישע עלטערן, אייערע קינדער זאָלן קאָנען דאַוונען, מתפּלל זיין צו זייער גאָט, צו זייער באַשאַפער?

אונדזערע הייליקע אָבות האָבן מתקן געווען די תפלות; אברהם אָבינו, שחרית; יצחק אָבינו, מנחה, און יעקב אָבינו — מעריב.

פאַרוואָס זאָלט איר, אידישע עלטערן, זיך שעמען מיט אַט־דעם יחוס? פאַרוואָס זאָלט איר, אידישע טאַטע־מאַמע, אָוועקרייסן אייערע טייערינקע, אומשולדיקע קינדער פון דער טראַדיציע פון אברהם, יצחק און יעקב? פאַר־וואָס לערנט איר ניט אייערע קינדער זיי זאָלן קאָנען אויסגיסן זייערע הערצער צום גאָט פון אונדזערע עלטערן?

איר קאָנט אַליין ניט? איר זייט "ביזי"? איר זיין ניט פּעאיק דערצו? איר קאָנט אַליין ניט מתפּלל זיין? גאָט איז אייך אַליין פרעמד?

טאָ פאַרוואָס־זשע שיקט איר ניט אייערע קינדער אין די שולן, וואו מען לערנט אים זאָגן —

שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד ? . .

פאַרוואָס־זשע באַהאַלט איר דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן פון אייערע קינדער?

* * * * *

ד

ווי רירנד זיינען געווען די תפלות פון די איבערגעגעבענע קינדער ווען זייער טאַטע־מאַמע זיינען חלילה קראַנק געוואָרן! ווי האַרצרייסנד איז געווען דאָס געבעט, ווען קינדער פלעגן אַריינפאַלן אין די שולן, אָדער בתי־מדרשים און אויפרייסן דעם אָרון־קודש מיט קולות און יללות פאַר זייער קראַנקער מאַמע, אָדער מסוכנדיקן פאָטער . . . וואָס פאַר אַ הייסע שטראָמען טרערן פלעגן זיך גיסן פון זייערע אויגן:

טאַטע אין הימל, האָב רחמנות אויף מיין יונגער מאַמען, אָדער יונגן טאַטן — די קרוין פון אונדזער קאָפּ!

מיט אַזעלכע און פיל ענלעכע, האַרצרייסנדיקע תפלות פלעגן קינדער אויסבעטן זייערע עלטערן.

די היינטיקע קינדער ווייסן ניט וואָס עס מיינט תפלה. זייער האַרץ איז פאַרשלאָסן. אפילו ווען זיי קומען אין די ימים־נוראים מיט זייערע עלטערן אין די שולן, שטייען זיי ווי שטומע און קוקן אין מחזור, ווי אַ האָן אין בני אדם; אפילו ווען זיי קאָנען שוין לייענען און אפילו זיי פאַרשטייען שוין די

טייטש — ווייסן זיי אלץ ניט דעם סוד פון תפלה . . . דאס געהיימניש פון השתפכות הנפש און די כונה פון —

כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך ! . .

קוקט זיך צו, עלטערן, צו די קינדער פון אנדערע פעלקער און נאציא־נען, וואס לעבן ארום אייך; באטראכט זייערע קינדער. אדרבא, פרעגט זיי, וועלן זיי אייך זאגן, אז זיי בעטן צו זייער גאט אינם גייסט פון זייער טרא־דיציע. זיי קאנען דעם תנ״ך, זיי קאנען די יסודות פון זייער רעליגיע, זיי זיינען באקאנט מיט זייערע געבעט־ביכער, זיי בעטן און זיינען מתפלל צום גאט פון זייערע עלטערן.

פארוואס־זשע זאלן אידישע טאטע־מאמעס זיך שעמען צו טאן דאס זעלבע מיט זייערע קינדער? פארוואס־זשע זאלן אידישע טאטע־מאמעס ניט שיקן זייערע קינדער דארטן, וואו מען לערנט זיי און מען זאגט זיי, אז גאט האט באשאפן הימל און ערד, און מען לערנט זיי —

שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד ! . .

און מען עפנט זיי דעם אידישן קוואל פון זייערע הערצער, זיי זאלן קאנען סיי אין אן עת־צרה פון א יחיד אדער כלל אויסגיסן זייערע הערצער צום גאט פון אונדזערע אבות?

דוד מלך ישראל, דער אידישער קעניג, האט זיך ניט געשעמט אויס־צושרייען —

ואני תפלה ! . .

מיין גאנצער וועזן, מיין הארץ און נשמה, אלע מיינע אברים, מיין בלוט און מיין פלייש, אלע מיינע אדערן און אינגעווייד — זיינען איין שטיק תפלה, איין שטיק געבעט!

ואני תפלה . . .

עס האבן מתפלל געווען אברהם, יצחק און יעקב, משה און אהרן, דוד און שלמה, שרה, רבקה, רחל און לאה—אלע שבטים און מלכים, אלע נביאים און זקנים, די אנשי כנסת הגדולה, די תנאים און אמוראים, חכמים און גע־לערנטע אין אלע דורות, מיט זיי אונדזערע עלטערן, טאטעס און מאמעס, וואס זיינען געגאנגען מיט שמחה אויף די פלאמענדיקע שייטער הויפנס פון שפאניע און אין די גאז־קאמערן פון מיידאנעק און טרעבלינקא, מיט הייסע תפלות אויף זייערע ליפן . . .

גבורים פון דער ווארשעווער געטא האבן אין די לעצטע מאמענטן פון זייער לעבן געשריען —

שמע ישראל ה׳ אלקינו. ה׳ אחד ! . . נשמת כל חי תברך ! . .

און געבעטן ביים גאט פון נקמות, זיך נוקם זיין אין די שונאים פונם אידישן פאלק!

אזא הערלעכע, הייליקע טראדיציע, ווילט איר, עלטערן, איבעררייסן?..

פארוואס זייט איר אזוי אכזריותדיק? פארוואס לערנט איר ניט אייערע קינדער בעטן צו גאט פון אונדזערע אבות ? . .

חנוכה

א

הנרות הללו קודש הם

א״ל הקב״ה, לא שאני צריך לכם, אלא שתאירו לי כדרך שהארתי לכם. למה? לעלות אתכם בפני אומות, שיהא אומרים ראו היאך ישראל מאירין למי שהוא מאיר לכל העולם . . . (מדרש, בהעלותך).

. . . ויחשבו את דרכי אבותיהם להבל וריק, וינשאו ויהללו את דרכי היונים . . . (חשמונאים, ב׳, ד׳-י״ז.

ווידער צינדן מיר דאס יאר אן די קליינינקע ליכטעלעך, ווידער שטייען מיר פאר זייער שיין און באטראכטן זיי. זיי דערמאנען אונדז ״זכרונות פון אמאל״, ״נצחונות פון אמאל״, ״וואונדער פון אמאל״.

עס וויקלט זיך פאר אונדז פאנאדער אן אלטע מגילה מיט געלע יריעות און פארשטויבטע שורות. יאר־איין, יאר־אויס לייענען מיר פון איר יענע נסים, יענע גבורות און נפלאות, ווי א קליין הייפעלע צדיקים האבן באזיגט און מנצח געווען מחנות, מחנות רשעים, שוואכע האבן באזיגט שטארקע און טהורים האבן מנצח געווען טמאים. וויפל מוט און וויפל שטאלץ שפרודלט ארויס פון יענע אלטע יריעות, וואס דערציילן —

על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות . . .

קליין זיינען די חנוכה־ליכטלעך, באשיידן אבער רייצנד. וויפל אמונה און בטחון, וויפל קראפט און אויסדויער ליפערן זיי אונדז אין אלע דורות . . . ניטא קיין אומה ולשון, וועלכע האט שוין ניט געפרואווט פארלעשן די קליי־נינקע ליכטעלעך, וועלכע קוקן אויס די אויגן פון די פארפרעמדטע, ווי צאנ־קענדיקע, אט־אט פארלאשענע, וועלכע ווארפן נאך זייער לעצטן שיין.

פאר אונדז, גלויביקע און בעלי־בטחון, זיינען זיי אבער ווי אן עמוד־האש אין דער פאר אונדז מדבר־וועלט, אין משך פון די קנאפע צוויי טויזנט גלות־יארן . . .

הנרות הללו קודש הם . . .

* * * * *

ב

״ליכט און שאטן״, דאס זיינען די צוויי ״קאמף־פלעצער״ אויף וועלכע עס האבן אזוי העלדיש און מוטיק געקעמפט די צוויי פארעקשנטע אור־אלטע פעלקער: די כנסת ישראל און די יונים.ביידע האבן וואונדערבארע נצחונות באוויזן אין משך פון לאנגע תקופות. די ערשטע מיטן אויסשמידן דורות פון

גלויבן און וויסן, מיט טיפער, איינגעוואָרצלטער אמונה טהורה אין מאָנאָטע־איסטישער גאָטהייט, און מיטן אויסגראָבן און געפינען דעם קוואַל פון בענקשאַפט און דורשט צום "אין סוף", צום יוצר אור . . . וועלכער האָט מיט א שפעדיקער גאָב באַטשראַלט און באַלויכטן די הערצער פון זיינע גלויביקע.

די לעצטע — די גריכישע קולטור, מיט איר נייער אידייע פון "שננא חטוף ואכול": נוץ אוים דאָס לעבן, געניס, כאַפּ און עס. היינט לעבסטו? — לאָז זיך וואוילגיין. דער "אליל היופי" איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין סאמע צענטער פונם לעבן, וועלכער האָט גערופן צו תאות־בשר, צו אומזיטלעכקייט און אויסגעלאַסנקייט און געוועקט די נידעריקסטע מענטשלעכע אינסטינקטן אין נאָמען פון "אליל היופי".

אזוי האָבן געקעמפט דער נר־תמיד פון דער אידישער זייט און דער אליל־היופי פון דער יונישער (יוואַנישער) זייט דורות לאַנג. דער אויסערלעכער שונא האָט קיינמאָל ניט געוואוסט דעם סוד פון אידישן קיום. ער האָט תמיד געטאַפּט אין דער פינצטער און ניט געפונען דעם עקזיסטענץ־קוואַל פון דער ליכט־דורשטיקער אומה, ביז די מורדי האור, די אידישע דעזערטירער און פאַררעטער, די העלעניסטן אָדער מתיונים, האָבן דעם אוסערלעכן שונא אריינגעפירט אין בית־מקדש אריין און אים געוויזן די מנורה, די געטלעכע מנורה, דעם אידישן נר־תמיד, וועלכער ברענט און ברענט און מען קאָן אים ניט פארלעשן . . .

שכשנכנסו היונים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל . . .

(שבת, כ״א, ע״ב).

אָט אין דער קורצער שורה, וואָס אונדזערע חכמים דערציילן אונדז, ליגט דער גאַנצער קאַמף צווישן דער חשמונאים פאמיליע מיט די אידישע שמענדריקעס און העלעניסטן. וויסנדיק, אז זיי קאָנען דאָס אידישע ליכט ניט פארלעשן, פּרואוון זיי עס מטמא זיין . . . זיי פּרואוון אריינשטעלן דעם "גאָט" פון דער צייט, דעם ליכט־קאַרגן צעאוס. זיי טוען אים אָן אַרבע כנפות מיט א מגן־דוד און שרייען —

אלה אלהיך ישראל . . .

אלץ וואָס איז גוייש פּרואווט מען פאראידישן, און אלץ וואָס איז אידיש, פּרואווט מען פארגויישן —

להניא את לב העם ללכת בדרכי היונים . . . (חשמונאים, ב׳ ד׳).

דער גריכישער שאָטן האָט אין זיין צייט באַדעקט אלע שיכטן פון פאָלק און די אידישע מנורה איז טמא געוואָרן.

נכנסו היונים להיכל וטמאו כל השמנים . . .

"יוזאן", דער פון דער מאכט באַשטימטער הערשער איבערן אידישן גייסט, דער רעפאָרם "כהן־הגדול", האָט ארויסגעלאָזט זיין מאַניפעסט צום געטלעכן פאָלק, צו די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב:

הבה נכרתה ברית עם הגוים אשר סבובותינו . . .

(חשמונאים, א׳, א׳).

און די אידישע יוגנט האט געטאנצט און געיובלט און געזונגען פארן ״אליל היופי״, פארן גאט פון תאוה און מענטשלעכן פארגעניגן, פאר שקר החן און הבל היופי . . .

אין יענער תקופה איז אויפגעשפרונגען ווי א לייב די חשמונאים־משפחה און אויפגעשטורעמט די געטריי־פארבליבענע גלויביקע. זייער שטים האט דערגרייכט פון דן ביז באר שבע —

מי כמוך באלים ה׳ . . . (די ראשי תבות פון ״מכבי״).

זיי האבן אויסגערייניקט דעם טמא געווארענעם בית־המקדש, זיי האבן מיט געטלעכער הילף געשטעלט א וואונדערבארן ווידערשטאנד.

מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ואחרי כן באו בניך לדביר ביתך, ופנו את היכלך, וטהרו את מקדשך, והדליקו נרות בחצרות קדשך . . .

אט־א יענע נרות, יענע ליכטעלעך, ברענען נאך עד־היום אין די ריינע אידישע הייזער. קיינער קאן זיי ניט פארלעשן . . .

צינדט, ברידער אידן, די קליינינקע ליכטעלעך אין אייערע אידישע הייזער. ״הדלקה עושה מצוה״. דערציילט אייערע קינדער דאס וואס די ליכטע־לעך דערציילן . . . דערציילט זיי וואונדער פון אמאל, נצחונות פון אמאל . . . זאגט זיי, אז איטלעכעס אידיש קינד איז א שיינענדיק ליכטעלע אין דער אידישער מנורה, וועלכע קיין אומה ולשון קאן ניט פארלעשן. פוצט די קנייט־לעך, גיסט צו בוימל, ריינעם בוימל, שמן זית, ניט קיין פאראומריייניקטן, ניט קיין טמאדיקן.

הנרות הללו קודש הם . . .

(חנוכה, תש״א).

ג

צוליב וועלכן נס פייערן מיר חנוכה?

אט די פראגע איז שוין געפרעגט געווארן אין דער גמרא שבת. עס ווייזט אויס, אז שוין דעמאלסט זיינען געווען פארשיידענע מיינונגען און איטלעכע גרופע האט עס אויסגעטייטשט לויט איר אייגענעם געשמאק און געדאנקען־גאנג; איטלעכע גרופע האט געוואלט אויסנוצן חנוכה פאר איר אידייע, כדי צו בארעכטיקן און פארמולירן אירע געפרעדיקטע אידעאלן, און כדי צו באפעסטיקן איר פאליטיש אדער נאציאנאל קלייזל . . .

די וואכעדיקע, ככל הגוימדיקע נאציאנאליסטן האבן באטראכט חנוכה אלס זיג פון דער אידישער ארמיי איבער דער סיריש־גריכישער. יהודה המכבי — דער זיגער, און דער קעניג פון סיריע, אנטיוכוס עפיפאנוס — דער באַ־זיגטער. פונם גאנצן ״על הנסים״ האבן פאר זייערע אויגן ארויסגעלויכטן נאר די גבורות און די מלחמות . . . האבן זיי דעריבער גערופן די יוגנט צו באַ־ווייזן פיזישע גבורות, שטארקע מוסקולן, פארצווייגטע ספארט באוועגונגען —

ככל הגוים בית ישראל . . .

זיי האָבן קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען און פאַרשטייען עד־היום נאָך ניט, אויב דער מלך אנטיוכוס האָט אַרויסגעשיקט זיין פייערלעכע "דעמאָקראַטישע" דעקלאַראַציע צו אַלע זיינע אונטערטאַנען אין אַלע אָקופּירטע מדינות, וועלכע אַלעקסאַנדער מוקדון האָט נאָך אָקופּירט, אַז ער גיט אַבסאָלוטע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד:

ויכתוב המלך אנטיוכוס אל כל מדינות מלכותו לאמר: אך תורה אחת וחקה אחת לכל יושבי ארצנו . . . (חשמונאים א׳, א׳, מ״א).

אויב אַזוי איז ער דאָך געווען אַ מלך חסד. צי פאַרלאַנגען דען היינט מער די יאַהודים מכל המינים פון די רעגירונגען אין אַלע לענדער? אַלאַ מאַי, אַביסעלע אַסימילאַציע? דאָס טוען זיי דאָך פון זיך אַליין. דאָס מלכות דאַרף דאָך ניט ערשט צווינגען דערצו —

ויאותו גם רבים מבני ישראל ויזבחו לאלים ויחללו את השבת. (דאָרט).

"און דער מלך האָט געשיקט ספּעציעלע לויפער־שליחים קיין ירושלים און צו אַלע אַנדערע שטעט פון מלכות יהודה און האָט זיי באַפוילן —

ללכת בדרכי גויי הארץ . . . (חשמונאים א׳, א׳, מ״ד).

ווען היטלער, למשל, פאַרנעמט זיך באַלד ביים אָנהויב, אויף אַזאַ וועג פון "תורה אחת וחקה אחת לכל גויי הארץ", און ער וואָלט נאָר פאַרלאַנגט אַ קליינעם פּרייז דערפאַר — "ללכת בדרכי גויי הארץ" — וואָלטן זיך שוין געפונען יאַהודימלעך אין אַלע אָקופּירטע לענדער, וואָס וואָלטן געפירט אַ שטאַרקע אַגעטאַציע פאַר דעם מאָדערנעם אנטיוכוס פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט.

דעם הייליקן שבת וואָלטן זיי ניט געדאַרפט מקריב זיין, ווייל זיי האָבן אים שוין לאַנג פאַרלעצט; ס׳אידישע לשון וואָלטן זיי ניט געדאַרפט אויפגעבן, ווייל שוין צוויי דורות ווי זיי האָבן זייער אייגן לשון פאַרגעסן; ארץ־ישראל וואָלטן זיי ניט געדאַרפט אויפגעבן, ווייל ביי זיי איז פּאַלעסטיין (ניט ארץ־ישראל) נאָר אַ מקום־מקלט פאַר שנאָרער און היימלאָזע — אַזאַ מין בכבודי־קער קאָנצענטראַציע לאַגער . . . אויס רחמנות ווענן . . . און צוליב הומאַני־טאַרע צוועקן דאַרף מען שטיצן פון צייט צו צייט אָט דעם ווינקעלע ביים ים־התיכון, כדי פּטור צו ווערן פון די שאָוועניסטן, וועלכע ווילן דוקא ביי יעדער געלעגנהייט דעמאָנסטרירן העברייאיש מיט דער בלוי־ווייסער פאָן אויף צו רייצן די פרידלעכע חסידי אומות העולם . . .

פאַרוואָס האָט דער אַלטער מתתיהו פון מודעין אָרגאַניזירט זיינע פינף זין און אַלע גאָטספאַרכטיקע אידן אַנטקעגן צו שטעלן זיך די "זיסע רייד" פונם קעניג עפּיפאַנוס? פאַרוואָס האָבן זיי צוריקגעוויזן זיינע דעמאָקראַטישע הבטחות און גלייכבאַרעכטיקונג־דעקלאַראַציע? פאַרוואָס האָט דאָס הייפעלע טריי־געבליבענע כהנים דערקלערט אַלע מתיונים (מיסיאָוונים), די אַלע אַסי־מילירטע יאַהודים, וועלכע זיינען גרייט געווען צו פאַרלאָזן זייער טראַדיציע, זייער תורה, זייער שפּראַך און זייער קולטור — פאַר פאַררעטער און דעזער־טירער, פאַר פּושעים און עוכרים פון כלל־ישראל?

עס האָט זיך געבעטן דער ספּעציעלער געזאַנדטער פון מלך און אַזוי האָט ער געזאָגט צו מתתיהו, כהן־גדול: "דו ביסט דאָך דער פירשט ביי דיינע ברידער, חשוב זיינען דיינע זין און געאַכטעט איז דיין פאַמיליע, דעריבער ברענג דו דעם ערשטן קרבן פאַר דעם גאָט פון די גריכן"...

ואתה ובניך ימצאו חן בעיני המלך ויתן לכם זהב וכסף ומתנות יקרות... (חשמונאים, א״ב, י״ח).

דער שטאָלצער איד, מתתיהו, האָט געדונערט מיט זיין שטים —

... את דתי המלך לא נעשה ואת חקותינו לא נמיר בחקות המלך... (דאָרטן).

ווייל יעדע גלייכבאַרעכטיקונג, וועלכע דאַרף באַצאָלט ווערן מיט דער זעלבסטפאַרלייקענונג פון דער אידישער תורה — אַזאַ גלייכבאַרעכטיקונג מיינט — פאַרשקלאַפונג, פאַרניכטונג און אונטערגאַנג... שרפת הנשמה והגוף קיים... האָבן אַ לאַנד מיט אַ פרעמדער שפּראַך, מיט אַ פרעמדן גייסט פון אַ ככל הגויים בית ישראל, מיט עבודה־זרה פון אַלע מינים, מיט אַלע תורות, נאָר ניט די אייגענע; מיט אַלע טראַדיציעס, נאָר ניט די אייגענע — דאָס איז גלות, דאָס איז שפלות, דאָס איז פינצטערקייט, דאָס איז חשכות — ממש חושך מצרים.

נכנסו היונים להיכל וטמאו כל השמנים... (שבת, כ״א, ע״ב).

די גריכן זיינען אַריין אין היכל און פאַראומריייניקט אַלע ריינע, כשרע אוילן... זיי האָבן ניט צעבראָכן די מנורה... זאָל זי שטיין די אידישע מנורה — דער סימבאָל פון דעם אידישן גוף... זיי האָבן נאָר פאַראומריי־ניקט די ריינע, כשרע און הייליקע אוילן, וועלכע זיינען געווען פאַרזיגלט מיט דעם חותם פון כהן־הגדול... זיי האָבן די אידישע נשמה פאַרסמט, אַסימי־לירט די קינדער, אויפגעבויט געמיינשאַפטלעכע ספּאָרט־פּלעצער סיי פאַר אידן און סיי פאַר גריכן —

תורה אחת וחוקה אחת לכל גויי הארץ... ויקומו בית־משחק בירושלים כמשפט הגוים... ויתמכרו לעשות את הרע בעיני ה׳...

(חשמונאים, א׳, א׳, י״ז).

די חכמי־התלמוד, וועלכע זיינען געווען פיל נעענטער צו יענער תקופה ווי מיר, שטעלן ניט דעם דגש חזק אויף די פיזישע כחות פון די מאַקאַבייער. פונקט ווי אידן פייערן ניט קיין יום־טוב ווען יהושע האָט איינגענומען יריחו און עי, אָדער ווען די בני־יהודה האָבן איינגענומען ירושלים און חברון און ווען עתניאל בן קנז האָט באַזיגט דעם מלך פון ארם, און די אַלע ישועות, וועלכע זיינען פאַרשריבן אין שופטים, שמואל און מלכים.

די חכמי התלמוד האָבן געזען אין דעם נס חנוכה דאָס מסירת־הנפש פאַר קדושה און טהרה, פאַר דער אידישער תורה און טראַדיציע. אַ קליין הייפעלע כהנים האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד ניט בלויז דעם אויס־סערלעכן קעניג־מיסיאַנער אנטיוכוס עפּיפאַנוס, נאָר קעגן דער אייגענער אַסימילאַטאָרישער קליקע, וועלכע איז תמיד גרייט פאַר אַ שמייכל פון אַ פּריץ,

אדער פאר א פאפירענער הבטחה אויפצוגעבן א טראדיציע פון דורות, און א תורה, וועלכע אידן זיינען געגאנגען מיט איר דורך בלוט און פייער, דורך מדבריות און ימים, דורך שטורעם-ווינטן און רעגנס.

דאס איז דער גרויסער נס, דער נס חנוכה. א קליין קריגעלע בוימל, ניט פאראומריינינקט, נאר געבליבן ריין; ניט באריררט פון יענעם צייט-גייסט, די טומאה פון יענע בעלי-תאוהדיקע און אפיקורסישע, געצנדינערישע, גריכישע אידייעס . . . על פי דרך הטבע האט אזא קליין הייפעלע ארטאדאקסישע, מסירת-נפש-פולע גרופע ניט געקאנט עקזיסטירן. ונעשה נס, אז עס האט זיך צעפלאקערט א הייליק פייער און עס האט געברענט און געברענט . . . און אזוי ברענען נאך די קלייניגקע ליכטעלעך ביז היינטיקן טאג . . . די שטורעם-ווינטן פון אלע תקופות רעות האבן ניט געקאנט פארלעשן די קלייניגקע ליכטעלעך . . .

איז עס ניט קיין נס? יא, גרויס איז דער נס, וועלכער האט זיך אנגע-הויבן בימים ההם — אין יענער צייט, און האלט נאך אן בזמן הזה . . . ביזן היינטיקן טאג . . .

די גאנצע וועלט איז ארומגענומען אין פלאמען, פייער-צונגען פאר-צערן אלע אירע פונדאמענטן, אלע פעלקער קעמפן מיט פייער און בלוט, און דער אלטער, אייביק יונגער איד, שטייט מיט זיין הדרת-פנימדיקער צורה און צינדט די קלייניגקע, קיינמאל ניט פארלעשבארע ליכטעלעך . . . און זינגט זיך דאס אייביק-אידישע, אמת-אידישע ליד:

מעוז צור ישועתי, לך נאה לשבח . . . חשוף זרוע קדשך וקרב קץ הישועה . . . נקום נקמת דם עבדיך מאומה הרשעה . . . כי ארכו לנו הישועה ואין קץ לימי הרעה . . .

דער פארניכטונגס-פלאן פונם גרעסטן צורר-היהודים פון אלע דורות אויסצוראטן די שוצלאזע אידן אין די פארחושכטע געטאס, וועט צעפאלן. עס וועט אים געלינגען ביז א געוויסער מאס אומצוברענגען דא און דארט מילי-אנען קרבנות — אבער דער אידישער גייסט וועט ניט געבראכן ווערן.

דאס בלוט פון יענע קדושים וועט אויפהויבן א געשריי פון דער ערד און פארטומלען זיינע מחנות פונקט ווי עס זיינען פארציטערט און דערשראקן געווארן די מחנות פון ארם אין די צייטן פון אלישע הנביא (זע מלכים ב׳, ז׳) און א שרעק און א פחד וועט זיי באפאלן, די קאניבאלן . . . סימנים זיינען שוין דא. ווער עס קוקט מיט אפענע אויגן, דער דערזעט זיי. מיט דער צייט וועלן זיי בולטער ווערן. נאענט איז דער טאג ווען עס וועט אפגעטאן ווערן פון דער מענטשהייט די שאנד פונם צוואנציקסטן יארהונדערט, ווי שלאנגען אין געשטאלט פון מענטשלעכן מין האבן זיי זיך געווארפן אויף א וועלט און זי איינשלינגען געוואלט . . .

דאן וועט די גאנצע מענטשהייט בכלל און דער אייביקער איד בפרט זינגען הלל, א לויב-געזאנג צום אייביקן באשעפער, און אזוי וועט זיך דאס געזאנג אנהויבן:

על הנסים, ועל הפרקן, ועל הגבורות, ועל התשועות, ועל הנפלאות, ועל המלחמות, ועל הנחמות, ועל המלחמות, שעשית לאבו-תינו בימים ההם בזמן הזה . . .

ביז יענעם טאָג, לאָמיר צינדן די שטילע, באַשיידענע ליכטעלעך; לאָמיר מפרסם זיין דעם גרויסן נס; לאָמיר ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע קינדער; לאָמיר זיי דערציילן די באַדייטונג פון חנוכה, זאָלן זייערע טאַטעס וואַרטן מיטן חנוכה־ליכט צינדן אויף זייערע קינדער און אייניקלעך, פּונקט ווי עס וואַרט די מאַמע מיט אירע לאַטקעס.

ת"ר מצוות חנוכה, נר איש וביתו...

דערציילט זיי, די קינדער, טאַטעס; דערציילט זיי, זיידעס. יעדערער אין זיין שפּראַך, יעדערער מיט זיין טאַלאַנט; דערציילט זיי און פאַרגעסט ניט דעם עיקר צו דערציילן, אַז דער נס האָט זיך אָנגעהויבן בימים ההם — און ציט זיך אַזוי ביז — בזמן הזה... (חנוכה, תשי"ג).

ד

מצות חנוכה נר איש וביתו

יאָ, אַזוי האָבן געלערנט אונדזערע הייליקע חכמים (שבת, כ"א, ע"ב). די מצוה פון חנוכה איז אַ ליכט פאַר זיך און פאַרן הויז־געזינד... עס איז פיל צו ווייניק ווען דער איד צינדט זיין ליכט נאָר פאַר זיך אַליין... מיר איז ליכטיק, מיר איז גוט, איך בין זיך פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדים צום אידנטום, איך לערן, איך דאַוון, איך בין זיך אַ גוטער איד, איך באַטייליק זיך אין אידישע שמחות און אין אידישן טרויער, איך גיב צדקה, איך לייען וועגן די אידישע צרות, איך וויין און איך קרעכץ, איך שילט דעם שונא און איך בענטש דעם פריינד... איך... אַלץ איך, היינט איך און מאָרגן ווידער איך... אָבער דאָס הויז־געזינד? וואָס איז בנוגע דער צוקונפט? וואו זיינען דאָן, ווען דו צינדסט דיינע חנוכה־ליכט — דיינע קינדער? ווער באַלייכט זייערע אויגן? ווער דערוואַרעמט זייערע הערצער? ווער דערמוטיקט זיי? ווער דערמאָנט זיי? ווער וועקט אין זיי דאָס פּינטעלע איד? ווער דערציילט פאַר זיי:

על הנסים, ועל הפורקן, ועל הגבורות, ועל התשועות, ועל המלחמות, שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה...

איבער אַלע די נסים און אויסלייזונג, איבער אַלע די גבורות און הילף, איבער אַלע מלחמות, וואָס דו האָסט פון סאַמע באַגינען פון אונדזער אַנטשטייאונג סיי פאַר אונדזערע אור־עלטערן און סיי פאַר אונדז ביזן היינטיקן טאָג געטאָן. ווער דערציילט זיי דאָס, וואָס זיי דאַרפן וויסן?

תנו רבנן: מצוות חנוכה, נר איש וביתו...

די מצוה פון חנוכה איז ליכט סיי פאַר דיר און סיי פאַר דיין הויז־געזינד... צינד ניט דיין ליכט, דו איד, אין איינזאַמקייט; צינד ניט דיין ליכט, דו איד, ווען אַלע זיינען פון דיר אַנטלאָפן. רוף צונויף דיינע קינדער, זאָלן זיי זיך מיט־באַטייליקן אין דער גרויסער מצוה פון אָנצינדן דעם אייביקן, שטענדיק ברענענדיקן נר־תמיד... זאָלן זיי זען, זאָלן זיי הערן, דערצייל פאַר זיי, וויקל פאַנאַנדער די אַלטע חשמונאים־געשיכטע, ווען אַ מינדערצאָל האָט באַזיגט אַ מער־צאָל, און שטאַרקע זיינען אַריינגעפאַלן צו שוואַכע; ווען טמאים — כאָטש זיי זיינען אַזויפיל, האָבן קאַפּיטולירט פאַר די אַזוי ווייניקע טהורים...

דערציי́ל זיי, דיינע קינדער, דו האסט זיי דאך אזוי שטארק ליב, דו וואלסט דאך פאר זיי אלץ מקריב געווען, ארבעטסט דאך פאר זיי, שטייסט אויף אין די פראקטיקע באגינענס, נאך פארן אויפגיין פונם מארגן־שטערן; פאר־גינסט זיך ניט עפעס א לייטיש מלבוש, בעסער פאר די קינדער, זיי זיינען ביליכער, אלץ פאר זיי . . . פארוואס־זשע באהאלסטו דוקא דאס פינטעלע איד פון זיי?

פארוואס־זשע באהאלסטו דוקא דאס ביסל טראדיציע וואס דיינע עלטערן האבן דיר מיטגעגעבן אויף דיין לאנגן וועג, נאר פאר זיך אליין? אלע דיינע סודות, אלע דיינע געהיימנישן דערציילסטו פאר דיינע נאענטע, פאר דיין הויזגעזינד, פארוואס־זשע באהאלסטו דוקא דעם גרויסן, אייביקן סוד פון דיין קיום פאר דיין הויז־געזינד?

גדענק, דו איד, וואס אונדזערע הייליקע חכמים האבן געלערנט:

תנו רבנן: מצוות חנוכה, נר איש וביתו . . .

די מצוה פון חנוכה איז ליכט ניט בלויז פאר זיך, נאר פארן גאנצן הויז־געזינד . . . גיס אריין אזויפיל בוימל אין דיין מנורה, עס זאל פארלייכטן פאר אלע . . . פאררוק ניט דיין חנוכה־לאמפ אין א ווינקל. זיי אים מכבד, גיב אים דאס שענסטע ארט אין דיין הויז; צינד ניט כאפ־לאפ, טו עס ניט אויס געוואוינהייט. באקלער זיך, פארטיף זיך, הער זיך איין וואס די ליכטע־לעך דערציילן . . . זייער שפראך דערמוטיקט דאך, זייערע ווערטער זיינען דאך ווי באלזאם אויף אן אויסגעדארטן גוף, שטיקער צאפלדיקע נשמה; זיי דערציילן פון נסים און פון גבורות, פון מלחמות און פון אויסלייזונג, פון שטאלץ פון פון מוט, פון אמונה און פון בטחון . . .

זאלן דיינע קינדער זען ווי דו ווערסט באגייסטערט פון די דאזיקע ליכטעלעך, וועלן זיי אליין אויך באגייסטערט ווערן . . . זאלן דיינע קינדער זען ווי דיין הארץ צאפלט זיך אויף בעתן צינדן די חנוכה־ליכטלעך, וועלן זייערע יונגע הערצער אויך אויפצאפלען; זאלן דיינע קינדער זען ווי דיין נשמה וואשט זיך, רייניקט זיך און לייטערט זיך אין די דאזיקע פלעמלעך פון די חנוכה־ליכטעלעך . . . וועלן זיי זייערע נשמות אויך וואשן און זויבערן אינם פלאם פון אידישן ליכט.

טו עס אזוי, דו איד! איך בין דיר מבטיח, אז אלץ אין דיר וועט אויפ־זינגען א הערלעך געזאנג. דו, אלע דיינע אברים, דיין הארץ און דיין נשמה, דיין פרוי און דיינע קינדער, דיין גאנץ הויז־געזינד — אלע וועלן זיי זינגען דאס אייביקע אידישע געזאנג:

מעוז צור ישועתי לך נאה לשבח . . .

* * * * *

ה

די בעסטע לערער, די קלוגסטע פעדאגאגן און איבערגעגעבנסטע דער־ציער קאנען דאס ניט אויפטאן, וואס די אידישע שטוב. וואונדער קאן די אידישע היים באווייזן, גאר גרויסע נסים. מען דארף נאר אין פשטות טאן

וואָס אידן האָבן אין די אַלטע, גוטע צייטן מיט תמימות געטאָן פאַר זייערע קינדער. דער חדר האָט דעם אידישן קינד געלערנט, און די היים האָט אים דערצויגן, . . . וויפל כחות האָבן אידישע טאַטע־מאַמע אריינגעלייגט אין אי־דישע שבתים און אידישע יום־טובים? וויפל הארץ און נשמה, וויפל התלהבות, וויפל אמונה און בטחון, וויפל געזאַנג און דערהויבנקייט? . .

ווער זאָגט עס, אז אידישע קינדער זיינען טויב? ווער וואַגט עס ארויס־צוברענגען אזא שקר פון זיין מויל אָדער פען? אידישע קינדער זיינען טויב? ניין!!! אידישע הייזער זיינען פוסט, וויסט און לער, תוהו ובוהו . . . דאָס שארפע אויג פונם קינד זעט דאָרט גאָרניט, זיין גוטער געהער הערט פון דאָרטן ניט קיין אידישן קלאַנג מער; דאָס אידישע הערצל פונם קינד, וועלכעס איז גראָד יאָ פעאיק אויפצוכאַפּן אַלץ, ווערט אין אזא שטוב פאַראַליזירט און אומעטיק . . .

חנוכה איז דער יום־טוב וואָס דאַרף קינדער באַגייסטערן. חנוכה־טעג זיינען מסוגל צו דערהויבן דעם קינדס מחשבה, זיין הארץ, זיין געפיל און זיין גאַנץ וועזן. זיין יונגע נשמה ווערט אינם שיין פון די ליכטעלעך באַלויכטן און זיין נקודה הפנימית, דאָס פינטעלע איד, ווערט דורך די קליינע חנוכה־פלעמלעך אַליין צעפלאַמט.

עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס — היינט איז חנוכה! צינדט די ליכטעלעך אין אייערע היימען, זאָל די אידישע שטוב באַ־לויכטן ווערן פון דעם עכט־אידישן ליכט; ציט די אויפמערקזאַמקייט פון איטלעכן אין אייער הויז; רופט זיי צוזאַמען, אייערע נאָענטע, אייערע קינ־דער; מאַכט עס מיט פירסום, אָפיציעל ,איינדרוקספול; לייגט אריין כחות, גייסט, פשטות און תמימות, וואַרעמקייט און התלהבות; זאָלן אייערע קינדער דאָס דאָזיקע זען, זאָלן זיי באַמערקן אייער ערנסט, אייער קדושה — דאַן וועט עס ווירקן אויף זיי, טיף־טיף וועט עס אין זיי איינגעקריצט ווערן. קיין ווינטן, קיין שטורעמס וועלן ניט קאָנען אָפּמעקן אָט־יענע איינדרוקן . . . יענע הייליקע מאָמענטן וועלן באַגלייטן אייערע קינדער אויף זייער לעבנס־וועג. אין פריידן און אין ליידן וועלן יענע מאָמענטן פון דערהויבנקייט פאַרלייכטערן און דער־וואַרעמען זייערע הערצער. נאָר דאַן וועט איר קאָנען רואיק זיין, אז איר האָט איבערגעלאָזן פאַר אייערע קינדער א ווערטפולע ירושה, די ירושה פון דור־דורות, פון אונדזער אָבות אבותינו.

אידישער טאַטע און אידישע מאַמע, מאַכט דעם חנוכה אינטערעסאַנט! זייט מפרסם די דערהויבנקייט פון די אַכט טעג, די טעג ווען ליכט — דווקא אידיש ליכט — דאַרף אָנפילן די אידישע היימען און אַלע ווינקעלעך פון אייער הויז, און אין שפּאַלטן און באַהעלטענישן פון אייערע הערצער . . .

הנרות הללו קודש הם . . .

הייליק זיינען די דאָזיקע ליכטעלעך, הייליק ביז גאָר, ווייל זיי דער־ציילן! אונדז: וועגן נסים, וועגן אויסלייז, פון גבורות און פון הילף, פון מלחמות גייסטיקע און פיזישע; זיי דערציילן אונדז וועגן זיג פון טהורים איבער טמאים, פון שוואַכע איבער שטאַרקע . . .

יאָ, דאָס אַלץ האָבן געלערנט אונדזערע הייליקע חכמים.
תנו רבנן: מצוות חנוכה, נר איש וביתו . . .

די מצוה פון חנוכה באַשטייט פון אַזאַ ליכט, אַז עס זאָל זיין פאַר זיך און פאַרן הויז־געזינד . . .

(ערב חנוכה, תשי״ד).

ו

הייליק זיינען די דאָזיקע ליכטלעך, מיר טאָרן זיך אָבער מיט זיי ניט באַנוצן

דאָס טאָג־טעגלעכע, עלעקטרישע ליכט; די העלע, מאָדערנע באַלייכטונג, ווערט עפּעס מיטמאָל אומבאַדייטנדיק, מען לייגט אויף איר קיין אכט ניט, זי שפּילט ניט די הויפּט־ראָל אינם אידישן הויז — אין די חנוכה־טעג . . . די אידישע היים, די עכטע, ניט־פאַרגוויישטע, מאַכט אַלע הכנות און פאַרבאַרייטונגען אויפצונעמען און מקבל־פּנים זיין די קליינינקע, צאַרטע, באַשיידענע ליכטעלעך. זיי ווערן מיטאַמאָל דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, זיינען פאַרנומען מיטן זינגען דעם:
הנרות הללו קודש הם, ואין לנו רשות להשתמש בהם . . .

„די דאָזיקע ליכטעלעך זיינען הייליק און מיר טאָרן זיך מיט זיי ניט באַנוצן״. . .

וואָס פאַר אַ מאַגנעטישן כח האָבן די דאָזיקע הייליקע ליכטעלעך? זיי וואַרפן פּאַסמעס ליכט און שטראַלן פון קדושה און טהרה, זיי דערציילן פון נסים און גבורות, וועגן הילף און דערלייזונג, וועגן גלות און גאולה, וועגן קנעכטשאַפט און באַפרייאונג; זיי דערציילן אויך וועגן אמונה און בטחון, וועגן זיג פון קדושים איבער טמאים, פון צדיקים איבער רשעים, פון אַ זיג פון שוואַכע איבער שטאַרקע; זיי דערציילן און דערציילן . . .

זיי דערציילן וועגן טראַדיציע און אידישקייט, וועגן קערנדיקע, עכט־אידישע היימען און וועגן קדושה־פולע משפחות; זיי דערציילן פון דורות, פון אַלטע שוין לאַנג פאַרגאַנגענע דורות, וואָס האָבן ווי מיר, געליטן פון רשעים און בייזוויליקע, פון שונאים און פאַלשע דעמאַגאָגן . . . זייער פיל דערציילן זיי, די הייליקע ליכטעלעך.

באַטראַכט זיי גוט, הערט זיך ריכטיק צו, וועט איר זען די אַלטע מגילות וואָס זיי וויקלען פאַנאַנדער פאַר אייערע אויגן. דאָרטן וועט איר זען אונדזער גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע; דאָרטן וועט איר לייענען, ווי אין אַלע דורות האָבן רשעים דוקא געוואָלט פאַרניכטן די אידישע נשמה, זי פאַרסמען מיט שמד און אסימילאַציע, מיט ביטול און פאַראַכטונג צו אידישקייט און דער אמתער, עכט־אידישער דערציאונג:
ויחשבו את דרכי אבותיהם להבל וריק, וינשאו את דרכי היונים.

(חשמונאים, ב׳, ד—י״ז).

און דער יונגער, אידישער דור, אין די צייטן פון די חשמונאים, האָט באטראכט די טראַדיציע פון זיינע עלטערן פאר נאַריש און אומזין, און האָבן געאַכטעט און גלויבט די גריכישע וועגן און זייער לעבנס־שטייגער . . . דער פרעמדער, גריכישער פלאַקער האָט פארבלענדעט זייערע אויגן, דאָס אידישע, קודש־פולע ליכט האָט זיי ניט באַצויבערט . . .

אזוי לויפן דורות נאָך דורות, און אלעמאָל חזרט זיך איבער יענע טרויעריקע געשיכטע: די יוגנט אנטלויפט, די קינדער האַלטן זיך ניט ביי אידישקייט. דער אידישער חדר האָט געפּרואווט נאָכלויפן יענע אנטלאָפענע, ער האָט שוין רעדוצירט פיל, פיל פון זיין מהות, געמאַכט עס גרינגער, נאָך גרינגער . . . דאָס אויסערלעכע, ניט־אידישע לאָקט, רייצט, באַצויבערט, ציט צו, פארכישופט; דאָס אידישע ליכט איז אָבער באשיידן, שטיל, אָן טומל און אָן רעש, אָן אגיטאַציע און אָן מיסיאָנערישער טעטיקייט — אָן נשמה־כאַפּעריי.

אויף קדושה איז פאראן וויניק בעלנים און נאָך וויניקער מבינים. די עלטערן זיינען צו "ביזי" מיט אייגענע "פּראָבלעמען", מיט אייגענע פאר־ווייַלונגען, מיט אייגענע תענוגים. דאָס קינד איז הפקר — אין בעסטן פאַל שיקט מען עס אויף א שעה אין חדר אריין און מען גלויבט, אז מען איז יוצא. מען גלויבט, אז דער לערער איז א בעל־מופת, וואָס קאָן וואונדער באווייזן און אויסלערנען זייער קינד כל התורה כלה על רגל אחת . . .

די אידישע שטוב איז פּוסט, דער שבת איז פארשוואונדן, דער יום־טוב האָט פארלוירן זיין פּנים, זיין כאראַקטער, די אידישע טראדיציע האָט וויניק אָרט אין אידישע היימען . . . וואָס־זשע איז ווידער דער וואונדער, ווען דער אונטערוואַקסנדיקער רעספּעקטירט ניט טראדיציע, נאָר — ויחשבו את דרכי אבותיהם להבל וריק . . .

די יוגנט באַטראַכט דאָס אויפפירן זיך פון זייערע עלטערן פאר נאַריש און אומווירדיק — וישנאו ויחללו את דרכי אבותיהם . . .

און זיי אַכטן און לויבן דעם לעבנס־שטייגער פון די גריכן, פון די פרעמדע שכנים ? . .

ביי קיין אומה ולשון, ביי קיין פאָלק און נאַציע איז דאָס דערציאונג פּראָבלעם ניט אזא פאראייטערטער און מסוכנדיקער, ווי ביי אונדז, אידן, אויף דעם קאָנטינענט. א גאַר באדייטנדיקער טייל אידישע קינדער באַקומען לגמרי אינגאנצן ניט קיין אידישע דערציאונג. זיי ווייסן פון גאָרניט, און ווען ניט־אידישע קינדער דערמאָנען זיי ניט פון צייט צו צייט אין די סקולס, אז זיי זיינען אידן, וואָלטן זיי אבסאָלוט ניט געוואוסט, אז זיי זיינען אידן.

דער קלענער טייל וואָס באַזוכט שוין יאָ א אידישן דערציאונג אַנ־שטאַלט, זיינען די עלטערן צעטומלט און ווייסן ניט גענוי וואָסערע שיטה איז די ריכטיקע. צי עברית בעברית; צי אידיש, מאַמע־לשון, מיטן העברייאישן עלעמענט און אויסלייג; צי גאָר אידיש מיט דעם נייעם אויסלייג . . . צי דארפן אידן זיין "חברים", אָדער "כאַווירים"; צי דאַרף מען לערנען חומש מיט רש"י, צי בלויז ספּורים פון דער ביבל, אין העברייאיש אָדער אידיש?

פיל עלטערן האבן זיך שוין פאר מיר אראפגערעדט פונם הארצן . . . און דערוויל מאכן די דאזיקע ספקות אליין אן שאדן. פון צעטומלטקייט רייסן עלטערן צו פרי אפ זייערע קינדער פון די תלמוד־תורות און שולן, און פאר־קויפן זיי צום טייוול; מען נעמט יונגע קינדער און מען שיקט זיי פארדינען, אהיימברענגען פרנסה — דאס איז דאס גרעסטע פארברעכן וואס עלטערן באגייען . . .

הנרות הללו קודש הם . . .

אט די קליינינקע ליכטעלעך, די אידישע קינדערלעך, זיינען הייליק. מען דארף זיי געבן אן עכט־טראדיציאנעלע דערציאונג.

ואין לנו רשות להשתמש בהם . . .

און מיר טארן זיך ניט באנוצן מיט זיי! מען טאר ניט נהנה זיין פון זייער פארדינסט. זיי מוזן לערנען און לערנען; זיי מוזן וויסן ווער זיי זיינען, צו וועלכן פאלק זיי באלאנגען; זיי מוזן וויסן וואס זייערע אבות אבותינו האבן געשאפן אין משך פון דורות — הויכע ווערטן, הייליקע און דערהויבענע טראַ־דיציעס; זיי מוזן לערנען אידישע תורה, די הייליקע שפראך — לשון הקודש, און דאס זאפטיקע מאמע־לשון.

דאס קינד וואס קאן ניט לשון־קודש, אדער לפחות העברייאיש, דאס קינד וועט קיינמאל ניט צוקומען צום אידישן קוואל, ער וועט קיינמאל ניט טרינקען דאס ריינע, קוואלנדיקע וואסער פונם ברונעם, וואס די אידישע פירשטן האבן געגראבן אין אלע דורות; דאס אידישע קינד וואס קאן ניט ריידן מאמע־לשון, פשוט אידיש, דאס קינד וועט קיינמאל ניט פילן וועלכע עס איז ברידערשאפט מיטן אידנטום; דאס דאזיקע קינד איז א אידיש־גייסטיקער קריפל, אן אפגעדארטער צווייג פונם אידישן שטאם, וואס וועט סוף־כל־סוף אפפאלן.

קיין אומה ולשון פארגעסט ניט זיין שפראך און טראדיציע, קיין ווירדיקער מענטש ווארפט ניט אוועק די טראדיציע פון זיינע אבות און פאר־בייט מיט א צווייטער.

הנרות הללו קודש הם . . .

די דאזיקע ליכטעלעך זיינען הייליק. זיי דערציילן אונדז פון מסירת־נפש פאר אמתער טראדיציע, ניט פון פאליטישע, ביליקע, סענסאציאנעלע, אויפגעבלאזענע, פאלשע, נאכגעמאכטע; די ליכטעלעך דערציילן אונדז פון נסים, פון גבורות, פון אויסלייז און פון הילף . . .

חנוכה איז א גרויסער יום־טוב, דער יום־טוב פון אידישן גייסט, פון אידישן קינד, פון דער אידישער צוקונפט. איטלעכער טאטע־מאמע דארף זיך אפגעבן דעם אמתן דין־וחשבון, ניט צו פאריאגן דעם אידישן גייסט פון זייער היים, זיך אפצוגעבן וואס מער מיט זייערע שול־קינדער, זען זיי זאלן לערנען און וויסן, גלויבן און טאן, וואס אונדזערע אבות אבותינו האבן געטאן אויפ־צוהאלטן דעם אידישן קיום.

געדענקט, אז אידישע קינדער זיינען הייליק!
הנרות הללו קודש הם . . .

אבער איר טאָרט זיך מיט זיי ניט באנוצן . . .
ואין לנו רשות להשתמש בהם . . .

שיקט ניט צו פרי אייערע קינדער ארבעטן. זאָלן זיי אייך ניט מפרנס זיין, זייט איר ,עלטערן, זיי מפרנס. ווי ווייט איז צו די עלטערן וואָס רייסן אָפּ זייערע קינדער פון לערנען די אידישע תורה און שיקן זיי פאַרדינען . . . שפּעטער ברעכן די עלטערן אויס זייערע קינדערס פאַרדינסטן, זיי האָבן חרטה, אבער עס איז שוין דאן צו שפּעט . . .

לאָמיר צינדן היי־יאָר די קליינינקע, הייליקע ליכטעלעך; לאָמיר זיך פאַרטראַכטן אין זייער אײדעלן, באַשיידענעם ברענען; לאָמיר זיך צוהערן צו זייער שפּראַך, ווייל זיי דערציילן פון נסים און גבורות, פון אמונה און בטחון, פונם גרויסן זיג פון עכטער אידישקייט איבער דער קרעציקער אסימילאַציע, דעם זיג פון משפּחת־החשמונאים, די אמתע טרעגער פון דער ריינער טראַדיציע, איבער די מתיונים און העלעניסטן — די דעמאָלסטיקע יאהודים.

די אַלטע וועלט ליגט אין חורבות. מיר מוזן דאָ אָנהויבן בויען פון דאָס ניי. נאָר עכטע אידישקייט קאָן האָבן א קיום. לאָמיר זיך נעמען צו יענער היסטאָרישער ארבעט פון פאַרפלאַנצן און איבערפלאַנצן, צו פלעגן און אָפּהיטן די יונגע פלאַנצונגען, ווייל —
הנרות הללו קודש הם . . .

(ערב חנוכה, תש״ה).

ז

דער עצם איד איז א מאמין. אין זיינע טיפענישן איז באהאַלטן א קערנדל, וואָס איז פאַרזייט געוואָרן נאָך בימי אברהם אבינו. א איד גלויבט אין באַשאַפער פון דער וועלט, ער גלויבט אין נסים, ער גלויבט, אז מיט זיין פאַלק פּאַסירן איבערנאַטירלעכע געשעענישן און די נסים זיינען ניט קיין צופעליקע. זיי האָבן — זאָגט דער הייליקער מהר״ל פון פּראַג — א סדר. זיי זיינען פאָרויסבאַשטימט . . . אין א געוויסער אָרדענונג באַווייזן זיי זיך . . .

די ״אויפגעקלערטע״, די ״היינט־וועלטיקע״, די עם־האַרצישע משכילים — זיי האָבן עס אָנגעמאַכט אזא געפּילדער אויף דער אידישער גאַס, אויסגעלאַכט די גלויביקע, אָפּגעחוזקט פון די מאמינים און אָנגעהויבן דערציען דעם יונגן דור אָן תורה און אָן אמונה. ניט־גלויביקע ״גייסטיקע״־פירער האָבן אָנגעהויבן זיך א לאָז טאָן אויף די אָפּגעשטאַנענע אידישע מאסן און זיי געלערנט כפירה אָנשטאָט אמונה, אסימילאַציע אָנשטאָט אידישע טראַדיציעס, עבודה־זרה אָנשטאָט עבודת־הקודש; אומדערצויגענע ״דערציער״ האָבן זיך גענומען דערציען דעם יונגן דור אויף גאָטלאָזיקייט, אויף עם־הארצות, אויף מרידה און רעוואָלט צו אלע קדשי־האומה, א קאַמף קעגן דעם רבונו של עולם און קריג דערקלערט דער אידישער תורה און רעליגיע . . .

דער מענטש דארף נעמען זיין גורל אין זיינע הענט. דאָס פאָלק דארף ניט וואַרטן אויף נסים. אליין, גאַר אליין, דארף עס זיך העלפן . . . א פאָלק מיט פעלקער גליך, א מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה —
ככל הגויים בית ישראל . . .

און די פּאָליטישנס? זיי האָבן אייגנטלעך דעם שענדלעכן דזשאב פאַר־ענדיקט. געשפּייזט דאָס אידישע פאָלק מיט הבטחות פון דעם סענאטאָר אָדער יענעם גאָווערנאָר, געלאָפן אויף די ווייס־מראמאָרנע שטיגן פון די רעגירונגס־הייזער און געלאָזט וויסן מיט שרייענדיקע קעפּ אין די אידישע ציַיטונגען, אז אָט־אָט קומט די ישועה! אָט ווערן מיר א פאָלק מיט פעלקער גליך! די גוישע "פריינט" האָבן אונדז אָבער אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט.

ערלעכע אידישע פירער און כשרע דערציער האָבן געדאַרפט אין אלע דורות לערנען די אידישע מאסן ניט צו גלויבן אין קיין גויישע הבטחות, מעגן זיי קומען פון גרויסע פּרעזידענטן און ערלעכע, ניט־אידישע פירער, ווייל זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט אין זינען אפילו צו קומען אויף אן אמת צו הילף גאָטס פאָלק . . . זייערע אייגענע געלט־אינטערעסן דערלויבן זיי ניט צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר די גרעסטע נרדפים פון אלע צייטן.

די גבורים וואָס האָבן אויף אזא וואונדערבארן אופן צעקלאַפּט די ברוטאַלע מאכט אין איירָאָפּע און יאפּאן; די פאראייניקטע פעלקער, וואָס האָבן געוויזן אזא אומבאשרייבלעכע געוואַגטקייט, האָבן מורא פאַר ווילדע וואנדער־שבטים פון דער מדבר, זיי זאָלן חלילה ניט אָנפאַלן אויף ארץ־ישראל (לייען פארשטאָפּן די אויל־רערן) . . .

עס ווילט זיך פרעגן די גרויסע דריי: צוליב וואָס אייגנטלעך האָט זיך די וועלט געבאָדן אין בלוט? צו וואָס אייגנטלעך האָט מען חרוב געמאכט בליענדיקע ישובים און אונטערגעהאַקט מיליאָנען יונגע לעבנס? צוליב וועלכן אידעאַל? עקזיסטירן דען ניט די זעלבע פארשקלאַפונג־סיסטעמען? איז דען די דיקטאַטור ניט צעוואַקסן זיך אויף אלע פראָנטן? איז די ברוטאַליטעט פאַר־ניכטעט געוואָרן? לעבט דען ניט דער פאשיזם? וואָס איז דער חילוק אין וועל־כער שפּראַך, אין וועלכן לשון דיקטאַטור אָדער פאשיזם, צביעות און פאַלש־קייט ווערט געפּריידיקט? . .

עס ווילט זיך פרעגן די גרויסע דריי א הארבע קשיא: וויפל מיליאָנען אידן האָבן עס נאָך געדאַרפט אויסגעקוילעט ווערן, מען זאָל זייערע קינדער, די פּליטי־חרב, אריינלאָזן אין זייער לאַנד? וויפל ביליאָנען אידיש פארמעגן האָט עס נאָך געדאַרפט צערויבט ווערן, אז מען זאָל סוף־כל־סוף אנערקענען פאַר אידן זייער אייגן לאַנד?

מיר לייענען אין די ציַיטונגען, אז ביז היינטיקן טאָג קאָנען אידן נאָך ניט פאָרן אויף די באַנען אין געוויסע טיילן פון דייטשלאַנד, דאָרט וואו עס הערשן אציַנד די ציוויליזירטע באפרייער . . . מיר לייענען אין די ציַיטונגען, אז ביז היינטיקן טאָג הערשט א שאַרפער אנטיסעמיטישער קורס אין כמעט אלע טיילן פון דער "באפרייטער" איירָאָפּע. אידן ראַנגלען זיך מיט זייערע לעצטע כחות, זיי ווילן באַהעפטן זיך צום כלל־ישראל אין ארץ־ישראל — און זעט ווי מאָדנע — גראָד די זיגרייכע באפרייער שטערן זיי, פארשטעלן זיי דעם וועג.

עס טומלט זיך וועגן הונדערט טויזנט אידן, וועלכע פּרעזידענט טרו־מאַן האָט פאַרגעשלאָגן אַריינצולאָזן אין ארץ־ישראל. ענגלאַנד וויל ניט, זי האָט מורא . . . איר רחמנות, נעבעך, דערלאָזט עס ניט. די פּליטים קאָנען נאָך חלילה ליידן אַז עולה אין ארץ־ישראל. די אַראַבער זיינען ווילד, זיי פאַר־טעסטירן . . . דער זינגרייכער, בריטישער לייב האָט פּחד און שרעק פאַרן מדבר־האָז ! . . איז עס ניט קיין איראָניע ? . .

פאַלשקייט און צביעות, אָפּנאַרעריי און ברוטאַליטעט, האָבן זיך צעוואַקסן אינם פּאָליטישן געמויזעכץ, און עס צעבליט זיך, און עס צעוואַקסט זיך ווי ווילדע געוויקסן נאָך א רעגן . . . נאָר אומווויסנדיקע בטלנים זאָגן, אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. רויבערייען און צאַנקערייען פאַרשאַרפן זיך פון טאָג צו טאָג, מען רעדט זיסע רייד באַפּוצט מיט שלום און אחדות און זייערע הערצער זיינען פול מיט אָפּנאַרעריי. דער שטאַרקער וויל אַלץ ווייטער איינשלינגען דעם שוואַכערן . . . מען צווינגט אַרויף אידייען און רעגירונגס־סיסטעמען.

איר גלויבט מיר ניט? נעמט די אידן־פראַגע וועט איר זיך איבערצייגן. די אידן־פראַגע איז תמיד, אין אַלע דורות, דער אמתער באַראָמעטער. דער בריטישער לייב און דער רוסישער בער, צוזאַמען מיטן רייכן אָנקל סעם, זיינען געוואָרן גרויסע יראים און חרדים — אָבער ניט חלילה קיין יראי־שמים . . . ווען זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר גאָט, וואָלטן זיי ניט אָפּגעטאָן דעם גרעסטן שותף אינם בלוטיקן שפּיל — דעם אידן — אַזאַ שענדלעכע און מיאוסע אָפּנאַרעריי. זיי וואָלטן אַלע דריי געדאַרפט עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל און אַריינלאָזן, וואָס עפּעס הונדערט טויזנט אידן פון דער ענג־לישער און אַמעריקאַנער זאָנע? און וואו זיינען די אידן פון פּוילן, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע און טאקע פון רוסלאַנד אַליין? איז דאָס די בעסערע וועלט פאַר וועלכער די יוגנט פון היינטיקן דור האָט אַזוי העלדיש געקעמפט?

איז דאָס די בעסערע וועלט, מען זאָל קענען טרייסטן די הונדערטער טויזנטער מאַמעס און עלנטע אַלמנות און יתומים, און זיי זאָגן: באַרואיקט זיך, אייערע נאָענטע האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר אָט דער בעסערער וועלט עס האָט זיך געלוינט צו שטאַרבן פאַר א בעסערער וועלט . . .

האָט זיך עס באמת געלוינט ? ? ? . . .

דאָס אָפּגענאַרטע, פאַרפּייניקטע אידישע פאָלק לאָזט הערן זיין מעכ־טיקע לייבן־שטימע מסוף עולם עד סופו: ניין, עס האָט זיך ניט געלוינט! ניין, עס איז קיין בעסערע וועלט ניט געקומען!

און ווען איר וועט פאָרן אין סטריט־קאַר אָדער אין באַן, ווען איר וועט שפּאַצירן אין א פּאַרק אָדער אין אַלייע, און איר וועט דערזען א מלחמה־אינוואַליד, א יונגן מענטשן אָן א פוס אָדער אָן א האַנט, אָן אַן אויער אָדער אָן אַן אויג, זאָלט איר וויסן זיין, אַז אָט דאָס איז דער אויסזען פון דער דאָזיקער וועלט . . . די וועלט איז אַרום בשן ועין . . . אָבער זי איז ניט באַפרייט, זי איז ווייטער פאַרשקלאַפט צו טיראַניי, צו דיקטאַטור, צו ביליקע פּאָליטישנס, צו אָפּנאַרעריי.

איר צווייפּלט אין מיינע רייד? טאָ נעמט דעם אייביקן בּראַמעטער, דעם אידן! לייגט צו אייער אויער צו זיין הארצן וועט איר הערן . . . טאַפּט אָן דעם אידישן דופק, וועט איר געוואָר ווערן ווי אַזוי עס קוקט אויס די בעסערע וועלט.

* * * * *

ח

ווי אַזוי קאָנען בכלל לערער לערנען אצינד מיט זייערע שילער וועגן מאָראַל פונם יחיד, ווען די מאָראַל פון די זיגרייכע פעלקער איז אַזוי שטאַרק געפאַלן? דאָס קליינע קינד וועט דאָך גלייך א פרעג טאָן: העי, לערער, איז דען גזלה און רציחה פאַרבאָטן געוואָרן נאָר פאַר יחידים, און דעם רבים איז עס דערלויבּט? טאָר א יחיד ניט אַפּנאַרן דעם צווייטן, און פעלקער מעגן זיך אַפּנאַרן און אויסלאַכן פון יענעמס וואונדן און עלנט? דאַרף נאָר א יחיד האַלטן זיין צוזאָג, און א זיגרייך פאָלק מעג אַפּנאַרן און אנטוישן, אפילו ווען די אַפּנאַרעריי און אנטוישונג זאָל קאָסטן הונדערטער טויזנטער אומגליק־לעכע לעבנס? זיינען דען די עשרת הדברות געגעבן געוואָרן נאָר פאַר יחידים און ניט פאַר פעלקער ? . .

מען האָט אונדז פאַרשלעפּערט אין זיסע חלומות, אין הבטחות פון פעלקער. א שמייכל פון א פּרעזידענט אָדער פּרעמיער מיניסטער איז געווען גענוג צו קומען צום פאָלק און זאָגן צו אים: „זיי רואיק, מיין פאָלק, עס שאַפט זיך, עס וועט געבוירן א אידישע מלוכה . . . מיר ווערן באַלד, אָט־אָט, א מיטגליד אין דער פעלקער־משפחה". . .

איך וויים ניט ווי איר. איך פּערזענלעך גלויב באמונה שלמה, ווען מען זאָל אויפוועקן אונדזערע אידישע חכמים און די מלכים פון ישראל און יהודה און זיי פרעגן צי זאָלן מיר זיין צופרידן צו ווערן א מיטגליד אין דער היינטיקער פעלקער־משפחה, וואָלטן זיי אַלע פה אחד געענטפערט: אנטלויפט פון זיי, גלויבט זיי ניט, ווייל זיי צאַצקען זיך מיט אייך. זיי נוצן אויס אייערע פעיקייטן פאַר זייערע אייגענע צוועקן, אָבער זיי וועלן אייך קיינמאָל ניט צו הילף קומען אין אייער נויט ! . . א אידישע מלוכה — יאָ, אָבער ניט מיט עשום הילף . . . ניט מיט די היינטיקע פּאָליטישנס . . .

זיינען דען די קרוב צו טויזנט פּליטים פון אָסוועגאָ, אין אַמעריקע, ניט דער בעסטער באַוויז צו דער שרעקלעכער ירידה פון די בעסערע פעל־קער אפילו ? . .

אין אַזא אומגליקלעכער, שוידערלעכער תקופה, ווען מיליאָנען מענטשן זיינען אומגעקומען פון הונגער און נויט און האָבן זיך געריסן צו קומען אין די פרייע לענדער, האָט די רייכע, זאַטע אַמעריקע ניט אַריינגעלאָזט מער ווי טויזנט פּליטים און עד היום זיי פאַרשפּאַרט אין א קעמפּ פון וואַנען די פּליטים קאָנען זיך פריי ניט באַוועגן . . .

* * * * *

ט

וועלן זיך שוין כאָטש אצינד אָפּלערנען א מוסר די גאַטלאָזע, „נייס־טיקע"־פירער און די ניט־דערצויגענע דערציער, זיי זאָלן כאָטש אויפקלערן

דעם אונטערוואקסנדיקן אידישן דור ניט נאכצוילויפן דער גויישער וועלט? ניט נאכצוטאן זייערע מנהגים, ניט צו מישן זיך מיט זיי? צוריק צום אידישן קוואל! צוריק צו דער אידישער תורה און אמונה! צוריק צו דער אידישער טראדיציע! — אט דאס דארפן זיין די אמתע לאזונגען פון פאראנטווארטלעכע אידישע פירער.

סיי די אידישע לערער ,סיי די אידישע טאטע־מאמע, סיי די אידישע זיידע־באבע, דארפן מיט שטורעם זיך נעמען צו אט דער הייליקער ארבעט — אויסראמען די פרעמדע געטער פון די אידישע הייזער און אויף זייער ארט איינפלאנצן ריינע, אידישע, כשרע אמונה, וועט על אפס ועל חמתם דאך באשטעטיקט ווערן גאטס הבטחה.

צינדט אן די הייליקע חנוכה ליכטלעך. ציט די אויפמערקזאמקייט פון קליין און גרויס, פון יונג און אלט. דערציילט אייערע קינדער, אז די חנוכה־ליכטלעך זיינען אונדזער סימבאל פון אידישקייט, פון אפגעזונדערטקייט פון דער גויישער וועלט, פון עכטער אידישער דערציאונג, פון אמונה אין גאט, אין תורה און אין דער הייליקייט פון ארץ־ישראל. די חנוכה־ליכטלעך דערציילן אונדז ניט צו גלויבן די פעלקער, ווייל זיי זיינען ניט אויסן אונדזער טובה; די חנוכה־ליכטלעך דערציילן אונדז —

על הנסים, ועל הפרקן, ועל הגבורות, ועל התשועות . . .

(חנוכה, תש"ו).

פּורים

ישנו עם אחד

יש דבר שיאמר: ראה זה חדש הוא,
כבר היה לעולמים אשר היה מלפנינו.

(קהלת, א־י).

א

לגבי דער אומענדלעכקייט זיינען די לעבנס־יארן פונם מענטשן ווי א טראפן פונם גרויסן ים. זיין לעבנס צייט ווערט איינגעטיילט אין פארשיידענע פעריאדן: די קינדער־יארן, די בליענדיקע יוגנט־עפאכע, די גאלדענע און מיט רויזן באשאטענע פול־קרעפטיקע מיטעלע יארן, און דאן קומען ערשט די לעצטע יארן פון זיין עלטער. דער מענטש גלויבט באמת, אז ער לעבט דורך תקופות און עפאכעס, פעריאדן און לאנגע יארן. דער אמת איז אבער, אז זיין לעבנס־צייט איז קורץ און זייער באשרענקט. ער איז אזוי פארנומען מיט "זיינע" לעבנס־תקופות, אז אים דאכט זיך, אז אלץ וואס עס קומט פאר ארום אים איז ווי ספעציעל און טאקע לכבוד אים, אדער זיין פעריאד געשאפן געווארן. אלע געשעעניש זיינען אלץ מכוון פאר אים און פאר זיין דור . . .

דער חכם מכל האדם האט אבער שוין פעסטגעשטעלט: עס זיינען פאר־ראן זאכן וואס מען זאגט אויף זיי, איר זעט, דאס זיינע נייע. אין דער אמתן אבער זיינען זיי שוין געווען גאר לאנג פאר אונדז . . . נארישער מענטש, עס איז ניטא קיין נייעס . . . כבר היה לעולמים אשר היה מלפנינו . . .

אלץ האט שוין פאסירט, אלץ איז שוין אמאל געווען . . . דו, קליין מענטשעלע האסט נעבעך קיין זכרון ניט . . . אין זכרון לראשונים . . .

דו ביסט צופיל פארנומען מיט "דיינע" פראבלעמען, מיט דיינע אי־בערגאנג פעריאדן, דו האסט אפילו ניט קיין צייט א קוק צו טאן אויף צוריק און זען: אט האט טאקע דאס זעלבע פאסירט אמאל, ממש דאס זעלבע . . .

* * * * *

ב

שפילט דען א ראל דער נאמען? עשו, פרעה, עמלק, אגג, נבוכדנצר, המן, אנטיוכוס, טיטוס, טארקוועמאדא, כמעלניצקי, פעטלורא, היטלער — אלע האבן זיי איין פרצוף און איין טרפהנע צורה . . .

הצד השווה שבהן שדרכן לילך ולהזיק, זייער איינציקע כונה איז

להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן וטף ונשים ביום אחד . . .

די מיטלען זיינען נאר אנדערע, זייערע וואפן בייטן זיך אין יעדער תקופה, אבער זייער פינצטערער ציל איז דער זעלבער . . . המן האט געקריצט מיט זיינע חיהשע ציין, זאגנדיק צו אחשורושן:

ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים . . .

א וואונדערבארע דערשיינונג: א פאלק וואס איז צעזייט און צעשפרייט איבער הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות, צווישן פארשיידענע קולטורן און שפראכן, מענטאליטעטן און כאראקטערן און דאך איז עס — "עם אחד"! טראץ וואס עס לעבט אין אזעלכע שווערע באדינגונגען אויף אלע קאנטינענטן, צעשפרייט אויף אלע שבעה ימים, אפילו הינטער די הרי־חושך טרעפט איר היינט אחינו בני ישראל. ממש מפוזר ומפורד בין העמים און דאך — "עם אחד"!

די אנטיסעמיטן, די המנס אין אלע דורות, וואס זיינען "עומדים עלינו לכלותנו", ווארפן זיך ווי בעסטיעס, ווי ווילדע חיות אויף אונדזער פאלק . . . זיי ווילן אונדזער אומה פארניכטן. איין לאנד פרואווט עס טאן אויפן עקאנא־מישן געביט, דאס צווייטע אויפן רעליגיעזן, דאס דריטע וויל סתם אזוי זיך שפילן אין רשעותדיקע שטוקעס, און דאס פערטע וויל אונדז דורך אסימי־לאציע איינשלינגען . . .

גאט, דו אליין ווייסט וועמעס כונות זיינען פאר אונדז שעדלעכער!

די המנס זיינען פאראן, אפשר נאך בולטער ווי אין דער תקופה פון אחשורושן. זייער פארניכטונג־קראפט איז אין פולער קראפט, זייער טייוולשע מאשין איז געלאזן געווארן אין גאנג, אידישע לעבנס זיינען הפקר, זייער האב און גוטס צעראבעוועט, צו שאנד און צו שפאט, ללעג ולקלס בגוים; קיין ערדישע מלוכה נעמט זיך פאר אונדז אידן ניט אן, זיי האבן איין דער אמתן מיט זיך אליין צו טאן . . . די וועלט גייט אפ אין בלוט: א משוגענער מאניאק האט די וועלט אין פלאמען פארוואנדלט; עס ברעכן זיך די יסודות פון אייראפע — א טויזנט־יאריקע קולטור ווערט פארניכטעט פאר אונדזערע אויגן.

די מכה פון דם ואש ותמרות עשן האט זיך איצט אראפגעלאזט אויף גאנץ אייראפע, אויף דער זינדיקער אייראפע, וועלכע האט געזען אין משך פון דורות ווי מען פייניקט די כנסת ישראל, מען זויגט אויס איר לחלוחית, און זי האט געשוויגן . . . די המנס זיינען פאראן, וואו זיינען אבער די מרדכים ? . . וואו איז די אידישע אסתר, וועלכע זאל לאזן הערן איר געווע־לעד קול: לך כנוס את כל היהודים ! ! !

גייט פארזאמלט אלע אידן — נאר זייער אחדות קאן זיי ראטעווען פון אונטערגאנג . . . דער היינטיקער אידישער דור איז בלינד, ער זעט ניט די גרויסע געפאר. ער איז טויב און הערט ניט די געטלעכע שטימע, וועלכע רופט און מאנט, פאדערט און בעט זיך: לך כנוס את כל היהודים . . .

דאס איז דער איינציקער כח אונדזערער, דאס זיינען אונדזערע איינ־ציקע וואפן בכל דור ודור . . .

דאס כאראקטעריסטישע פון אלעמען איז, וואס מיר זיינען לידער צעבראכן און צעשפליטערט, צעפיצלט און צעברעקלט, און דאך באטראכט

אונדז דער שונא פאר א פאראייניקטן כח פון אן אינטערנאציאנאלן כאראק־טער. ער קוקט אויפן "ישנו עם אחד" — טראָץ וואס ער איז מפוזר ומפורד בין העמים . . .

אונדזערע הייליקע חכמים זאָגן, אז משיח לעבט אין יעדערן דור. אונדזער אמתער גואל לעבט, ער איז גרייט צו טאָן זיין שליחות, און כל־זמן דער דור איז ניט ראוי, איז דער גואל פאראליזירט. ער וויל העלפן, נאָר ער קאָן ניט . . . דער צעשפליטערטער דור לאָזט אים ניט, ער שטערט אים . . .

* * * * *

ג

ומרדכי ידע את כל אשר נעשה . . .

יענער מרדכי, דער אמתער פאָלקס מנהיג, האָט גוט געוואוסט די ביטערע לאַגע פון זיין פאָלק. ער האָט ניט יוצא געווען מיטן בלויזן פאסטן, מיטן בלויזן וויינען און קרעכצן אין זיין אייגענער היים. ער איז ארוים פון זיינע ד' אמות:

ויצא בתוך העיר ויזעק זעקה גדולה ומרה . . .

ניט אין א הינטער־געסל, באהאלטן, פאר א פּאָר מנינים אידן, נאָר ער איז ארוים אין מיטן פון שטאָט. ער האָט געשריען און פארזאמלט ארום זיך אלעמען און האָט זיי דערקלערט זייער ביטערע לאַגע. ער האָט געמונטערט, גערופן צו דערוואכונג, צו תשובה, צו צוריקקער צום אידנטום . . . ער האָט געשיקט זאָגן דער קעניגין, אסתר, מיט א שארפן פסוק:

אם החרש תחרישי בעת הזאת, רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר ואת ובית אביך תאבדו . . .

אויב דו, אסתר, וועסט אין דער דאָזיקער גורלדיקער, ביטערער שעה פארשווייגן, וועט סוף כל סוף א רעטונג פאר די אידן קומען פון אן אנדער אָרט, אָבער דו און דיין פאָטערס הויז — איר וועט פארלוירן גיין . . . מרדכי האָט געוואָרנט אסתרן, אז זי זאָל זיך ניט איינריידן, אז זי איז געשיצט אינם קעניגלעכן פּאלאַץ; זי זאָל ניט גלויבן אין איר קרובהשאפט צום מלך, ווייל ווען עס קומט אן אויפברויז פון רשעות, דאן ווערן ניט געשוינט קיין דער־נעענטערע צום הערשנדיקן קלאַס.

ער האָט מאָביליזירט אלע כחות פון פאָלק, זיי זאָלן גרייט זיין צו גאולה, ווייל צו גאולה דאַרף מען זיך פאָרבארייטן. קומען קומט טאַקע די גאולה בהיסח הדעת, אָבער דאָס פאָלק דאַרף זיין גרייט . . . היינט איז אונדזער טראַגעדיע צענפאַכיק גרעסער, ווייל ס'איז ניטאָ דער מאַנער. דער פאָלק־פירער שלאָפט. מרדכי איז פאַראַן, אָבער ער באהאלט זיך, ער וויינט און קרעכצט ערגעץ־וואו. מען דאַרף אָבער ארוים בתוך העיר און שרייען א זעקה גדולה ומרה, א גרוים, ביטערע געשריי צו פארזאמלען דאָס פאָלק, דאָס שלאָפנדיקע פאָלק . . . ס'איז אָבער פאַרט פאַראַן איינער וועלכער שלאָפט ניט —

הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל ! . .

עס דרעמלט ניט און שלאפט ניט דער וואס וואכט איבער ישראל און איבער זיינע אינטערעסן . . .

לאמיר האפן, אז ער וועט אויפוועקן סיי דעם מנהיג און סיי זיין פאלק; לאמיר האפן, אז דער היינטיקער המן וועט האבן זיין סוף, ווי זיין פארגעננגער בימי אחשורוש; לאמיר האפן, אבער זיין גרייט . . .

(אדר, תש״א).

ד

וצא הלחם בעמלק

דעם שבת פאר פורים רופט מען ״פרשת זכור״, ווייל א חוץ דער לויפנדיקער סדרה פון דער וואך ווער אויך פארגעלייענט די פרשה:

זכור את אשר עשה לך עמלק . . .

מען זאל זיך דערמאנען מחיית עמלק אין דער צייט פון מחיית המן. פורים נאך שחרית, ווערט פאר מגילת אסתר, ווערט פארגעלייענט די פרשה:

ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים . . (שמות, י״ח, ה).

פורים איז אלזא א צווייטע אויפלאגע פון יענער געשיכטע אין דער מדבר. עמלק האט זיך געריצט און איז אנגעפאלן אויף די בני־ישראל. ער האט זיך פארמאסטן דאס געטלעכע פאלק אין סאמע באגינען פון זיין אנטשטיי־אונג צו פארניכטן. אלע פעלקער און נאציעס האבן געציטערט פארן געטלעכן פאלק, וועלכעס איז נאר־וואס באפרייט געווארן פון קנעכטשאפט:

שמעו עמים ירגזון, חיל אחז יושבי פלשת, אז נבהלו אלופי אדום, אילי מואב יאחזמו רעד, נמוגו כל יושבי כנען . . .

(שמות, ט״ו,, י״ד)

פעלקער האבן געהערט און דערציטערט געווארן, אין אנגסט האבן זיך געפונען די איינוואוינער פו פלשת. די פירשטן פון אדום זיינען געווארן דערשראקן. די פירער פון מואב זיינען פון שוידער באנומען געווארן — עמלק איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט געוואגט אנצופאלן אויף די כנסת ישראל.

משל לאמבטי רותחת וכו׳. — אמשל צו א קאכעדיקער וואנע וואסער אין וועלכער קיין מענטש האט ניט געוואגט אריינצוגייז, ער זאל זיך ניט אפבריען. בא בן בליעל אחד קפץ וירד לתוכה — איז געקומען א נידערטרעכ־טיקער, געוויסנלאזער פארשוין און דאך אריינגעשפרונגען אין איר, כאטש ער האט זיך שטארק אפגעבריט, דאך האט זיך אפגעקילט דאס וואסער פאר אנדערע . . . שכל האומות — זאגן די חז״ל — יראו להלחם בם, ובא זה והתחיל והראה מקום לאחרים — ער האט געוויזן דעם וועג פאר אנדערע . . . דעריבער איז עמלק דער פארהאסטסטער און דער ארגינעלער סימבאל פאר יעדערן און איטלעכן רשע מרושע, וועלכער האט דעם אידנטום ווי געטאן.

עס איז כאראקטעריסטיש: עשו און אדום זיינען אייביקע שונאים פון יעקבן און זיינע קינדער. זאָגט די תורה:

לא תתעב אדומי כי אָחיך הוא . . . (דברים, כ״ג, ח׳).

פאראומווירדיק ניט קיין אדומי, ווייל עס איז דיין ברודער. טאקע א רשע, א שונא־ישראל, אָבער עס דערוועקט זיך פאָרט אמאָל אין אים א ברי־דערלעכקייט:

וירץ עשו לקראתו, ויחבקהו, ויפול על צואריו וישקהו ויבכו . . .

(בראשית, ל״ג, ד׳).

די עגיפּטער זיינען זיכער ניט געווען קיין פריינט צו די בני־ישראל, ווארים זיי האָבן זיי דאָך פארשקלאפט צוויי הונדערט מיט צען יאָר; זיי פאר־קנעכטונג און מיט זיי געארבעט עבודת־פּרך: ויאנחו בני ישראל מן העבודה.

דאָך זאָגט די תורה:

לא תתעב מצרי, כי גר היית בארצו . . .

פאראומווירדיק ניט קיין מצרי, ווייל דו האָסט דאָך געלעבט אין זיין לאנד. ער איז פאָרט געווען דיין גאסט־געבער, דו האָסט ביי אים אן אכסניא געהאט. א שלעכטע אכסניא, א ביטערע — אָבער פאָרט דאָרט געלעבט . . .

עמון און מואב האָבן אידן געוואָלט דעמאָראליזירן. זיי האָבן גע־פּרואווט אויפברעכן די וואנט פון צניעות און איינפירן אויסגעלאסנקייט. זיי האָבן אָנגערעדט די אידן צו עברות. זאָגט די תורה:

לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה׳ . . . (כ״ג, כ״ד).

קיין עמוני אָדער מואבי (פון מענער) זאָל ניט קומען אין גאָטס קהל. עמלק איז אָבער געווען אן אנדער שונא פון אידנטום.

ויבא עמלק וילחם עם ישראל . . .

סתם אזוי זיך, פון דער העלער הויט. אָן פּרעטענזיעס, אָן צו "דער־קלערן קריג" (ווי עס איז היינט די מאָדע); אָן מאָטיוו און אָן אורזאך . . .

ויבא עמלק וילחם עם ישראל . . .

סתם שנאה, ראסן־האס . . .

דער אלטער קאָצקער זצ"ל האָט געטייטשט: אשר קרך בדרך — עמלקן האָט די תורה באפוילן אָפּמעקן און פארניכטן, ווייל אשר "קרך", ער האָט זיך קאלט געמאכט "בדרך" מיט א וועג, מיט א שיטה, מיט אן אידייע . . . ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע שכנים: פּלישתים, אדום, מואב און אנדערע, און צו זיי געזאָגט: לעמעשקעס! פּחדנים! פאר וועמען האָט איר מורא? פאר וועמען שרעקט איר זיך? איך וועל אייך באלד צייגן, אז אייער שרעק איז ניט באגרינדעט . . . ויבא עמלק וילחם עם ישראל — ער האָט קאלט געמאכט די קאָכעדיקע וואנע וואסער . . .

ווען די בני־ישראל זיינען געשטאנען אין אן עת־צרה ביים ים־סוף און געשריען צו גאָט, האָט משה צו זיי געזאָגט: ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון —

גאָט וועט שוין מלחמה האלטן פאַר אייך, ואתם תחרישון — איר בלייבט רואיק. איר העלפט אליין ניט צו . . . פאַרוואָס? ווייל כי גר היית בארצו — דו האָסט דאָרט דיין אכסניא געהאט. איז דעריבער ניט מן היושר איר זאָלט זיי שלאָגן . . . לא תתעב מצרי . . . ביי עמלק איז שוין א מצוה אים צו שלאָגן:

וצא הלחם בעמלק . . . ווייל—מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור . . .

אַט די גיפּטיקע אידייע, סתם זיך צו טשעפּען צו אידן, אַז וועלכער עס איז אורזאַך, דער קאַמף איז אַן אייביקער — מדור דור . . . דעריבער ליגט א פליכט אויף איטלעכן אידן: וצא הלחם בעמלק . . .

קיין רחמנות, קיין סימפּאַטיע פאַר די עמלקים מדור דור. פאַרניכטונג, פאַראכטונג, מיט געמיינזאַמע כחות . . . עס ליגט א פליכט אויפן גאנצן כלל —

וצא הלחם בעמלק . . .

דעם ערשטן אידישן מלך איז געוואָרנט געוואָרן:

עתה לך והכיתה את עמלק והחרמתם את כל אשר לו ולא תחמול עליו . . . (שמואל א׳, ט״ו).

איצט גיי און דערשלאָג עמלקן. פאַרוויסט און פאַרניכט אים און אלץ וואָס ער האָט. זאָלסט זיך אויף אים ניט דערבאַרעמען. אויף עמלקן טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן . . . רחמנות איז אַן ענין פאַר יחידים, פון מענטש צו מענטש. אָבער דאָן ווען עס האנדלט זיך וועגן אַן אויסגעשפּאַרכענעם פאָלק־שונא, וועלכער האָט דיך קאַלט געמאַכט מיט א וועג, מיט אַן אידייע, די גאנצע וועלט זאָל דעם אידן באַטראַכטן קאַלט, אָן סימפּאַטיע, אויף אזא סאָרט שונא, טאָר מער ניט רחמנות האָבן . . .

שאול המלך האָט אָבער פאַרגעצויגן זיין מענטשלעכע רחמנות לגבי די פאָלקס־אינטערעסן: ויחמול שאול על אגג — שאול האָט יאָ רחמנות געהאַט אויף אים. רעדט גאָט צו שמואלן: נחמתי כי המלכתי את שאול למלך . . . איך האָב חרטה וואָס איך האָב שאולן געקרוינט פאַר א מלך. כי שב מאחרי — ער האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר . . . פון מיר, וואָס איך בין אויך א רחום וחנון, א טוב ומטיב און גלייכצייטיק א גאָט פון נקמות! רחמנות איז א הייליקע מדה, אָבער ניט דאָן ווען מען דאַרף נעמען נקמה . . . דאָן איז דאָס געבאָט:

ולא תחמול עליו . . . וצא הלחם בעמלק . . .

* * * * *

ה

שבת פאַר פורים, אין פרשת זכור, לייענט מען וועגן דער מצוה פון:

תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח . . .

די הפטורה דערציילט טאַקע די דראַמאַטישע געשיכטע פון שאולס רחמנות צו עמלקן — און עס איז פאַראייביקט געוואָרן שאולס פעלער. גאָט האָט חרטה אויף זיין געזאַלבטן, זיין מלוכה ווערט צעריסן . . . ווייל

רחמנות דארף ניט פארוועקסלט ווערן מיט נקמה. רחמנות איז א הייליקע מדה, אבער ניט לגבי אזא סארט שונא ווי עמלק . . . אויף עמלקים זיינען פאראן אנדערע מצוות אין דער תורה:

זכור את אשר עשה לך עמלק; תמחה את זכר עמלק; ולא תחמול עליו; וצא הלחם בעמלק — ווייל — מלחמה לד׳ בעמלק מדור דור . . .

פורים, נאך תפלת שחרית, פאר מגילת־אסתר, לייענט מען —

ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים . . .

ווייל דער קצור פון דער גאנצער מגילה איז:

ויבא עמלק וילחם עם ישראל . . .

דער זעלבער בלוטיקער אקט, די זעלבע רשעות, דאס זעלבע גיפט־פארשפרייטן קעגן די בני־ישראל אין זיבן און צוואנציק מדינות:

ונשלח ספרים ביד הרצים אל כל מדינות המלך להשמיד, להרוג, ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן, טף ונשים ביום אחד . . .

היינט זיינען די "רצים" די לופט־כוואליעס פון ראדיא, די פראפא־גאנדע מאשין, געבלס און זיין קרעציקע קליקע . . . עמלק איז געווען דער ערשטער צו באפאלן אידן: ראשית גוים עמלק (זע דארטן, רש״י)

דער ערשטער, בלוטיקער שונא, אז א פארוואס און אן א פארוועז, איז געווען עמלק. אבער — ואחריתו עדי אובד (במדבר, כ״ד, כ׳).

זיין ענדע וועט זיין — פארניכטונג ! . .

אמת, די דעמאקראטישע וועלט שלאפט ניט. זי איז אבער נאך אביסל פארשלעפערט . . . זי האט שוין אויפגעוואכט, שוין אראפגעלאזט די פיס פון בעט, אבער זי האט זיך נאך ניט ענערגיש א נעם געטאן. היטלער פירט א קאמף אויך קעגן דער ביבל און קעגן דעם ביבל־פאלק. ער שרעקט זיך פאר דעם ספר־הספרים . . . די פסוקים פון תנ״ך שטעכן אים און שטערן זיין רו . . . ער ווייסט פון זיי, ער פילט זיי אין זיינע ביינער. ער שרעקט זיך פאר דעם —

וצא הלחם בעמלק . . . און פאר — ואחריתו עדי אובד . . .

גיי ארויס, פייט עמלקן. זיי זיכער, זיין ענדע וועט זיין — פארניכטונג!

(פורים תש״ב).

ו

אלי, אלי למה עזבתני

א״ר לוי כיון שהגיעה אסתר לבית הצלמים נסתלקה ממנה שכינה, ואמרה: אלי, אלי למה עזבתני ? . .

(מגילה ט״ו)

און ווידער וועלן אידן היי־יאר פאנאנדערוויקלען די מגילה און אין טיפן ערנסט, מיט א הייליקן ציטער לייענען פון מרדכי און אסתר, פון אחשורוש און המן.

עס זיינען פאראן פיל וואס מיינען, אז די געשיכטע געהערט איינגנט־לעך צו דער ווייטער פארגאנגענהייט. אמאל, אמאל איז געווען א מלך טיפש, וואס האט זיך געלאזט ארומפירן ביי דער נאז פון א מיניסטער א רשע, אן אנטיסעמיט און ער איז גרייט געווען צו לאזן אויסהרגענען זיינע אידישע אונטערטאנען פאר צען טויזנט שטיק זילבער; אמאל איז געווען א המן הרשע, וועלכער האט אויסגעארבעט א טייוולשן פלאן "צו פארטיליקן, צו הרגענען און אומצוברענגען אלע אידן פון יונג ביז אלט, פיצעלעך קינדער און פרויען — אלע אין איין טאג, אין דרייצנטן טאג פום צוועלפטן חודש, און זייער פאר־מעגן צערויבן". און דער גאנצער אפאראט פונם מלך־טיפש איז געשטעלט געווארן צו זיין רשות: אלע שרייבער האבן געשריבן אין צענדליקער שפראכן און לשונות צו אלע אונטערטאנען, וואס לעבן אין הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות, און קעניגלעכע שליחים האבן די דאזיקע שריפט פאנאנ־דערגעפירט געחתמעט מיטן קעניגס זיגל־רינג.

אז אלטע געשיכטע — אזוי גלויבן די אומגלויביקע — די געשיכטע איז טאקע א שיינע און ביז גאר אינטערעסאנט, אבער צו וואס דארפן מיר זי יאר־איין, יאר־אויס, איבערחזרן און ווידערהאלן? צו וואס דער פאראד צו פארזאמלען זיך אין די שולן און די דאזיקע געשיכטע מיט גרויס כונה און אויפמערקזאמקייט אויסהערן ? . .

די גמרא דערציילט אונדז, אז אסתר האט געשיקט צו די חכמים און פון זיי געבעטן: כתבוני לדורות . . .

פארשרייבט די גאנצע פאסירונג פאר די שפעטערדיקע דורות . . . נאר זי האט געקאנט זען דאס שרעקלעכע בילד ווי א רשע, אן אנטיסעמיט, וואס טראגט זיך ארום מיט טרפהנע מחשבות צו פארניכטן די אידן, קאן אזוי לייכט באאיינפלוסן אלע הויפלייט און דעם קעניג אליין, ארויסצובא־קומען פון אים אליין זיין חתימה אויף אזא טייוולשן פלאן; נאר אסתר האט דערפילט די טראגיק פונם אידישן גורל, וועלכער איז אויסגעשטעלט צו אלע געפארן און קאטאסטראפעם צוליב עפעס א רשע . . .

כתבוני לדורות . . .

פארשרייבט אט די געשיכטע פאר די קומענדיקע דורות. דערציילט זיי, זאלן זיי וויסן, אז אויף א האר הענגט די גאנצע אידישע רעכט אין די גלות־לענדער. אט צאצקעט מען זיך מיט אידן, מען נוצט אויס אלע זיינע גייסטיקע און פיזישע כחות; אט שטעלט מען אים אויף איין מדרגה מיט אלע אדערע איינוואוינער און — אט קומט א מאניאק און רודערט אויף גאנצע מדינות און קאנטינענטן מיטן איינציקן לאזונג, אז מען דארף דעם אידן פארניכטן און פארטיליקן, און זיין פארמעגן צערויבן . . .

פארשרייבט מיין ראל — אין דער פורים געשיכטע — פאר די קו־מענדיקע דורות, האט זיך אסתר המלכה געבעטן ביי די חכמים, אויב ניט וועט מען שפעטער פאלש אויסטייטשן, מען וועט ניט גלויבן, אז —

אסתר ברוח הקודש נאמרה . . .

ז

מרדכי דערוויסט זיך פון דער טראגעדיע, וואס רוקט זיך אן אויפן אידן. ער צערייסט זיינע קליידער, ער וויקלט זיך ארום אין א זאק געטונקט אין אש, ער גייט ארום איבער דער גאנצער שטאט און שרייט און יאמערט, און צעוויינט זיך ביטערלעך. אסתר שיקט פאר מרדכין קליידער. ער נעמט זיי אבער ניט אן. שיקט זי א קעניגלעכן קאמערדינער, געוואר ווערן וואס אזוינס האט פאסירט: מה זה ועל מה זה...

זאגט ר׳ יצחק אין גמרא (מגילה, ט״ו), אז אסתר האט געשיקט פרעגן מרדכין, אפשר האבן אידן עובר געווען און ניט אפגעהיט דאס וואס עס שטייט אין די פינף חומשים?

די שכינה באגלייט אסתרן אין אלע אירע אינטערווענצן, ווען זי פראוווט אינטערווענירן פאר איר פאלק. ווען זי דארף אבער דורכגיין דעם בית־הצלמים — פארלאזט זי די שכינה.

אמר ר׳ לוי: כיון שהגיע אסתר לבית הצלמים, נסתלקה הימנה שכינה ואמרה: אלי, אלי למה עזבתני?..

ווייל די אידישע רעטונג קאן ניט קומען דורכן בית־הצלמים, דורך א הויז, וואו פרעמדע געטער און פרעמדע גייסטער זיינען טעטיק... ווי צו דעם פאלק, וואס זייערע פירער זען ניט אנדערש די טריט פון דער גאולה, ווי דורכן בית־הצלמים... אסתר טרעט צוריק און ברעכט אוים אין א יאמערלעכן געוויין:

אלי, אלי למה עזבתני?..

מיין גאט, מיין גאט, פארוואס האסטו מיך פארלאזן? איך רוף דיך בייטאג און דו ענטפערסט ניט. איך שריי צו דיר ביינאכט, און איך ווייס ניט פון קיין בארואיקונג...

ח

ניין, די אידישע גאולה וועט ניט קומען דורך די וואס גלויבן אין צלמים. ווען אידישע פירער (לייען פארפירער) קלאפן אף די טירן פון יענע הייזער, וואס זיינען פול מיט צלמים, דערווייטערט זיך די שכינה פון זייער שליחות.

כתבוני לדורות...

פארשרייבט מיין ראל פאר די שפעטערדיקע דורות... זאלן זיי עס וויסן, די מרדכים און אסתרס, אין אלע דורות; זאלן זיי צוריקטרעטן און אויסשרייען מיט בונה פון דער טיפעניש פון זייער ריין הארץ:

אלי, אלי למה עזבתני?..

אויף דיר האבן זיך פארלאזט אונדזערע עלטערן, זיי האבן זיך פארזיכערט, אז דו האסט אונדז אויסגעלייזט... נאר צו דיר האבן זיי געשריען און זיי זיינען געראטעוועט געווארן... דערווייטער זיך ניט פון מיר, ווייל די נויט איז נאענט און ס׳איז ניטא ווער עס זאל אונדז העלפן (תהלים, כ״ב).

ווי טרויעריק ווערט אָבער אויפֿן הארצן ווען מען לעבט אין א תקופה, וואָס איז פיל שוידערלעכער, פיל גרויזאמער ווי יענע בימי מרדכי ואסתר. ווייל אויב אין די צייטן פון המן און אחשורוש איז דער טייוולשער פלאן ניט אויסגעפירט געוואָרן, איז אָבער די היינטיקע צרה א ווירקלעכקייט; די היינטיקע קאטאסטראָפע איז שוין געשען און האלט נאָך אלץ אָן. די צאָל הרוגים דערגרייכט שוין אין מיליאָנען, יונג און אלט, פון זויגלינגען ביז גרייז־גרויע, מענער און פרויען, קראנקע און שוואכע, זיינען אומגעקומען און קומען אום; זייער פארמעגן צעפלינדערט און צערויבט, שרעקלעד, זייער שרעקלעד און גרויזאם איז דאָס אומגליק פון אונדזער פאָלק, עס האָט קיין פארגלייך ניט אין דער גאנצער געשיכטע. די "וועלט" איז גלייכגילטיק צו אידישע צרות, אומשולדיק אידיש בלוט שיינט ניט צו זיין רויט גענוג, אז וועלט־מאכטן זאָלן אויפהויבן א ווירקזאם געשריי . . .

דער איבערגעבליבענער געראטעוועטער איד איז פארפירט פון זיינע פארפירער, וואָס גלויבן אלץ, אז די אידישע רעטונג קאָן קומען און וועט קומען דורך צוזאָגעכצן פון פאָליטיקער און פון בית־הצלמים פאָרשטייער פון פארשיידענע אמונות. אויב זיי וועלן אונטערשרייבן און זאָגן א גוט־וואָרט, וועט מען אידן באהאנדלען "מענטשלעכער" און מיט מער "רחמנות". . . די אידישע טראגעדיע איז צו שרעקלעד, אז פרעמדע פאָליטיקער פון ניט־אידישן אָפּשטאם, און אידן וואָס זיינען פארפרעמדט פון אידישער אמונה, זאָלן זי קאָנען פארוואנדלען אין גאולה. דער אידישער גורל ליגט ניט אין די הענט פון די, וואָס גייען אריין און ארויס אין ווייסן הויז, אין וואשינגטאָן, אָדער אין אנדערע רעגירונג הייזער פון וועלכער מדינה עס זאָל ניט זיין. די אידישע גאולה קאָן ניט קומען און וועט ניט קומען פון קיין בשר־ודם.

און כאָטש מיר זיינען צופרידן און ס'איז אונדז ליב און טייער איטלעכעס גוט וואָרט וואָס נאָבעלע, איינפלוסרייכע מלוכה־מענער זאָגן פאר אונדז, און צייגן ארויס פארשטענדעניש פאר אונדזער זאך — טאָרן מיר אָבער ניט סומך זיין זיך אינגאנצן אויף זייער חסד . . . אונדזער גורל ליגט אין די הענט פון דעם וואָס, האָט באשאפן הימל און ערד, און האָט אויסדערוויילט ציון וירושלים אלס דעם ענד־ציל פון אונדזערע האָפענונגען . . .

נאָר צו פאָליטיקער קאָנען קומען אזוינע רשעים, ווי די רעפאָרמער, און פאָדערן אין נאָמען פון "דזשודאאיזם", ניט צו אנערקענען ארץ־ישראל פאר אידן . . . נאָר צו בשר־ודמס קאָנען ארומלויפן אזעלכע אויסוואורפן און אויפווייזן באותות ובמופתים, אז ארץ־ישראל אלס אידישע מלוכה קאָן שאָדן ברענגען אידן אין דער גאנצער וועלט; נאָר די אידייע פון כחי ועוצם ידי האָט געקאָנט געבוירן אזעלכע נפשות. פאָליטיקער ענדערן זייער שנעל זייער שטעלונג לויט דער קאָניוקטור פון דער צייט. אויב אידישע אינטערעסן זיינען ניט מער אין די אויגן פון פאָליטיקער ווי אן עניין פון פאָליטיק און אנדערע אויסרעכענונגען, דאן מיט וואָס־זשע איז דער פראָטעסט פון עגיפטן, איראק, לבנון און פון אלע אנדערע אראבישע לענדער ניט אזוי "חשוב" אין זייערע אויגן ווי די תביעות פון אידישן צד ? . . אלא מה, אידן האָבן געליטן מער פון אלע אנדערע, אידן ווילן א היים, אז אייגן ווינקעלע, ווילן זיין מיט מענטשן גלייך ? . . וועט מען "ברייט" עפענען די טויערן פון פארשיידענע לענדער

און אין פּאַלעסטיין וועט מען אויך אריינלאָזן אפשר צענדליקער טויזנטער פּליטים און — שאַ־שטיל . . .

פאר אידן האָט מען קיין מורא ניט. אידן זיינען ניט קיין גזלנים, אידן זיינען דאָך אַ פּאָלק פון קולטור און זיינען געהאַרכזאַם, בייגן זיך פארן פּריץ אין דרייען . . . אמאָל פלעגט דער איד זינגען פארן פּריץ "מה יפית", א שבתדיק אידיש ליד, א שטיק זמירות . . . און היינט זינגען די רעפאָרמער און ניט־געשמדטע משומדים פארן פּריץ ניט קיין מה־יפית, נאָר קריסטלעכע לידער — מען גייט אין די טשווירטשעס מיטן אידישן מחזור אין האנט און מען לאָדט איין גלחים אין אידישע שולן, כדי צו באווייזן "ברידערלעכקייט"... און מען האָפט ארויסצובאַקומען א גוט וואָרט פון די בית־הצלמים פאר דער אידישער זאַך.

רבי לוי האָט געזאָגט: אזוי ווי אסתר האָט זיך דערנעענטערט צום בית־הצלמים, האָט זיך די שכינה פון איר אָפּגעטאָן . . .

די אידישע שכינה קאָן ניט הויזן מיט צלמים צוזאמען . . . די אידישע גאולה וועט אזוי אנאַך ניט קומען. און אויב עס וועט זיך יאָ עפּעס באווייזן שפּורן פון הילף, וועט עס גיכער זיין מיטן כח פון דער סטרא אחרא איידער מיטן כח פון דער קדושה . . . דער אידישער רעטונג־גאַרטל אינם שטורמישן ים פון צרות און פּיין איז דער אייביקער אויסגעשריי:

אלי, אלי למה עזבתני ? . .

גאָט מיין גאָט, פארוואָס האָסטו מיך פארלאָזן? אויף דיר האָבן זיך פארלאָזט אונדזערע עלטערן, זיי האָבן זיך פארזיכערט און דו האָסט זיי אויס־געלייזט . . . נאָר צו דיר האָבן זיי געשריען און זיינען געראַטעוועט געוואָרן . . . דערווייטער זיך ניט פון מיר, ווייל די נויט איז נאָענט און ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אונדז העלפן . . .

* * * * *

ט

די געשיכטע פון מרדכי און אסתר איז ניט געווען נאָר אמאָל. אין איטלעכן דור חזרט זי זיך איבער. אמאָל אין א לייכטער פאָרם און אמאָל אין א גרויזאמערער. די היינטיקע טראַגעדיע איז פיל גרעסער, שווידערלעכער, דאַרף אויך די היינטיקע רפואה זיין א ממשותדיקע, און אמתע ישועה, א גאולה שלמה. לאָמיר זיך פארזאַמלען אין די שולן און אויסהערן די אלטע און אייביק נייע געשיכטע פון דער מגילה; לאָמיר אויסשרייען פון די טיפענישן פון אונדזער הארצן:

אלי, אלי למה עזבתני ? . .

גאָט איז א רחום וחנון, ער וועט אונדז צוהערן דאָס מאָל, ווייל ס'איז שוין שאו מים עד נפש . . .

(פורים, תשי"ד).

י

רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר

תניא: כהנים בעבודתן, ולוין בדוכנן, וישראל במעמדן, כולן מבטלין עבודתן ובאין לשמוע מקרא מגילה.

(מגילה, דף ג׳).

די אידישע חכמים, אין דער צייט פון דער משנה און גמרא, האָבן געמאַכט פון דער מצוה צו לייענען די מגילה, א גאַנצן ווען. מיט גאַנץ באַזונדערן פרסום און אויפמערקזאַמקייט דאַרף די אַלטע אַיין אייביק נייע מגילה געלייענט און געהערט ווערן. אפילו פרויען, וואָס זיינען פטור פון די הויפּט־מצות פון דער תורה (ווי, למשל, תפילין, ציצית, סוכה), זיינען פאַרפליכטעט צו הערן די מגילה.

פאַראַן ביי אידן א דין, אז ווען איינער איז באַשעפטיקט אין א מצוה, איז ער אין דער זעלבער צייט פטור פון צו טאָן אן אנדער מצוה:

העוסק במצוה פטור מן המצוה . . . (סכה, כ״ו, ע״א).

אָבער ווען עס האַנדלט זיך אין מקרא מגילה, צו לייענען אָדער הערן די מגילה אין פורים — דאַן מוז אַלץ באַזייטיקט ווערן, אַלץ ווערט נדחה, אָפּגערוקט אָן א זייט. מענער און פרויען, יונג און אַלט, אָרעם און רייך — אַלע דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אין די שוּלן צו הערן די מגילה . . . אפילו כהנים ווען זיי האַלטן אין טאָן זייער הייליקע עבודה אין בית־המקדש, און די לויים ווען זיי האַלטן אין מיטן זינגען זייערע הייליקע לידער, און די בני־ישראל אין מיטן פון זייערע מעמדות, אין מיטן פון זייער אַנוועזנהייט בשעת די קרבנות, דאַרפן זיי אַלץ איבערלאָזן, אַלץ מבטל זיין און לויפן הערן די מגילה לייענען.

ווייל די מגילה דערציילט אונדז אַן אַלטע, אָבער אייביק נייע געשיכטע, וועלכע חזרט זיך איבער כמעט אין אַלע תקופות, אַלעמאָל אין אַן אַנדער פאָרמע און גראַד, אמאָל שוואַכער און אמאָל אין א פיל שטאַרקערער פאָרם. די המנס נעמען גאָר קיין ריכטיקע מפּלה ניט איין. הענגט מען איינעם מיט זיינע צען זין, קומען אַרויף אויף דער וועלט־סצענע אַנדערע, פיל געפערלעכערע און ערגערע. ווען איין המן איז נאָך קוים באַזיגט, שפּראַצן שוין און וואַקסן שוין אַנדערע מיט מער אכזריות און ברוטאַליטעט. עס איז אַן אַלטע געשיכטע, וועלכע באַנייט זיך פון דור צו דור, פון תקופה צו תקופה. עס איז א טועת צו מיינען, אז די געשיכטע פון דער מגילה געהערט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. זי איז די געשיכטע פון דער קעגנוואַרט, פון דער היינטיקער צייט, ממש פון אונדזער דור. זי איז ניט בלויז די געשיכטע פון בימים ההם . . . נאָר אויך פון בזמן הזה . . .

דעריבער ליגט א הייליקער חוב אויף אַלע פון היינטיקן דור, אויף מענער און פרויען, אויף אַלט און יונג, אויף רייך און אָרעם, צו קומען זיך פאַרזאַמלען איטלעכער אין זיין שוּל אָדער מנין, און מיט טיפער ערנסט אויס־

הערן די וואונדער־שיינע, ביז גאַר אקטועלע געשיכטע פון א המן, וועלכער האָט מיט זיין טייוולאַנישן פּלאַן געוואָלט פּארטיליקן די אידן, וואָס האָבן געלעבט אין הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות פון דער פּערסישער אימפּעריע . . . מען דארף מיט גרוים כונה אויסהערן אָדער אַליין לייענען די מגילה און ציען די ריכטיקע מסקנות פון דער דאָזיקער אומשטערבלעכער געשיכטע.

יענער המן, ווען ער וואָלט היינט ערגעץ־וואו רעגירט, וואָלט ער אפשר גאָר ניט באטראכט געוואָרן — לגבי די היינטיקע המנס — פאר אזא שונאי־ישראל און צורר היהודים. ער וואָלט אפשר אויך גערוען, לפנים, א "ליבעראַל" אָדער א "דעמאָקראַט". . . יענער המן האָט ניט געקאָנט פארליידן דעם שטאָלצן מרדכי, וועלכער בוקט זיך ניט און קניט ניט פאר אים, און גיט אים ניט אָפּ דעם געהעריקן כבוד. זיין קלאַגע צום קעניג אחשורוש איז געווען: "עס איז פאראן איין פאָלק, צעזייט און פארשפּרייט צווישן אַלע פעלקער, און זייערע געזעצן זיינען גאַנץ אנדערש ווי ביי אנדערע פעלקער, און די געזעצן פונם קעניג דערפילן זיי ניט". . .

המן האָט געוואָלט, אז אידן זאָלן זיך אסימילירן, אויפגעבן זאָלן זיי זייערע געזעצן און זייער רעליגיע, און דוקא נאָכטאָן דעם הערשנדיקן פאָלק, זיך צופּאסן צום רעגירונג. געזעץ און צו זיין רעליגיע: עסן זייערע מאכלים און פּראווען זייערע מנהגים. האָבן עס פיל טאקע געטאָן. זיי האָבן געגעסן פון קעניגס סעודה און זיך געבוקט צו זיין אָפּגאָט, און געוואָלט טאקע זיך אויס־מישן מיט די ארומיקע פעלקער און אראָפּוואַרפן פון זיך דעם עול פון אידנטום:

מפני מה נתחייבו שונאיהם של ישראל שבאותו הדור כליה? מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע, מפני שהשתחוו לצלם . . .

(גמרא, מגילה).

פארוואָס זיינען די אידן פון יענעם דור פאראורטיילט געוואָרן צו אומקום? ווייל זיי האָבן געגעסן פונם קעניגס באנקעט און האָבן זיך געבוקט צו זיין אָפּגאָט.

המנען איז דאָס אַלץ גוט געפעלן געוואָרן. זיין כעס און צאָרן איז נאָר געווען אויף די מרדכים, אויף די באוואוסטזיניקע אידן, וואָס ווילן זיך פאר קיין פּאַל ניט בוקן און ניט קניען פאר דער הערשנדיקער מאַדע. זיי ווילן בשום אופן ניט נאָכמאַלפּעווען אלס וואָס ניט־אידן טוען. ווען המן זעט ניט מיט די אייגענע אויגן דעם מרדכי־טיפּ, וואָלט ער עס ניט געגלויבט. ער האָט זיך אָבער געשעמט צוליב איין פארעקשנטן אידן מאכן אן אויפרודער אין דער מדינה. ווערט ער אָבער געוואָר, אז טויזנטער מרדכים זיינען פאראַן, וואָס בוקן זיך ניט און קניען ניט, און זייערע געזעצן זיינען אנדערש פון די געזעצן פון אנדערע פעלקער, און אפילו דעם קעניגס רעליגיע־געזעץ שטייט זיי ניט אָן.

המן האָט פארשטאַנען, אז כל־זמן עס עקזיסטירט אן אָרגאַניזירטע גרופּע קנאים, א פעסט־איבערצייגטע, מחנה וואָס בוקט זיך ניט און קניט ניט, און וויל ניט נהנה זיין אפילו פונם הערשערס באנקעט . . . ווערט דער פּלאַן צו אסימילירן אַלע אידן, זיך ניט איינגעבן. די מרדכים וועלן שטיין אויף דער וואך, ביי יעדער געלעגנהייט וועלן זיי אויפהויבן א זעקה גדולה ומרה.

א גרויס און ביטער געשריי — האט ער זיך גענומען צום פארטיליקונג פלאן. די הײנטיקע המנס זײנען דאך פיל אכזריותדיקער. זיי האבן ניט אנגע־נומען דעם פרייז פון אסימילאציע. פארקערט גאר, די דייטשע רשעים און אלע זייערע נאכפאלגער אין אלע אנדערע לענדער און קאנטינענטן, האבן זיך ארומגעזען, אז גראד די אסימילירטע אידן, די וואס האבן פון זיך אראפגע־ווארפן דעם אידישן לבוש, גראד זיי זיינען געווארן זייערע גרעסטע קאנקור־רענטן און האבן פארנומען זייערע פאזיציעס אין דער וועלט פון מוזיק און ליטעראטור, פינאנץ און אינדוסטריע. די הײנטיקע המנס האבן אפילו קיין טויף־סערטיפיקאט ניט אנערקענט. שמד איז קיין רפואה ניט געווען אינם לאנד פון רשעות. א קאמף קעגן דער אידישער ראסע און קעגן אידישן איינ־פלוס א פארניכטונג אויף אן אמת, מיט א סיסטעמאטישן אויסראטונגס־פלאן, מיט די מאדערנסטע כלים און געצייג, מיט "וויסנשאפט־מעטאדן"; די המנס אין הײנטיקן, פינצטערן דור, האבן דאך די גאנצע "מאדערנע ציוויליזאציע" געשטעלט אין דינסט פונם אויסראטונגס־פלאן.

און אז המן פון דער מגילה האט נאר געוואלט זיין פלאן אויספירן און ס'איז אים גארניט געלונגען, איז אבער די הײנטיקע המנס יא געלונגען צו געווינען די מלחמה לגבי דעם אידישן פאלק.

דער יום־טוב פורים דערמאנט אונדז אין שמחה, אין פרייד, ווייל אידן זיינען געראטעוועט געווארן, זיינען נצול געווארן. הײנט, אפילו ווען די המנס וועלן שוין אלע הענגען אויף זייערע תליות, וועט אלץ נאך ביי אידן קיין יום־טוב ניט זיין. ווייל ווי קאן מען זיך פרייען, ווען מיליאנען פונם בעסטן טייל פון אידישן פאלק זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם? ווי קאן מען זיך משמח זיין, ווען טויזנטער אידישע קהלות קדושות זיינען חרוב און אויסגעווארצלט געווארן? ווי קאן מען זיך בארואיקן, ווען די דעמאקראטישע וועלט־מאכטן, באראטן זיך און צעטיילן ווידער דעם ערד־קוגל צווישן זיך, און פארגעסן ווידער אינם גרעסטן־בארויבטן שיתוף — דעם איד? ווי קאן מען זיך לאזן וואוילגיין, ווען נאך אלע בלוטיקע יארן זיינען די טויערן פון אונדזער לאנד כמעט פאשלאסן? ווי קאן מען צוטרוי האבן צו אזא שטייגער סדר העולם, וואס קוקט אין אונדזערע אויגן אויס ווי דער גרעסטער אומסדר?

— —

אזוי האבן אונדזערע חכמים געלערנט. אפילו כהנים און לויים און ישראלים זאלן אלע מבטל זיין זייער עבודה און קומען הערן לייענען די מגילה.

ווייל די מגילה דערמוטיקט אונדז. זי גיט אונדז בטחון און האפענונג, זי שטארקט אונדז און קרעפטיקט אונדז, זי דערמאנט אונדז, אז אויב מענטש־לעכע און פאליטישע השתדלותן קאנען ניט ברענגען דעם געצוואונטשענעם רעזולטאט, דאן — ניט פארצווייפלט! ניט יאושדיק! פול מיט בטחון און האָ־פענונג, ווייל:

רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר...

א דערלייכטערונג און א רעטונג וועט זיך באווייזן פאר אידן דורך אנדערע וועגן.

הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל...

עס שלאפט ניט און עס דרעמלט ניט דער שומר־ישראל... דער טאג פון נקמה איז נאענט!..

דער מלך אחשורוש, דער זעלבער, וואס האט מיט זיין האנטשריפט געחתמעט די גזרה צו פארניכטן די אידן, דער זעלבער האט פארשטאנען צו באשטימען פאר אידן א טאג, דעם דרייצנטן אדר, זיך נוקם צו זיין אין זייערע פריינט.

פתשגן הכתב להנתן דת בכל מדינה ומדינה, גלוי לכל העמים, ולהיות היהודים עתידים ליום הזה להנקם באויביהם...

(אסתר, ח׳, י״ג).

א באפעל אין איטלעכער מדינה איז באקאנט געמאכט געווארן פאר אלע פעלקער, און די אידן זאלן זיין גרייט אין דעם דאזיקן טאג זיך נוקם צו זיין אין זייערע שונאים.

איר זעט א ברייטהארציקייט פון א קעניג? פאר בלויז אויספלאנען א פארטיליקונג פאר אידן, האט מען זיי דערלויבט נוקם זיין זיך אין זייערע שונ־אים. וויפל חדשים האבן די אליאירטע איצט געדארפט געבן די אידן זיי זאלן זיך נוקם זיין אן זייערע שונאים? פארטומלען דאך די הייננטיקע וועלט־הערשער די מוחות פון דער מענטשהייט וועגן דעמאקראטיע און ליבעראליזם!

עס וואלט גארניט געשאדט ווען די "גרויסע דריי" זאלן אויך קומען הערן פארלייענען די מגילת אסתר... טיף אין זייערע אויערן האבן געדארפט אפקלינגען די ווערטער פונם שטאלצן מרדכי:

רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר...

גוט האבן זיי זיך געדארפט צוהערן צו יענעם אויבנדערמאנטן פסוק ווי אחשורוש האט באשטימט דעם דרייצנטן טאג אין אדר אלס נקמה־טאג, אידן זאן זיך נוקם זיין אן זייערע פיינט.

שוין נאכדעם ווי המן מיט זיינע צען בנים זיינען געהאנגען... זיינען נאך אלץ געווען שונאים אין דער מדינה... דאס מיינט פשוט, ניט בלויז די פירער אליין זיינען די שולדיקע, נאר אויך דאס פאלק... ניט די היטלערס אליין, נאר אלע פיינט פון די רשעותדיקע לענדער זיינען מיטשולדיק...

* * * * *

יא

קומט אידן, מענער און פרויען, יונג און אלט; קומט אלע און פילט אן אייערע שולן און מנינים, אין אוונט און אינדערפרי; הערט לייענען די אייביקע מגילה, די מגילה, וואס דערמוטיקט אונדז און קרעפטיקט אונדז, און לאזט אונדז ניט אריינפאלן אין יאוש און פארצווייפלונג! נעמט מיט אייערע קינדער, דערציילט זיי וועגן פורים, וועגן די אלטע און נייע המנס; דערציילט זיי וועגן די שטאלצע מרדכים און טרייע אידישע אסתרס, וואס האבן זייער לעבן איינגעשטעלט פארן אידישן פאלק...

אין דער אלטער היים איז אלץ חרוב. א תל־עולם איז פון אלץ געווארן. לאמיר דא פארפלאנצן די הערלעכע און רייכע אידישע טראדיציע; געדענקט, קומט ניט אליין פורים צו דער מגילה. איר זייט בפירוש ניט יוצא ווען איר קומט אליין. נעמט מיט אייערע קינדער, אייערע אייניקלעך, אייערע קרובים. א הערלעכע דעמאנסטראציע פון מפלה איבער אונדזערע שונאים און א האפענונג, אז ליהודים וועט זיין בקרוב אורה ושמחה וששון ויקר — ליכטיקייט און שמחה, פרייד און דערהויבנקייט . . .

(פורים, תש״ה).

יב

מ׳דארף אזוי טרינקען, אז מ׳זאל ניט וויסן בין ארור המן לברוך מרדכי

אמר רבא: מיחייב איניש לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.

(גמרא מגילה, ז׳).

לחיים אידן, לחיים! היינט איז פורים, דארף מען נעמען צו ביסלעך משקה, מ׳דארף זיין אויפגערוימט, פריילעך, ניט פארדאגהט חלילה, ניט ארייינפאלן אין עצבות, ווייל עצבות איז די עצה פון יצר־הרע, פון דער סטרא אחרא, רחמנא לצלן . . .

דער רבי פון לובלין פלעגט זאגן אז אים געפעלט בעסער א פריילעכער, אויפגעראמטער, עם־הארץ, וואס קאן ניט מער ווי דאווענען, איידער א פארעצבותדיקער למדן, וועלכער איז תמיד אנגעברוגזט מיט א פולן בויך פרעטענזיעס . . . ווייל דער פארעצבותדיקער איז א שטיק אפיקורס. אים דאכט זיך, אז דער רבונו של עולם פירט ניט גוט די וועלט. והא ראיה, ער גיט אים ניט וואס ״ער״ באדארף . . . דער פריילעכער, וועלכער איז מלא שמחה איז צופרידן, א שמח בחלקו איז ער . . . מי אנכי, וואס מיר קומט אזויפיל און אזויפיל? ממילא דאנקט ער דעם באשעפער פון דער וועלט — נעמט ער צו ביסלעך און טרינקט לחיים, און ער ווינטשט אלע אידן א לחיים און א גוט יאר . . .

אויב דאס זיינען הייליקע רייד, וואס זיינען געזאגט געווארן אויף א גאנץ יאר, ווי אזוי שטעלט איר זיך אצינד פאר אום פורים? דארף מען טאקע נעמען דעם היינטיקן פורים צו ביסלעך משקה, און דוקא א גוט ביסל משקה, עס זאל אזוי דורכווארעמען, ממש דורך און דורך, אין אלע אברים . . .

אלטע חסידים פלעגן זאגן, אז זיי פארשטייען ניט צו וואס די גמרא דארף עס ערשט אנזאגן, אז פורים דארף מען זיך אביסל אנטרינקען. עס איז דא א פשיטא, א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך . . . אויב א גאנץ יאר דארף מען נעמען צו ביסלעך — על אחת כמה וכמה פורים?

דער תירוץ איז אזוי, — פלעגט הערש חסיד מסביר זיין, — אז די גמרא האט באווארנט די מתנגדים . . . זיי, די קאלטע, אין תמוז־צייט פארפרוירענע אידן, ביי זיי איז דאך אביסל משקה סם המות. וואלט דאך אויס־

געקומען ביי זיי אום פורים חלילה ניט טועם צו זיין אפילו איין טראָפּן איין זופּ. קומט די גמרא און זאָגט אָן מיט א הארבן וואָרט:

מיחייב איניש לבסומי בפוריא...

א מענטש איז חייב זיך אביסל אָנצוטרינקען. וואָלט דאָך א פרומער מתנגד, כדי יוצא צו זיין די היילקע רייד פון דער גמרא, געגומען נאָר אביסל פון יוצא וועגן... באוואָרנט די גמרא —

עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי...

ער דאַרף אַזויפיל טרינקען, אז ער זאָל ניט וויסן פון ארור המן ביז ברוך מרדכי...

(דאָ רעדט זיך פון פאַרצייטיקע מתנגדים, ווייל היינטיקע, כידוע, טרינקען שוין יאָ, און זיינען שוין מודה, אז אביסל משקה קאָן מחיה זיין א מענטשן...).

וועגן חסידים פלעגן זיצן ביי דער פורימדיקער סעודה, פלעגן זיי נתפּעל ווערן פון דער דאָזיקער גמרא.

פּשיסכער חסידים פלעגן אריינזאָגן אין דער דאָזיקער גמרא אזוי: זיי האָבן בקבלה פון זייערע גרויסע רביים, אז אומעטום, וואו עס שטייט אין דער גמרא "חייב אָדם" — א מענטש איז מחויב, דאָן דאַרף מען עס טאָן מיט מסירת־נפש. דאַרף מען טאָקע פורים ניט סתם טרינקען, ניט סתם אָנשכורן חלילה דעם גוף, ווי א פּויער רחמנא לצלן, נאָר טאָקע דעם נפש דערוואָרעמען, אויפוועקן און אויפבלאָזן דעם היילקן ניצוץ... זיינען טאָקע חסידים געזעסן כל אותו הלילה, א גאַנצע נאַכט און געטרונקען... חסידים האָבן געבראַכט גאַנצע טעפּ מיט שטאַרקן, אלטן, פּוילישן מעד און יין ישן, וואָס דעת זקנים נוחה הימנו ,און בשעת מעשה אריינטייטשן פּסוקים פון דער מגילה און פון מדרש... מילא דאָס איז געוועזן שוין איינמאָל א פורים!..

קאָצקער חסידים פלעגן טייטשן די גמרא אזוי, אז אויב די גמרא זאָגט "חייב אָדם" עס איז א חויב, מען מוז עס טאָן, איז וויפיל מען טוט עס, איז מען נאָך אַלץ חייב... אויב פורים איז א חויב צו טרינקען, איז וויפל מען טרינקט איז מען נאָך אַלץ א חייב... מיר קאָנען גאָר ניט אפילו יוצא זיין. פלעגט זיך טאָקע אין קאָצק, ביי חסידים, גיסן מיט משקה אום פורים, ווי צו ניסוך המים אין בית־המקדש. איין קליניקייט — דער היילקער רבא זאָגט בפירוש: מיחייב איניש לבסומי בפוריא...

א מענטש איז מחויב צו טרינקען אום פורים... און וויפל מען טרינקט איז מען אַלץ ניט יוצא, מען איז נאָך אַלץ חייב...

* * * * *

יג

איך בין טיף איבערציינגט, אז די גמרא האָט באהאלטן אין די דאָזיקע ווערטער א ביז גאָר וויכטיקע כונה. אמת איז, אז מיר ווייסן אויף זיכער ווער עס זיינען די המנס, ווייל זיי באהאלטן ניט זייערע כונות. זיי זאָגן אָפן, אז

דער איד איז חלילה "דאס ערגסטע" אויף דער וועלט. דער איד איז שולדיק, אין אלעמען איז ער שולדיק: אין דער סאציאליסטישער און קאמוניסטישער וועלט איז דער איד דער אייביקער קאפיטאליסט און קאנטער-רעוואלוציאנער, דער אויסנוצער און געלט-גייציקער בלוט-זויגער, דער פראצענטניק און מאַ־נער פונם פונט-פלייש, דער אמתער שיילאק . . . אזוי זיינען זיכער אלע שונאי ישראל אין די אויבנדערמאנטע לענדער.

אין די לענדער, וואו עס הערשט דער קאפיטאליזם און רעאקציע, פארשרייט מען דעם אידן, אז ער איז א קאמוניסט, א סאציאליסט. ער העצעט די ארבעטער צו סטרייקן און ער איז קעגן דער מאנארכיע און נאך און נאך אזעלכע חטאים.

די אפענע המנס זיינען באקאנט. זיי שטורעמען, זיי מאכן אן חורבות, זיי פארטיליקן זיי מארדן, זיי באגזלן דעם אידן; זיי בארויבן אים פון זיין רעכט, זיי מאכן פון אים א תל עולם. אין אזא שרעקלעך־ גרויזאמער צייט באווייזן זיך אויך "פריינט" פון אידן, וואס ריידן וועגן הילף, אבער העלפן זייער קארג; זיי ריידן וועגן רעטונג, אבער זייערע מעשים זיינען ווייניקער ווי גארניט; זיי פארשטעלן זיך פאר מרדכים און פארלאנגען אונדזער צוטרוי.

און אידן געפינען זיך נעבעך אין ביטערער פארלעגנהייט: אפן ארויס־ טרעטן קעגן יענע וואס פארשטעלן זיך פאר מרדכים און אין הארצן זיינען זיי די זעלבע המנס, קען מען דאך ניט, מען טאר דאך ניט, ווייל אין א צייט פון חורבן און צעשטערונג איז אפילו א גוט ווארט פון א פארשטעלטן המן אויך גוט — א ברירה האבן מיר ? . . מען טאר זיי ניט שילטן . . . מען קאן זיי אבער אויך ניט בענטשן. איז ביטער אויפן הארצן, זייער ביטער.

האט די גמרא, מיט איר טיפן, דורכדרינגעוודיקן בליק, וואס האט געקאנט ארייננקוקן אין דער טיפער צוקונפט און זען די ביטערע אידישע לאגע, באשטימט פאר אידן איין טאג, טאקע פורים, ווען מער דערציילט כסדר וועגן המנס פלאן צו "פארטיליקן פון יונג ביז אלט, פון מאן ביז פרוי, אלע אין איין טאג". אט אין דעם טאג האט די גמרא אונדז געווארנט ניט בלויז קעגן די המנס, נאר אויך קעגן די כלומרשטע "גוטע-פריינט", די "איידעלע", "פאר־ שטעלטע" המנס, וואס טראגן מרדכים אויסערלעכן "לבוש המלכות" און ריידן צערטלעך-זיסע רייד, ממש האניק און מילך איז אונטער זייער צונג און אין דער אמתן העלפן זיי דעם אידן גאר ווייניק.

אוועקשטעלן זיך און דעמאנסטרירן, שפייען אין זייער פנים קאן מען ניט, מען טאר עס ניט, ווייל צו וואס זיך פארשאפן מער שונאים — האבן מיר זיי קארג?

זאגט די גמרא, אז עס קומט פורים, דער טאג ווען מען האט זיך גוט איינגעהערט די אלטע און אייביק נייע געשיכטע פון אחשורוש און המן — דאן טרינקט, אידן, לחיים, נעמט משקה, און דוקא גוטע-משקה, טרינקט אזויפיל, אז איר זאלט ניט וויסן ווער ס'איז המן און ווער עס איז מרדכי . . . שילט אין טאטן אריין, ארור "מרדכי" וברוך המן . . . פארדרייט די יוצרות. א גאנץ יאר שילטן מיר די המנס עפנטלעך, די "מרדכים" פארשווייגן מיר. פורים אבער — מיחייב איניש לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי . . .

א מענטש איז מחויב צו טרינקען פורים אזוי, אז ער זאָל ניט וויסן א חילוק צווישן "פארשאָלטן זאָל ווערן המן, און געבענטשט זאָל ווערן מרדכי"... נאָר טאקע פריילעכערהייט, אויפגערוימט, בגילופנדיק, זאָל ער פארדרייען די יוצרות און זאָגן אפילו אָרור "מרדכי"... והמבין יבין.

* * * * *

יד

צי אונדזערע קללות וועלן עמיצן עפּעס א רעה טאָן — ווייסן מיר ניט. מיר ווייסן אָבער יאָ, אז דאָס נעמען פורים צו ביסעלעך משקה און זיין אויפגערוימט, קאָן דעם אידן אריינגעבן אביסל האָפענונג און א שטראַל פון גאולה קאָן די פינצטערע צייט דורכשפּאַלטן. שמחה של מצוה האָט א גרויסן כח. זאָלן אידן זיך פורים משמח זיין, עבט אידישלעך, ניט סתם זיך אָנטרינקען חלילה אָנגיסן דעם חומר, מעשה פויער. אזא טרינקען ברענגט ניט קיין שמחה, קיין שכל און קיין דעת; אזא טרינקען ברענגט צו שכרות, און א איד דאַרף ניט זיין שכור, נאָר אויפגערוימט, בגילופנדיק, דערהויבן, מיט שכל און מיט פארשטאנד, ווי חסידים פלעגן אמאָל טרינקען... אזא שטייגער טרינקען איז אידישלעך, חסידיש. ניט־קישקעדיק — פלעגן פארצייטיקע קאַצקער חסידים זאָגן, — נאָר מוחדיק, הארציק...

חסידים פלעגן געבן סימנים, און ס'איז ידוע, אז זייערע סימנים זיינען געווען מובהקים ממש בדוק ומנוסה. מען האָט אויף זיי געקאָנט בויען א דיקע מויער, מען דאַרף נאָר האָבן א קאָפּ שכל. נאָך אן איידעלער, אידישלעכער אכילת מצוה, זינגט מען זמירות, מען בענטשט, מען דאנקט דעם באשעפער פון דער וועלט, וואָס שפּייזט און דערנערט אַלע באשעפענישן; מען זאָגט א וואָרט תורה — אזא שטייגער אכילה איז חשובער ווי א קרבן, און דער טיש — ווי א מזבח... ס'איז אן אכילה רוחניות, ניט בלויז פארן גוף, נאָר אויך פאר דער נשמה... נאָך א פּראָסטער, מגושמדיקער אכילה גסה, סתם א פרעס, קריגט מען זיך ארום, מען זידלט זיך, מען פארגינט ניט, קנאה צעפּלאַקערט זיך, דאָס פּראָסטקייט קומט ארויס, ס'איז ניט קיין אידישלעכע אכילה, ס'איז א זבחי מתים...

דאָס זעלבע איז מיט אביסל משקה. עס דאכט זיך, דער זעלבער טרונק, דאָס זעלבע גלעזל, נאָר ס'איז דאָך אנדערש. ס'איז כרחוק מזרח ממערב... נאָך א אידישלעכן טרונק מאכט מען א ריקוד... שויין ניט ריידנדיק פון דער ברכה פאר און נאָכן טרונק. נאָר די משקה אליין האָט אן אנדער טעם — ס'איז ניט קיין קישקע משקה, ס'איז גאָלע מח, שכל, דעת.

וואָס־זשע איז ווידער דער חידוש, אז פון אזא שמחה זיינען חסידים נתעלה געוואָרן? וואָס־זשע איז דאָ דער פּלא, אז פון אזא משקה פלעגן חסידים קיינמאָל ניט שכור ווערן ?... צו אזא שטייגער טרינקען דאַרף מען האָבן הכנות, ניט סתם אזוי זיך, כאַפּ־לאַפּ. מען דאַרף וויסן וואָס מען טרינקט און דער עיקר — פאר וועמען מען טרינקט, און וואָס איז דער תכלית פון טרינקען. אין דער מגילה שטייט בפירוש: יום משתה ושמחה...

אזא מין שטייגער משתה, וואס זאל ברענגען שמחה . . . צו משלוח מנות איש לרעהו, און צו מתנות לאביונים; צו אהבה, צו ליבע איינער פארן צווייטן און מתנות לאביונים; צו גוט־ברודערשאפט און פריינדשאפט; צו א שלום אמת, ניט צו פירוד הלבבות און צו מחלוקת.

לאמיר זיך טאקע מכין זיין, ריכטיק פארבארייטן צו דער שמחת־פורים. ווי אזוי? קודם־כל זיך גוט צוהערן צו דער מקרא מגילה. אלע, מענער און פרויען, זין און טעכטער, יונג און אלט, — אלע דארפן קודם־כל קומען אין די שולן הערן די אלטע און אייביק נייע געשיכטע פון די אחשורושם און המנס, און זרשס, וואס עקזיסטירן ליידער אין אלע דורות און אין אלע צייטן; לאמיר זיך צוהערן צו די פלענער, וואס המן האט געפלאנט צו פארניכטן כל היהודים, אלע — ממש אלע — ניט איבערלאזן אפילו איינעם, רחמנא לצלן; לאמיר זיך צוהערן ווי א אידישע טאכטער, אסתר, האט מיט דער הילף פון מרדכין געבראכט די ישועה אויף אידן, און המן מיט זיינע צען בנים האבן געהאט א וויסטע מפלה . . . און אידן האבן געהאט א יום משתה ושמחה.

דער היינטיקער המן האט אויך געוואלט דאס זעלבע, צו פארטיליקן אלע אידן — ממש אלע — ניט איבערלאזנדיק אפילו איינעם. נו, ליגט ער טיף אין דער אדמה און זיין פאלק איז אויף געהאקטע צרות, אראפ פון אלע מדרגות.

און אידן? ניט געזארגט. מיר וועלן ברוך־השם לעבן און זיין א פאלק מיט א תורה און מיט א לאנד. ניט ווי אלע פעלקער, נאר העכער, שענער, ווירדיקער, שטאלצער, אמתער און דוקא אתה בחרתנודיק — להכעים אלע רשעים. דערוויל, אידן, דארף מען טרינקען לחיים! לחיים, לחיים! ווייל —

מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי . . .

א מענטש דארף טרינקען אזוי, אז ער זאל ניט וויסן ווען צו באטיטלען מיט ארור און ווען מיט ברוך . . .

לחיים אידן, לחיים ! . .

(פורים, תשי"ו).

החדש הזה לכם ראש חדשים

ביי קיין אומה ולשון זיינען ניט אזוי בולט די אויסערלעכע לעבנס־פארמען און כאראקטער־שטריכן ווי ביי דער כנסת־ישראל. ביי פארוואנדטע און משפחה־פעלקער איז זייער שווער אונטערצושיידן איין נאציע פון דער צווייטער. אויב עס זיינען יא פאראן שנויים און דיפערענצן, זיינען זיי אזוי באהאלטן, אז דאס דורכשניטלעכע אויג באמערקט עס קוים. נעמט, למשל, די דייטשן און די עסטרייכער. צוויי פעלקער, צוויי לענדער, צוויי קולטורן — כמעט צוויי רעליגיעס. די ערשטע זיינען פרומע פארטעסטאנטן און די לעצטע פרומע קאטאליקן. זיי גייען זיך פאנאנדער סיי אין דער קונסט, סיי אין דער ליטעראטור, סיי אין דער מוזיק און סיי אין דער מאלעריי און סקולפטור, און דאך זיינען זיי אויסערלעך ווי איין פאלק, ממש ווי איין טראפן וואסער. דאס

דורכשניטלעכע אויג באמערקט עס שוואך,ביידע זיינען זיי גערמאנער מלידה ומבטן . . .

אדער נעמט, למשל, די האלענדער און די בעלגישע פעלקער. ווידער צוויי פעלקער, צוויי גרעניצן, צוויי געקרוינטע מאנארכן, צוויי קעניגלעכע הויפטן, צוויי קולטורן, צוויי שטרעבונגען און זייער ענד־ציל און דאך זיינען זיי ווי איין פאלק מיט איין שפראך, און דער דורכשניטלעכער באאבאכטער קען עס גאר ניט באמערקן.

איר קאנט דעם דאזיקן דיאגנאז אנווענדן סיי ביי די סלאווישע פעלקער און סיי ביי די לאטיינישע נאציעס, סיי ביי די אריענטאלישע און סיי ביי די קאלירטע שבטים. אידן בלייבן אבער אז אנזעעוודיקער און בולטער אויסנאם — פון זונען־אויפגאנג ביז זונען־אונטערגאנג, מראשית שנה עד אחרית שנה, שטעלן מיט זיך פאר די אידן אן אייגנארטיקן און גאנץ באזונדערן לעבנס־שטייגער — א פאלק וואס באהאלט ניט זיינע שנויים און פרוואוט ניט, אין אלגעמיין, אפצורייבן די בליטות, וועלכע אונטערשיידן אים פון אלע פעלקער.

דער אתה בחרתנויזם איז ניט — ווי די אנטיסעמיטן און זייערע אומדירעקטע פארבינדעטע ווילן אונדז איינריידן — אז איינגערעדטער יחוס און אז אומבארעכטיקטע בארימעריי. איינגערעדטן יחוס קאן מען מיט די פינגער ניט אנטאפן און די פוסטע בארימעריי מוז קאנען באווייזן אז איר איבערטריבענער רום האט אויך א ממשות. ווען א נגיד האט אויף אן אמת ליגן א מנה יפה אין זיין באנק, האט ער זיך טאקע מיט וואס צו בארימען, ווייל זיין בארימעריי איז רעאל, ער קאן עס באווייזן שווארץ אויף ווייס.

די שוין לאנג באנקראטירטע אסימילירטע יאהודים, וועלכע וויינען נעבעך אויף זייער ביטערן גורל, וואס א אידישע מאמע האט זיי געבוירן, ביי זיי זעט ווירקלעך אוים דער אתה בחתנויזם ווי סתם בארימעריי, ווייל זיי האבן צום אידישן שורש מער קיין שייכות ניט. זיי פילן ניט אונדזער ווייטיק און זיינען זי ניט משתתף אין אונדזער פרייד. זיי פילן ניט און ווייסן ניט, וואס יהדות באדייט. זיי האלטן, אז דאס אידנטום איז א דלפנישער קיבוץ, וועלכער פארמאגט גארניט און במילא קאן ער גארניט געבן, ניט פאר זיך, ניט פאר זייערע שכנים און ניט פאר דער וועלט. ביי די דאזיקע יאהודימלעך זעט דער אתה בחרתנו איך אוים ווי א דלפון, וועלכער שטעלט זיך אוועק באַ־רימען מיט זיינע פאלאצן און גיטער, וויינגערטנער און וועלדער, שלעסער און גאלד־מינען. לאמיר זיי דעריבער מוחל זיין און דן זיין לכף זכות, צוליב זייער פארגרעבטקייט און עם־הארצות, צוליב זייער קאלטקייט און אפגעשטאנענקייט.

דער איד, וועלכער שטייט אבער מיט ביידע פיס אין אידנטום, און זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים זיינען מיט טויזנטער פעדים פארקנופט מיט אלע ווערטן פון יהדות, ער שטילט זיין דורשט פון אונדזער אלטן און אייביק נייעם, לעבעדיקן און שפרודלדיקן קוואל; דער איד. וועלכער פילט און ווייטיקט דעם צער האומה און שטייט גרייט צו העלפן מיט וואס ער קאן, ווער מיט זיין נשמה און ווער מיט זיין נפש, ווער מיט זיין רוח און ווער מיט זיין גוף, ווער מיט זיין ענערגיע און זיין צייט, און ווער מיט זיין געלט, דער דאזיקער איד, אויב כביכול האט אים געשאנקען מיט ליכטיקע אויגן, דער

זעט דעם גרויסן בולטן דיפערענץ, דער פילט דעם אתה בחרתנואיזם, דער זעט, אז דער גאנצער אידישער געשטעל איז פון קאָפּ ביז די פיס, פון טאָג ביז נאכט, פון אָנהויב יאָר ביז צו זיין סוף ,אנדערש ווי עס איז ביי אנדערע פעל־קער און נאציעס, און פון די דאָזיקע שנויים בן ישראל לעמים דרינגט ער ארוים די הבדלה.

אונדזער מעת־לעת הויבט זיך אנדערש אָן ווי ביי די אומות העולם. ביי אונדז איז פּריזיטיק מיטן זון־אונטערגאנג שוין שבת, און אויס שבת ווען עס ווערט נאכט צו מאָרגנס. ביי אנדערע פעלקער הויבט זיך ערשט אָן טאָג און דערנאָך ווערט ביי זיי נאכט. ביי אונדז איז פריער פינצטער און דערנאָך ווערט ליכטיק, טאָג. ויהי ערב — און דאן ויהי בוקר.

אידן הייליקן דעם לעצטן טאָג פון דער וואָך, שבת. ביי די אומות העולם איז פריער "הייליק" און דאן וואָך.

ווי מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ביי די אומות העולם איז דער ערשטער חודש פונם לויפנדיקן יאָר דער אָנהויב פונם ניי יאָר. ביי אידן איז עס ניט אזוי. אונדזער ראש־השנה פאלט אויס יעדן יאָר אין זיבעטן חודש. בחודש השביעי, באחד לחדש אא"וו. און גראָד איז ניסן ביי אונדז דער ערשטער חודש.

ויאמר ה' אל משה ואל אהרן בארץ מצרים לאמר: החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה . . .

ווי א ביין אין האלדז איז אָט די בולטע צעטיילונג פונם אידישן מעת־לעת, פון די אידישע חדשים און פון אידישן יאָר ביים אנטיסעמיטישן געזינדל אין אלע לענדער און אלע דורות. אין די בתי־מדרשים פון "פּראַטאַקאָלן פון חכמי און זקני ציון" קנעלט מען די דאָזיקע מסכתא און שווערע, קאלטע טראָפּנס שוויים קייקלען זיך אויף די טרפהנע פּרצופים פון זייערע באנק־קוועטשער. און ניט בלויז די שונאי־ישראל קאָנען עס ניט פארשטיין, נאָר אפילו די גאנצע, האלבע אָדער פערטלדיקע רעפאָרמער קאָנען עס ניט מוחל זיין משה רבנון פאר אזא מין צעטיילונג און שרייענדיקן, בולטן אונטערשייד בין ישראל לעמים . . . די דאָזיקע מ'שטיינס געזאָגט, פירער־פארפירער, ווען זיי האָבן באָרד און פּאות, וואָלטן זיי ביי זיי געשוואָרן, אז אָט־אָ־דאָס איז די גאנצע שטערונג, וואָס אידן קאָנען זיך ניט צוזאמענמישן מיט אנדערע נאציעס ,און ווען ניט אָט־אָ־די בולטע אונטערשיידונגען צווישן איד און ניט־איד, וואָלטן אידן היינט געווען — אזוי צו זאָגן — א פאָלק מיט פעלקער גלייך. עס וואָלט געווען ככל הגויים בית־ישראל.

כביכול האָט אָבער מיט ספּעציעלער כונה זיך געווענדעט צו די דאָ־מאָלסטדיקע צוויי פירער פון די בני־ישראל און צו זיי אזוי געזאָגט: משה און אהרן, איר הערט? אָט זייט איר נאָך אצינד אין מצרים, אָט וועל איך אייך באפרייען פון אייער קנעכטשאפט, אָט וועל איך פארוואנדלען דאָס שקלאפן פאָלק אין א ממלכת כהנים וגוי קדוש, איך רייד אָבער מיט אייך אויס איין תנאי:

החדש הזה לכם ראש־חדשים. ראשון הוא לכם לחדשי השנה . . .

ניט געקוקט וואָס תשרי איז ראש־השנה, דער אָנהויב פון יאָר, אייער ערשטער חודש זאָל אָבער זיין דער חודש, ווען איר גייט ארויס פון מצרים,

דער חודש אין וועלכן איר הויבט זיך אָן אונטערשיידן פון אַלע אַנדערע פעלקער·

ואמר לכם· אתם תירשו את אדמתם ואני אתננה לכם לרשת אותה· ארץ זבת חלב ודבש· אני ה׳ אלקיכם אשר הבדלתי אתכם מן העמים· (ויקרא, כ׳ כ״ד).

דער אָנהויב פון אַ נייער, ליכטיקער עפּאָכע ביי אידן הויבט זיך אָן דוקא דאַן, ווען אידן הויבן אָן זייער אייגנאַרטיק רעליגיעז־נאַציאָנאַל לעבן און זיי רייסן איבער אַלע פעדים וואָס האָבן זיי פאַרבונדן מיט זייערע שכנים. דוקא החדש הזה, ווען איר ווערט אַ בן־חורין פאָלק, ווען איר רייסט איבער די גלות־קייטן, ווען איר פאַרמיאוסט דעם גלות און זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער, דוקא החדש הזה לכם ראש־חדשים, אָט־דער חודש איז ביי אייך דער אָנהויב פון באַנייאונג, דער אָנהויב פון אַ נייער תקופה אין אייער לעבן אַלס פאָלק, אַלס הייליקער קאָלעקטיוו און אַלס פאַראייניקטער, שטאַרקער אומצע־ברעכבאַרער צבור.

ווען דער גלות מצרים האָט דערגרייכט זיין סוף, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די שפּורן און די טריט פון דער גאולה:

ויאמר ה׳ אל משה ואל אהרן בארץ מצרים לאמר . . .

דאַן האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט דער אידישער פירערשאַפט, אַז דאָס איז דער תנאי פון אייער דערלייזונג: החדש הזה לכם ראש־חדשים. דוקא דער חודש און ניט ווי ביי אַלע אומות העולם, אַז ניי־יאָר איז אויך גלייכצייטיק דער ערשטער חודש. אָט־אָ־די הבדלה איז דער אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך די אידישע געשיכטע. יעדער פּרוואו נאָכצומאַלפּעווען וואָס אַנדערע טוען, האָט זיך ניט איינגעגעבן. ווען אין די פריערדיקע דורות האָט מען געבעטן אידן, מען האָט זיי איינגעלאַדן צו אסימילירן זיך, פאַריאָגט מען זיי היינט פון זייערע דערגרייכונגען, ווי טמאים, פאַרטרייבט מען זיי פון דער אַרישער געזעלשאַפט.

ווען מען האָט אין די פריעריקע דורות אידן צוגערעדט צו שמד און זיי פאַרגעלייגט "ביידע וועלטן", ווען מען האָט געעפנט פאַר זיי די טויערן פונם קאַטוילישן "גן־עדן" און אונטער די קירכן־גלאָקן האָט מען זיי אַריבערגעפירט פון אידישן גלויבן צום ניט־אידישן, איז דאַן געווען שישו ושמחו אין דער גוישער וועלט. היינט וועקן די נאַציס אויף די געשמדטע זיידעס פון זייערע קברים און וואַרפן אַרויס זייערע ביינער ווי מען וואַרפט די ביינער פון אַ גע־פגרטן הונט. זיי אַליין נעמען אַרונטער דעם קרייץ פון די געשמדטע אידישע קברים, זיי זאָגן אַז אַ איד איז ניט ווירדיק גענוג צו שלאָפן זיין אייביקן שלאָף אונטערן שאָטן פונם געקרייציקטן . . . שיקט מען אים צוריק צו קבר ישראל.

די געשיכטע צייגט אונדז אַז ניט די אסימילאַציע און ניט שמד, און ניט יעדער אָפּנויג פון מקורדיקן אידנטום האָט ווען עס איז מצליח געווען. מיר שטייען ביים סוף פון גלות און די טריט פון משיח זיינען נאָענט. לאָמיר הערן די געטלעכע שטימע, וועלכע רופט צו אונדז:

החדש הזה לכם ראש־חדשים· ראשון הוא לכם לחדשי השנה . . .

איז די מלחמה ווירקלעך פארענדיקט?

יום־טוב נעמט תמיד איבער אבלות

מיט טיפֿע וואונדן אינם הארצן, מיט קיינמאָל אויסוואשבארע טרויער־פֿלעקן אויף אונדזער נשמה, נעמען מיר זיך פֿרייען אונדזער גרויסן יום־טוב פֿון די פֿאראייניקטע פֿעלקער און פֿון דער פֿרייהייט ליבנדיקער מענטשהייט אויף דער גאנצער וועלט. דער יום־טוב פֿון נצחון טראָגט א פֿילפֿאכיקן כאראקטער, ער איז ניט בלויז דער יום־טוב פֿונם יחיד און פֿון דער משפּחה, וועלכער טראָגט נאָר אן אינדיווידועלן אויסזען, ווייל דער זון אָדער מאן, דער ברודער אָדער פֿאָטער איז צוריקגעקומען פֿונם בלוטיקן שלאכטפֿעלד. ער איז געווען אין דער גרעסטער סכנה, צווישן גרויזאמען טויט, אויף געפֿערלעכסטע וועגן, אין שרעקלעכע באַדינגונגען, ווייט פֿון דער היים, פֿון זיינע נאָענטע און פֿריינט, פֿול מיט בענקשאפֿט און האָפֿענונג.

וועלכער מענטש פֿילט ניט די דאָזיקע פֿרייד? וועלכער פֿריינטלעכער שכן אָדער נאָענטער, באטייליקט זיך דאָ ניט אין דער שמחה פֿון דער פֿאמיליע וועלכע האָט זוכה געווען אז זייער זון אָדער ברודער זאָלן אהיימקומען לעבעדיקערהייט פֿונם בלוטיקן שלאכטפֿעלד?

עס איז אמתע פֿרייד. ריינע, זויבערע שמחה, וועלכע דארף אויף אן אמת געפֿייערט ווערן מיט באגייסטערונג און דאנקבארקייט פֿאר גאָט, פֿארן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט דעם אָדער יענעם יחיד, מיט דער אָדער יענער משפּחה. דער יום־טוב פֿון נצחון טראָגט אָבער אויך א פֿאָלקס און וועלט־כאראקטער. די וועלט־שרפֿה איז פֿון געשיקטע פֿייער־לעשער לאנגזאם אָבער מיט דערפֿאָלג לאָקאליזירט און אינגאנצן אין איראָפּע פֿארלאָשן געוואָרן.

די בלוטיקע שלאכטן האָבן אויפֿגעהערט .די זינדיקע ערד וועט איינזאפּן דאָס פֿארגאָסענע בלוט, פֿארמערם וועלן פֿאראקערן די פֿעלדער און די פֿארלאָזענע ביינער פֿון די הרוגים וועלן ווידער מיט פֿרילינג־שפּראָצן באדעקט ווערן . . . מענטשן, ניט שרעקנדיק זיך פֿארן טויט, וועלן צווישן די חורבות אויפֿקלייבן שטיקער צעבראָכענע מעבל און פֿארשרפֿהטע קליידער, פֿארשיידענע כלים און אנדערע שיריים פֿונם בלוטיקן שפּיל . . .

אמת, אז נאָך לאנג וועט די חרוב געוואָרענע איראָפּע קרעכצן און זיפֿצן ביז אלץ וועט ווידער אויפֿגעבויט ווערן ווי געווען; נאָך לאנג וועלן מיליאָנען, סיי פֿון די זיגער און סיי פֿון די באזיגטע, ניט האָבן קיין באקוועם אָרט וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן; נאָך לאנג וועלן זיך אָנזען די שפּורן פֿון דער גרויזאמער בלוט־באָד.

אָבער שלום איז פּראָקלאמירט געוואָרן! די גרויסע מיילער, וועלכע האָבן געשפּיגן מיט טויט און פֿארניכטונג, האָבן אויפֿגעהערט צו פֿונקציאָנירן. זיי זיינען פּאראליזירט געוואָרן . . . שלום הערשט איצט אויף אלע פֿראָנטן פֿון איראָפּעישן קאָנטינענט!

א יום־טוב איז פּראָקלאַמירט געוואָרן — דאַרף זיך איטלעכער פרייען.

די שמחה דאַרף אָבער פאַרפילפאַכט ווערן, ווייל די באַזיגטע זיינען איצט ניט סתם אַזוי זיך א פאָלק, וועלכן עס האָט זיך פאַרגלוסט דעם שוגאַס א שטיקל טעריטאָריע. די באַזיגטע זיינען די גרעסטע רשעים פון אַלע דורות; די באַזיגטע זיינען די בלוט־דורשטיקע הונען ,די אייניקלעך פון עמלק און המן, וועלכע זיינען איבערגעשטיגן מיט זייער רשעות זייערע זיידעס; די ני־דערטרעכטיקסטע פון דער גאַנצער ערד, וועלכע האָבן געוואָלט באַהערשן די גאַנצע וועלט . . . די שמחה דאַרף זיין פיל גרעסער, ווייל דער גרעסטער שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און פון אידישן פאָלק בפרט האָט געליטן די פאַרדינטע מפּלה — ווי משוגענע הינט זיינען זיי אַלע דערשאָסן געוואָרן, ווי שדים און וויסטע מלאכי חבלה זיינען זיי אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון דער וועלט־אַרענע. אַצינדער ליגט דייטשלאַנד אין חורבות . . . אין חרפּה און אין בושה־קאַנוואולסיעס וואַלגערט זיך די "בעסערע ראַסע", צו שאַנד און צו שפּאָט . . .

זה חלק אָדם רשע מאלקים ונחלת אמרו מאל . . .

(איוב, כ׳, כ״ט).

"אַזאַ חלק באַקומט דער רשע פון גאָט, אָט־אָ־דאָס איז די ירושה זיינע פונם אַלמעכטיקן". . .

בקום רשעים יסתר איש ובאבדם ירבו צדיקים . . .

(משלי כ״ח).

"ווען רשעים טרעטן אויף, ווערט דאָס מענטשלעכקייט פאַררוקט אין א ווינקל. ערשט ווען זיי קומען אום, באַווייזט זיך דאָס גערעכטיקייט". . .

עס איז ניט בלויז די מפּלה פון איין רשע און איין פאָלק. עס איז גלייכצייטיק די מפּלה פון פיל פעלקער און רשעים, וועלכע האָבן זיך געחנפעט צו דער ברוטאַליטעט און צו די בלוטיקע טיראַנען, און שנעל זיך אויסגעלערנט די פינצטערע מעטאָדן פון פאַרשקלאַפן און מאָרדן, פון רויבן און פאַרניכטן.

מיט קיינמאָל פאַרהיילבאַרע וואונדן אין האַרצן, מיט טיף פאַרטרויערטע נשמות, פרייען מיר זיך איבערן נצחון פון די פאַראייניקטע פעלקער איבער די רשעים פון דער ערד . . . און כאָטש אונדזערע חשבונות זיינען לאַנג ניט אויסגעגליכן, און אונדזערע חובות נאָך לאַנג ניט באַצאָלט . . . גיבן מיר זיך א קניפּ אין די באַקן, מיר מאַכן זיך א פריילעכן קאָליר און מיר פרייען זיך.

דאָס אידישע פאָלק האָט זיינע קרבנות נאָך ניט פאַרגעסן. מיר וועלן זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ביז אונדזער לעצטן אָטעם־צוג וועלן מיר טראָגן יענע קדושים און זייער אָנדענק אין די טיפענישן פונם האַרצן. הייליק וועלן זיי פאַר אונדז און פאַר די קומענדיקע דורות פאַרבלייבן . . . מיר וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן טרויערן אויף די טויזנטער אידישע ישובים, וואו אידן האָבן געלעבט, געווירקט און געשאַפן, געבויט אידיש און אַלגעמיין לעבן. פאַרוואָר־צלט הסטאָרישע קולטור ווערטן, געוועזן די טרעגער פון דער ציוויליזאַציע, געהאָלפן פעלקער מער ווי זיך אַליין . . .

און נאָך אַלעמען — זו תורה וזו שכרה? דאָס איז די באַצאָלונג וואָס מיר האָבן באַקומען ? . .

דער גאַנצער היינטיקער אידישער דור, סיי מענער און פרויען, סיי יונג און סיי אַלט, אַלע, אָן אויסנאַם, זיינען לעבנסלענגלעכע אבלים נאָך אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער, קדושים און טהורים פון אייראָפּע. מיר זיינען תמיד אין טרויער איבער די חרוב געוואָרענע קהלות קדושות, וועלכע האָבן געשאַפן אַמתדיק אידיש לעבן.

אידן ווייסן אָבער דעם אידישן דין, אַז יום־טוב נעמט תמיד איבער אבלות . . . קומט אַ יום־טוב, הערט אויף שבעה, הערן אויף שלושים . . .

אמת, זיי זיינען ניט נוהג בפרהסיא, אין דער עפנטלעכקייט מוז מען זיין יום־טובדיק געקליידעט און געשפּייזט, בצניעא אָבער, אין די פאַרבאָרגענישן, אין געהיים, קאָן מען פאַרט דאָס אבלות ניט פאַרטרייבן . . . אדרבא, שטעלט זיך אַליין פאָר, ווען איינער פאַרלירט זיין נאָענטן און ער זיצט שבעה, קלאָגט און וויינט, און אין סאַמע מיטן קומט דער יום־טוב, הויבט ער זיך טאַקע אויף פון דער שבעה . . . אָבער די טיפע וואונדן אין זיין האַרצן קאָנען פאַרט ניט אַזוי, איינס־צוויי, פאַרהיילט ווערן . . . דער יום־טוב נעמט טאַקע איבער די שבעה, די שלושים און דאָס אבלות, אָבער דער ווייטיק איז נאָך אַלץ גרויס און דאָס געוויסן וויל זיך אַלץ ניט באַרואיקן . . .

די וואָך איז אַ גרויסער יום־טוב. די גרעסטע רשעים פון אַלע דורות האָבן געליטן זייער פאַרדינטע מפּלה, דאָס ליכט פון רשעות איז פאַרלאָשן געוואָרן:

אין שלום אָמר אלקי לרשעים . . . (ישעיה, נ״ז).

אַזוי לאַנג ווי רשעים עקזיסטירן קאָן קיין רייד ניט זיין פון שלום, ווייל די טרעגער פון שלום זיינען די פריינט פון גאָט, וועמעס נאָמען איז אויך שלום, און די רשעים זיינען די פיינט פון גאָט און פון זיין אויסדערוויילט פאָלק. מיר דאַנקען גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט ניט געלאָזט אָפּמעקן אונדזער נאָמען פון די לעבנדיקע, און מיר רופן צו אים פון די טיפענישן פון אונדזער פאַרבלוטיקט האַרץ:

קומה ה׳ הושיעני! כי היכת את כל אויבי לחי. שני רשעים שברת . . . (תהלים, ג׳).

„הויב זיך אויף, גאָט, און העלף אונדז אויך; דו האָסט שוין גוט צעקלאַפּט די באַקן פון אונדזערע פיינט; די ציין פון די רשעים האָסטו שוין צעבראָכן, אַצינד בעטן מיר ביי דיר, גאָט: הויב זיך אויף און העלף אונדז ! . .״

מיר גלויבן אַז השם יתברך האָט פאַרטיליקט די רשעים מיטן רשעות צוזאַמען, און די אַלע לעבנסגבליבענע שותפים צום רשעות וועלן אַלע זייער לוין באַקומען, ווייל:

לא יקומו רשעים במשפט . . .

ווען דער משפט וועט פארקומען וועלן סיי די רשעים און סיי דאס רשעות קיין קיום ניט האבן, נאר ווי דער שפריי, וואס דער ווינט פאריאגט:

כן יאבדו כל אויביך ה'... (שופטים, ה׳).

אזוי זאלן פארטיליקט ווערן אלע דיינע פיינט, גאט... לאמיר זיך פרייען, שוין דערפאר, ווייל: ווען רשעים קומען אום דארף הערשן געזאנג און פרייד...

ובאבוד רשעים רנה...

ווען דאס רשעות איז אוועק, לאמיר האפן אז דאס גערעכטיקייט וועט רעגירן און דיקטירן די הערשער פון דער נייער וועלט, און דער גרעסטער שותף צו דער מלחמה, דער ערשטער וועמען דער רשע האט קריג דערקלערט, וועט פארט באלוינט ווערן פאר זיינע פארלוסטן, פאר זיינע לידן און פיין. דאס אידישע פאלק וועט נאר דאן קאנען מוחל זיין זיינע פיזישע און גייסטיקע באדריקער, ווען עס וועט זיי צוריקגעקערט ווערן זייער אייגן לאנד:

וכפר אדמתו עמו...

נאר מיטן צוריקקערן דעם אידן זיין אייגענע ערד קאן געמאלט זיין א כפרה. ביז דאן, לאמיר זיך פרייען, לאמיר אנטיילנעמען אינם גרויסן יום־טוב פון נצחון, ווייל דער גרעסטער שונא אין אונדזער געשיכטע איז פאטיליקט געווארן; לאמיר זינגען ווייל:

ובאבוד רשעים רנה...

"ווען רשעים קומען אום דערוועקט זיך געזאנג".

אידן, עס איז איצט יום־טוב צייט, און יום־טוב נעמט איבער שבעה, שלשים און אבלות...

(כ"ה אייר, תש"ה; מאי 8טן, *(1945 V-E Day)*

געדרוקטע ספרים פון זעלבן מחבר

״מאיר עיני ישרים״ בראשית.
״מאיר עיני ישרים״ שמות.
״מאיר עיני ישרים״ ויקרא (אצינד אין דרוק).

די אלע ספרים זיינען זאמלונגען פון פערלדיקע ווערטער און בליציקע געדאנקען איבער כמעט אלע פסוקים פון חומש, דערקלערט און אריינגעטייטשט פון גאוני וצדיקי ישראל פון אלע דורות.

א חוץ וואס דער מחבר האט אויך אין די ספרים פיל פון זיינע אייגענע באמערקונגען, דערקלערונגען און מאמרים, האט ער זיך באמיט אז אלץ זאל זיין בקיצור און קלאר פארשטענדלעך פאר איטלעכן בן־תורה.

איבער דער וויכטיקייט פון די ספרים זאגן עדות אין זייערע הסכמות:

הרב הראשי ר׳ יצחק־אייזיק הרצאג שליט״א, ירושלים.
הרב הראשי ר׳ בן־ציון מאיר חי עוזיאל, שליט״א, ״
הרב הראשי ר׳ משה־אביגדור עמיאל ז״ל, תל־אביב.
הרב ר׳ אליעזר סילווער שליט״א, סינסינעטי.
הרב ר׳ יעקב ראזנהיים שליט״א, ניו־יארק.
הרב ר׳ ישעי׳ פירסט ז״ל, ווין.
הרב ר׳ יקותיאל־יהודה שליט״א, קאלומבוס, אהייא.
הרב ר׳ זלמן סאראטשקין שליט״א, לוצק—ירושלים.
הרב ר׳ אליהו־מאיר בלאד שליט״א, טעלז—קליוולאנד.
הרב ר׳ שמואל הלוי בראט שליט״א, אנטווערפען — ניו־יארק.
הרב אברהם קאלמאנאוויטש טיקטין שליט״א, ניו־יארק.
הרב ר׳ אברהם יאפין שליט״א, ביאליסטאק—ניו־יארק.
הרב הצדיק ר׳ שאול־ידידי׳ טאב שליט״א, מאדזיצער רבי
הרב הצדיק ר׳ משה־יחיאל עפשטיין שליט״א, אזשעראווער רבי.

הרב הצדיק ר׳ אברהם־יעקב פרידמאן שליט״א, סאדיגורער רבי.

הרב הצדיק ר׳ מרדכי שלום יוסף פרידמאן שליט״א, סאדיגורער רבי.

הרב הצדיק ר׳ ירוחם ליינער שליט״א, ראדזינער רבי.

״נצנים״, א זאמלונג פון העברייאישע שירים.

ווער עס איז פאראינטערעסירט אין די ספרים קאן זיך ווענדן צום מחבר:

RABBI MEYER SCHWARTZMAN
367 BOYD AVE. WINNIPEG, CANADA